STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06284

IN PLONTER FUN LEBN

Meir Bezovik

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר בעזאַוויק

אין פלאַנטער פון לעבן

(דערציילונגען)

אַרויסגעגעבן פון שרייבער פאַריין „ה. ד. נאָמבערג"
שער־בלאַט געצייכנט פון קונסט־מאָלער יעקב וואָלבערג
בוענאָס־איירעס, יאַנואַר 1954 — ה'תשי"ד

IMPRESO EN LA ARGENTINA
Queda hecho el depósito que previene la
Ley 11.723 - Copyright by
MEIER BEZOWIK

EN LA RED DE LA VIDA

(IN PLONTER FUN LEBN)

CUENTOS y NOVELAS

Buenos Aires
1954

מאיר בּ

אויף פּלאָנטער פון לעבן

בוענאָס־איירעס, יאַנואַר 1954 — ה'תשי"ד

י. זו.

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיינע
צוויי שוועסטער, אסתר און ליבע,
און אַלע קדושים פון אונדזער שטאָט.

פאָרוואָרט

אין די פופצן דערציילונגען, וואָס דער מחבר האָט אויסגעוויילט פון אַ סך אַנדערע פאַר דעם דאָזיקן בוך, אַזוי פאַרשיידנאַרטיק אין דער טעמאַטיק צוליב די פעריאָדן, אָדער צייט־אָפּשניטן, אין וועלכע זיי זיינען געשריבן געוואָרן, מוזן באַזונדער אונטערגעשטראָכן ווערן די מלחמה־דערציילונגען: זיי זיינען אַ פּראָדוקט פון דער אומנאָרמאַלער, אימהדיקער תקופה; זיי זיינען אויך דער פּראָטעסט און די טרערן פון דער בלוטיקער־צייט.

די חורבן־תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט געווירקט אויף דער גייסטיקער געשטאַלטונג פון יעדן איינעם: צעמישונג פון געפילן, אויפברויז, איבערשאַצונג פון ווערטן און חשבון־הנפש — זיינען אירע סימנים.

אַ דערציילער מוז בעל־כרחו אָנהאַלטן דעם ריטם פון דער צייט, זען איר ווירקונג אויף די לעבעדיקע מענטשלעכע וועזנס, וואָס שפּילן אין דער תקופה זייער לעבנס־ראָל.

דאָס אַרויסברענגען די פּערסאָנאַזשן אויף דער אויבערפלאַך פון דער אויפגעברויזטער צייט ווי מוסטערן, וועלכע מוזן נאָך געבן מיט זייערע האַנדלונגען דעם מוסר־השכל, איז אַ דאַנקבאַרע אָבער שווערע אויפגאַבע. דער דערציילער מוז זען אין זיין סביבה די ענדערונגען, פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן דענקען, די אַלע וויברירונגען פון אַ צעטרייסלטער נשמה, וואָס די צייט און אירע פירער זיינען גורם. ער מוז אין די טיפע מענטשלעכע נשמה־געפילן, זען די ענדערונגען צום גוטן אָדער שלעכטן. דערפאַר, מוז מען מודה זיין, די סתירות צומאָל אין די געפילן פון שרייבער גופא, וואָס מוז זיי, סוביעקטיוו גענומען, קענען אויך באַהערשן.

אָט קומט אויס צו דערציילן פון „לעבעדיקן לעבן" — די אַקטו־לעע זאַכן, וואָס די צייט קען זיי איבערלויפן, פאַרשווענקען — און „אמתע מעשה", וואָס דאַרף אָבער ווערן פאַרפיקסירט אַנדערש ווי דאָס שפּילט זיך אָפּ אין שטוב, אויף דער גאַס. דער שרייבער ווערט אַריינגעפירט, נישט זעלטן, אין אַ פאַרכשופטן קרייז, אין פלאָנטער פון געפילן, פון אויפגעברויזטע געמיטער, פון וועלכע עס איז שווער אַרויסצוקומען נישט געשעדיקט... מוז אָפּטער דער מחבר אַוועקשטעלן דאָס פּראָבלעם; די חשובה, די ליזונג, לאָזט ער איבער פאַר די געשעענישן און אומשטענדן פון אַ קומענדיקער, גליקלעכער עפּאָכע...

דער סימן־מובהק פון דער אמתדיקייט און אויפריכטיקייט פון אַ מחבר זיינען די פעריאָדן, אין וועלכע ער האָט זיינע דערציילונגען אַרויסגעבראַכט. יאָ, די צייט קען זיינע העלדן און שילדערונגען פאַרטראָגן, פאַרבלאַסן, אָבער זייער אמת — דער אמת פון זייער תקופה — וועט בלייבן פאַר דער געשיכטע ווי אַ שפּיגל, אין וועלכן מען וועט קענען אַריינקוקן און עפּעס לערנען.

דער מחבר

בוענאָס־איירעס, יאַנואַר 1954.

דער נישט פֿאַרענדיקטער בריוו

שוין וואָכן און חדשים ווי סאַראַ האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ בריוו צו אירע עלטערן אין דער ליטע און האָט אים נאָך נישט פאַרענדיקט. שוין אַריבער צוויי יאָר ווי זי איז געקומען קיין אַרגענטינע און ווי ווייניק בריוו זי האָט זיי געשריבן. תחילת איז נאָך געווען אַ ביסל שטאָף וועגן וואָס צו שרייבן. ווען אַלץ איז נאָך געווען פאַר איר ניי, רייצנדיק און זי האָט זיך געסטאַרעט צוצופּאַסן צום נייעם לעבן, האָט זי באַשריבן די מנהגים פון דעם לאַנד, די געוואוינהייטן פון די איינוואוינער. זי האָט ווי־עס־איז אויסגעפּילט אַ בריוו, כאָטש זיין ענדע איז שטענדיק געווען מיטן זעלבן נוסח: „מער קיין וויכטיקע נייס איז נישטאָ". די בשורה, וואָס אירע עלטערן האָבן דערוואַרט: דערלעבן פון זייער טאָכטער „נחת", איז נישט געקומען.

יעדן פרימאָרגן, ווען זי גייט אַוועק צו דער אַרבעט, איז זי זיכער, אַז אין אָוונט וועט זי שוין דעם בריוו פאַרענדיקן. און פאַרנאַכט, ווען זי קומט פון דער אַרבעט אַ מידע, אַן אויסגעשעפּטע, איז זי ווידער זיכער, אַז היינט וועט זי שוין דעם בריוו נישט אַוועקשיקן.

אָנשטאָט וויכטיקע נייס פון דאָרטן, וואָלט סאַראַ שטאַרק חשק געהאַט גאָר צו שרייבן זכרונות פון דאָרטן, פון דער אַלטער היים: אַרומשרייבן איר שרעקלעכע בענקשאַפט נאָך די היימישע זאַכן און מענטשן. זי איז מיטן גוף אַנטלאָפן פון די היימישע צרות, נאָר איר האַרץ און נשמה האָט זי דאָרטן איבערגעלאָזן. זי קען אָבער וועגן דעם אַלעם נישט שרייבן — זי קען נאָר פילן חלומען, וועגן דעם טראַכטן.

אָט דערמאָנט זי זיך עפּעס אַ פּאַסירונג, אַ זומער־נאַכט. זי שפּאַ־

צירט מיט א חבר הינטערן שטעטל, צווישן שמעקעדיקע פעלדער, אלייען. ער נעמט איר האנט, קוקט אויפן הימל און פארגאפט זיך: „זעסט, שרהלע, ווי עס שיינט די לבנה!" זי לאכט זיך פונאנדער פון זיין נאריש־ער פאעזיע: „די לבנה איז דאך שוין אן אלטע געשיכטע. דערציילעפעס וויכטיקע נייס". ער פארשעמט זיך, ווערט ערנסט. ער נעמט איר פארטרויען סודות פון געהיימע קרייזן, פון קאמפן פאר פרייהייט, פון מענטשן וואס זיינען זיך מקריב פאר א בעסערער וועלט... ער קלערט איר אויף א סך זאכן, וואס זיינען איר נישט געווען פארשטענדלעך און באוואוסט. דערנאך ריידן זיי וועגן נאך הויכע ענינים, וועגן ליטעראטור און קונסט, וועגן וויסנשאפט און ציוויליזאציע...

ווען זי קומט אהיים שפעט אין דער נאכט, חלומט זי וועגן א בעסער, פרייער לעבן און וועגן יוספן איר פריינד. יוסף און נאך א סך פון אירע יוגנט־חברים זיינען אריינגעפאלן אין תפיסה. א סך אנדערע פון דער יוגנט זיינען זיך צעפארן, צעלאפן איבער דער גאנצער וועלט. וואס פוסטער עס איז געווארן דאס שטעטל פון יוגנט, אלץ מער האבן די על־טערן אירע אנגעהויבן צו ריידן וועגן תכלית. דאס ביסל איבערגעבלי־בענע, אפגעשטאנענע בחורים זיינען געווארן יחסנדיקע פוסט און פאס־ניקעס — רייכע כלות זוכער.

עס איז געקומען סאראס ריי. זי האט, ווי יענע יוגנט פון נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה געמוזט, בלית ברירה, ערגעץ וואו עמיגרירן. די עלטערן האבן זי געמוטיקט:

— פאר געזונט, מיין קינד. דו וועסט קריגן דיין באשערטן אין ארגענטינע. — האט איינגעטענהט צו סאראן לאה, איר מוטער — ביי דיין טאטן אין הויז וועסטו פארזעסן ווערן ביזן גרויען צאפ...

זי האט דערביי געווישט א טרער, זיך באמיט צו באהערשן, זיין רואיק און נישט אויסגעהאלטן. באלד האט לאה געווארפן א בליק צו שמואלן איר מאן, וועלכער איז געזעסן אין צווייטן עק טיש און געצופט זיין שיטער בערדל. איר בליק האט אים א שטאך געטאן אין מוח. ער האט ווי אויפגעוואכט:

— ארגענטינע, או, אה! דאס איז דאך גאר א וואזשנע מדינה, — האט ער מיט פקחות געוואלט אפשלאגן זיין ווייבס איראניש־צארנדיקן בליק — א לאנד גרויס, רייך און בחורים זיינען דארטן פאראן לרוב, וואלגערן זיך ממש ארום ווי מיסט, פארלעגענע סחורה, ווי ביי אונדז די מיידלעך...

— שווייג בעסער, שווייג — האָט אים לאה איבערגעשלאָגן די רייד — אַ מענטש פאַרגלייכט ער צו מיסט, להבדיל — פון היץ, מיינע שונאים, רעדט עס!

— יידענע, נישט אמת? אונדזערס אַ מיידל פאַרצוקערט מען דאָרטן ממש. מען גייט אויף דועלן, מען כאַפּט עס אויס, ווי אַן אבן־טוב, ווי אַ יקר־המציאות. ביי אונדז דאַרף מען „זיי" איינהאַנדלען פאַר טויזנט אַמעריקאַנער „לאָקשן". פע, אַ בזיון, כ'לעבן, שיט זיי אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס. דאָרטן האָבן זיי, די חתנים, אייגן געלט ווי בלאָטע. — האָט ער געטרייסלט זיין פוסטע דלאָניע, קוקנדיק מיט נצחון צום ווייב — גיין, לאה, נישט ווי אונדזערע שלימזלם...

— אַז נישט געדאַכט זאָל ער ווערן, ווי ער האָט זיך דאָס צעפּיס־קעוועט, — האָט אים לאה ווידער איבערגעשלאָגן — ווען דו האָסט טויזנט דאָלער, וואָלסטו שוין אַנדערש גערדרשנט... דאָרטן מיינסטו, מיין געמאַל, וואַלגערט זיך געלט אין די גאַסן. דיר איז דאָס גרינג אָנ־געקומען...

— איך ווייס, לאה, אַז אין הארצן ווילסטו נישט, שרה זאָל פאָרן. מהיכי תיתי, ביי מיר האָסטו געפּועלט... — האָט שמואל אַ באַליידיק־טער ווייטער געצופּט דאָס בערדל.

— מען זאָגט, אַז אין אַרגענטינע צאָלט מען נאָך די מיידלעך צו. מען קליידט זיי אויס פון קאָפּ ביז די פיס, מען פּוצט זיי אויס אין עסיק און האָניק, און מען שטעלט זיי צו דער חופּה גלייך פון שיף אַראָפּ. — האָט זיך אַריינגעמישט סאַראַס יינגערע שוועסטער חנה, וועלכע האָט אויך געחלומט פון עמיגראַציע און אין הארצן געגעבן רעכט דעם טאַטן...

סאַראַ אַליין איז דעמאָלט געזעסן און געשוויגן, זיך צוהערנדיק צום געשפּרעך מיט פרייד און שרעק. זי פאָרט צו אַ פעטער אין דעם ווייטן לאַנד אַרגענטינע, וואָס ווערט געלויבט און באַרעדט, און אירע געפילן זיינען געמישטע. אַן אומבאַשטימט געפיל פון אויסערגעוויינלעכע דער־וואַרטונגען באַהערשט זי. עס ליגט איר אויפן סאַמע דעק פון דער נשמה עפּעס, וואָס מען קען נישט פאַרטייטשן, אויפקלערן. רייכע צוקונפט־פאַנ־טאַזיעס שלאָגן זיך אָן אין דעם צער פון פאַרלאָזן די היים, משפחה, פריינד און די ערד פון זיס־ביטערע קינדער־יאָרן. שווייגט זי, ווי זי וואָלט נישט געווען קיין לעבעדיק וועזן, נאָר אַן אָביעקט, וואָס מען טוט מיט אים וואָס מען וויל. די משפחה האָט באַשלאָסן צו שיקן זי קיין

אַרגענטינע נישט פון וואוילטאָג. דעם נדן, וואָס מען מוז האָבן זי חתונה צו מאַכן איז נישט געווען. אַרבעט, זעלבסטשטענדיקייט, איז פאַר סאַראַן אויך געווען נאָר אַ חלום אין די דעמאָלסטיקע אומשטענדן פון ליטווישן שטעטל. אַ שיפס־קאַרטע האָט אַרויסגעשיקט לאהם ברודער פון בוענאָס־איירעס.

אין שטוב איז געווען קאַלט. אין די שויבן האָט געקלאַפּט אַ האַרבסטיקער רעגן, געשמיסן פון אַ קאַלטן ווינט. אַ קליין לעמפּל האָט געפלעמלט און געוואָרפן אַ מאַטע שיין אויף די ערנסטע, בלייכע פּנימער. עס איז געווען נאָך „ימים־נוראים", ווען די קעלטן קומען אָן און די דאגות־החיונה מיט זיי צוזאַמען. מען האָט ראש־השנה, יום־כפור אויס־געבעטן אויף אַ גוט יאָר, געזונט און פּרנסה. אַלע האָבן יום־כפור גע־פאַסט. סאַראַ אויך.

— סאַראַ מיין טאָכטער, פאָרסט אין אַ ווייט, פרעמד לאַנד, זאָלסט נישט פאַרגעסן אַלע יום־כפור פאַסטן און גאָט בעטן! — האָט די מאַמע איר אָנגעזאָגט — זאָלסט אויסוויילן דיין באַשערטן אַ פרומען, ליטישן בחור, וואָס היט אָפּ די יידישע ימים־טובים און דינים. זאָלסט חתונה האָבן מיט חופה וקדושין, כדת משה וישראל...

לאה האָט דאָס אַלץ אינזינען געהאַט יום־כפור ביים דאַווענען און פאַסטן, אויסצובעטן פאַר שרהן איר כשרע טאָכטער, וועלכע פאָרט אַוועק מעבר לים, זי זאָל קריגן איר זווג פון די לייט, וואָס אין אַמעריקע זיינען זיי אַ זעלטנקייט, און זי זאָל פאַרזעצן די טראַדיציאָנעלע אַלט־יידישקייט, ווי אין קליין שטעטל פון דער ליטע. סאַראַ האָט אויך געפאַסט דעם לעצטן יום־כפור, נאָר געבעטן האָט זי נישט פאַר זיך. ס'איז געווען אַ ווייטיק צו פאַרלאָזן די צעבראָכענע עלטערן אירע און דאָס איינציקע שוועסטערל. ס'האָט זי אָבער אויך געצויגן אין דער ווייטער וועלט אַריין, וואו האָפענונגען וויקלען זיך, ציען זיך צו די ווייטע האָריזאָנטן, וואו אַלץ איז צויבערדיק אומבאַקאַנט, פאַרהוילן. דאָס שטעטל איז איר פאַר־מיאוסט געוואָרן. די עלטערן זיינען אָרים, קענען איר גאָרנישט העלפן. ווען זי האָט געפאַסט און מתפלל געווען, האָט זי געמיינט זיי; טאַטע, מאַמע, שוועסטער. סאַראַ פאַרשטייט בכלל נישט גאָטס וועגן, זי צווייפלט אין אַ סך זאַכן. אין די טעג ווען „אַ פיש אין וואַסער ציטערט", האָט זי גאָרנישט קיין מורא, די שרעק איז איר פרעמד. די האָפענונג אויפן „גוטן צעטל", וואָס אירע עלטערן האָבן, פילט זי נאָר אָן מיט רחמנות צו זיי.

זי וויינט דאָן שטיל אין זיך, ווייל זי ווייסט, אַז דאָס גוטע יאָר, וואָס זיי בעטן אויס, מיינט פֿאַר זיי נישט נאָר געזונט און פּרנסה, נאָר אויך דער גוטער זווג פֿאַר איר, סאַראַן. זי פֿילט זיך דאָן עפּעס שולדיק. אָט, קלערט זי, ווען עס וואָלטן קיין כּלה־מיידלעך נישט געווען, וואָלט מען אפשר די גאַנצע יום־כּפּור תּפֿילות נישט געדאַרפֿט... מיט פּרנסה אַליין וואָלט מען שוין אפשר דורכגעקומען ווי־עס־איז. די עלטערן וואָלטן נישט געווען אַזוי פֿאַרביטערט שטענדיק, זיך נישט געקריגט און צום סוף זיך נישט געדאַרפֿט צעשיידן מיט זייערע קינדער. זי האָט דעמאָלט געשוויגן, נישט אָפּגעזאָגט און נישט צוגעזאָגט דער מאַמען. — — —

ווען סאַראַ האָט זיך געקליבן אין וועג, געפּאַקט איר ביסל אָרימע זאַכן, האָט איר לאה מיטגעגעבן אירע געהאָפּטענע וועש, וואָס זי האָט נאָך געהאַט ליגן פֿון איר חתונה און קיינמאָל דאָס נישט אויסגענוצט, איינזינען האָבנדיק דעם אויסשטייער, ווען סאַראַ וועט ווערן אַ כּלה.

— זאָל דאָס זיין בעסער פֿאַר חנהן — האָט זיך סאַראַ געבעטן. זי וועט זיך שוין אין אַרגענטינע אַליין מאַכן שיינע זאַכן און וועש. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפֿן:

— ווען דו וועסט די וועש טראָגן, מיין טאָכטער, וועסטו זיך דער־מאָנען אָן דער מאַמען, נישט פֿאַרגעסן אירע רייד...

די פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס די חבֿרטעס האָבן איר מיטגעגעבן ביים געזעגענען זיך, האָבן ווי געמאָנט, זיך געבעטן: „פֿאַרגעס נישט אָן אונדז!" אין דעם לאַנד, וואו מיידלעך זיינען אַזוי מיט גאָלד צו גלייך, אין אַ לאַנד, וואו אַ בחור דאַרף מען נאָר ווייזן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ מיידל און ער פֿאַרליבט זיך גלייך „אויף אויסוויינינק". ער שרייבט איר באַלד ליבע־בריוו און פֿאָדערט זי אַרויס ווי אַ כּלה, האָט חתונה און לעבט גליקלעך מיט דער גרינער, ווי ס'האָט שוין איינמאָל פּאַסירט. דאָס גאַנצע שטעטל איז זי געגאַנגען באַגלייטן צו דער באַן, אַלע האָבן סאַראַן מקנא געווען.

דער וועג איז געווען אַ דערפֿרישונג. עס האָבן אין איר אויפֿגעטויכט פֿאַרלאָשענע געפֿילן, עמאָציעס און זיך צעכוואַליעט אין האַרץ, ווי דער ים: אין פֿרייד, צערטלעכקייט, ליידנשאַפֿט, שטורעם. דער ים האָט זיך געשפּרייט אומענדלעך, ווי דעם מענטשנס פֿאַנטאַזיע: וואו זיין אויג אין „אין סוף" קען דערגרייכן. די כוואַליעס האָבן תּחילת געראַשט, נעבראַמט מיט צאָרן מעשה־בראשיתדיק. דערנאָך די מילדע, קורצע כוואַ־ליעס, און מאָמענטנווייז דער גלאַטער ים־שפּיגל, האָבן אַרויסגעשפּילט

פון די סאַמעטענע וועלן דעם פּאַרכשופטן געגוס, פון זיך לאָזן שוויי־מען אויף דער צעשפּילטער מיידלשער עראָטישער התלהבות. (עס זיינען געווען געגנוג יונגע לייט, וואָס האָבן פריילעך געמאַכט און די געפילן געהאָלפן דעם ים אַרויסצוטיבערן און צעוואַרעמען...) די צייט איז גע־לאָפן אומבאַמערקט צווישן דער פאַרטראַכטקייט פון די ברייטע האָרי־זאָנטן. יעדער פּאָרט אין דער וויטער וועלט צו דער מאַטעריעלער וואָכע־דיקייט, נאָר דאָ אויף דער שיף, וואָס טראָגט זיך ווי אַ פּינטל אויפן אַטלאַנטיק, איז קאָנצענטרירט די גאַנצע יום־טובדיקייט פון אַ העכער לעבן. ס'איז נישטאָ קיין ערד און ערדישקייט; דורכאויס הימלישקייט, ליבע־געמיטלעכקייט, חלומות... ביסלעכווייז ווערט אָבער אַלץ צע־שוואומען, אויפגעלייזט: די דאַטעס אויפן קאַלענדאַר דערמאָנען די נאָנט־קייט פון ערדישן ברעג. דער געמיט־צושטאַנד ענדערט זיך, ווערט איבער־געגאָסן אין געדאַנקען פון תכלית־ענינים און קאַלטע חשבונות...

סאַראַס פעטער באָרים — אַ מיטליאָריקער אַלמן — האָט אין זיין יום־טובדיקן אָנטועכץ געגלאַנצט פאַר פרייד, ווען ער איז זי געקומען אָראָפּ־נעמען פון שיף. סאַראַ האָט זיך אַרומגענומען און געקושט מיט זיין 15־יאָריק טעכטערל, וועלכע איז אויך געקומען זי צו באַגעגענען.

— זע נאָר, סוסאַנאַ, — האָט דער פעטער איר אָנגעוויזן, שוין נאָכן צעקושן זיך — זע, ווי שיין און אויסגעוואַקסן דיין קוזינע סאַראַ איז. יענע האָט געזאָגט עפּעס אין שפּאַניש, וואָס סאַראַ האָט נישט פאַר־שטאַנען. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די בליקן, ווי בעלי־חיים אָן לשון. ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, האָט סאַראַ זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי מאָדנע געוויינ־לעך, שוין דוכט זיך אַלץ אַמאָל געזען. מענטשן פאַרשמייעטע זיינען געלאָפן, אַנדערע זיינען געקראָכן פּאַמעלעך, זיך אַרומדרייענדיק, ווי נישט לאַנג אָנגעקומענע — נאָך אַרבעטסלאָזע.

אויף סאַראַן האָט אַ ווייע געטאָן די גאַס מיט איר וואָכעדיקייט. אין איר געמיט האָט גלייך אויפגעטויכט אַ קוים מערקבאַרע, נאָר דאָך עפּעס פאַרפילנדיקע ענדערונג. עס האָט זיך איר אומגערן, אומשכלדיק, פּלוצלינג אַ טראַכט געטאָן: „אַ גוט יאָר אויף זיי, ווי זיי זעען דאָ אַלע אויס פאַרשוואַרצט און גרוי. זיי קוקן זיך גאָרנישט אום אויף דעם מיידל, וואָס שטייט לעבן אַן אָנגעפּאַקטער וואַליזע, אָקאָרשט אָנגעקומען פון אַזוי ווייט, אַזש פון אַ קליין שטעטל אין ליטוויש פּוילן. צי ווייסן זיי נישט און פילן נישט, אַז אין דער וואַליזע ליגט פאַרפּאַקט איר מאַמעס

חתונה־וועש? און אזוינע שיין אויסגענייטע, געהאפטענע מיט שפיצן און סטענגעלעך! איז דאס פאר זיי נישט וויכטיק, איז דאך סארא אליין א געראטן, שיין מיידל"... באלד איז צוגעקומען א טאקסי און די געדאנקען ביי סאראן איבערגעריסן.

איצט פארן זיי גאס איין גאס אויס. מען פרעגט זיך אויס. דער פעטער איז אזוי גוט געשטימט. ער איז שוין 20 יאר אין לאנד. און ווי גליקלעך ער וואלט געווען צו קענען אנקוקן די אלטע היים. סארא דער־מאנט אים טאקע אן יענע פארגאנגענע יארן, פאמיליע־לייט. ער איז סענ־טימענטאל, צוגעלאזן, עפנט אויף פאר דער גרינער פלימעניצע זיין אמע־ריקאנער הארץ...

סארא רעדט גאר עפעס צו סוסאנאן, ווי זי וואלט זיך געמאכט נישט הערנדיק דעם פעטערס רייד. יענע ענטפערט איר אין שפאניש, וואס זי פארשטייט נישט קיין ווארט.

— וועסט זיך שוין אויסלערנען די שפראך, דעמאלט וועט איר זיך שוין צוזאמענריידן.

— אוי ווי שווער, פעטער, איך וועל דאס מאדנע לשון קיינמאל נישט קענען — קרימט זיך סארא.

— דו וועסט קענען, נישקשה, די נויט לערנט, די גוים העלפן צו.

— שמייכלט דער פעטער בארים, ווי א פראקטישער תושב דא אין לאנד.

זיי זיינען אפגעשטיגן נעבן א שיין הויז אויף א שטילער, ריינער גאס. באלד האט זי זיך דערוואוסט פון פעטער: דאס הויז איז זיינס און איינגס. און אן אייגן געשעפט האט ער. און א דינסט האט ער אויך. און סאראן ארבעטן ערגעץ אנדערשט וועט ער נישט לאזן גיין. „זאל זי נאר א ביסל עפעס צוהעלפן די צייט צו פארטרייבן". סוסאנא גייט זיך לערנען און סארא מעג דא זיין די גאנצע באלעבאסטע, קיין זאך וועט נישט זיין פארשלאסן.

סארא איז געווען מיד. זי האט נישט געענטפערט, געגומען זיך פא־רען אין איר וואליזע, ווי עפעס אויסצוגעפינען. זי האט אנגעטאפט די מאמעס מתנה, די אונטערוועש, געקוקט ווידער און ווידער אויף דעם. און אויפהייבנדיק די אויגן, האט זי זיך באגעגנט מיטן פעטערס בליק. „צו וואס האט זי דאס געדארפט מיר אפגעבן" — האט זי א פארשעמטע א טראכט געטאן און צוריק די וואליזע פארהאקט. זי האט געוואלט זיך איבערטאן, ארפווארפן דעם שטויב פון דער לאנגער נסיעה, נאר דער־וויל געשטאנען צעטומלט, נישט וויסנדיק וואס צו טאן.

דער פעטער מיט זיין טאָכטער האָבן פאַרלאָזט דאָס צימער. זי האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף איינער פון די צוויי בעטן, וואָס זיינען געשטאַנען ריין פאַרבעט, און זיך דערפילט גוט, אַליין. זי האָט געקוקט אויף דעם אַנטקעגנדיקן בעט און געטראַכט: „דאָ וועט שלאָפן סוסאַנאַ. ווי וועלן זיי זיך צוזאַמענריידן, צי וועלן זיי זיך פאַרשטיין?"

סאַראַ האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט, איז אַריין אין באָד־צימער דורך דער טיר, וואָס האָט זיך געעפנט צווישן ביידע איין־פלאַציקע בעטן. זי האָט זיך לאַנג געבאָדן און דערפרישט. דערנאָך האָט זי געטראַכט, ווי דער געדאַנק וואָלט זי כסדר פאַרפאָלגט: וועגן דער גוטער, נאַרישער מאַמען, וועלכע האָט נישט גענאָסן פון איר לעבן און זי דאַרף איצט אויסנוצן און טראָגן איר חתונה־גאַרדעראָבע. זי האָט באַשלאָסן אין האַרצן, ווי אַ גוטע טאָכטער, דערפאַר נישט פאַרגעסן דער מאַמעס „אָנזאָג". אָבער זי האָט באַלד חרטה געהאַט און געצווייפלט: „צי איז דאָס נישט קיין נאַרישקייט, צי איז דאָס מעגלעך אין דעם לאַנד?"

די קומענדיקע טעג האָבן זיך פאַר סאַראַן געצויגן מאָנאָטאָן, אָן ענדערונגען. די אַנדערשקייטן פון איניקע זאַכן האָבן זי נישט איבערראַשט, און אַפילו אַרויסגערופן אַ ווידערווילן. די אַרגענטינער מאַטע, האָט איר אויסגעוויזן, ווי אַן איבערבלייבעכץ פון אוראַלטע צייטן און ביטער „ווי די יידישע צרות". די שווערע פעטע מיטאָגן האָט איר קאָר־טאָפּל־מאָגן נישט פאַרדייעט. די מענטשן זיצן דאָ צופיל פאַרשפּאַרט. זי האָט נישט מיט וועמען איבערבייטן אַ וואָרט; חוץ איינמאָל אין וואָך, ווען זי טרעפט זיך מיט אירער אַ שיף־שוועסטער, מיינט זי, אַז זי איז געפאַנגען אין אַ מויערדיקער שטייג. ווען זי טוט, פון לאַנגווייליקייט, עפּעס שטוב־אַרבעט, קלערט זי שוין גאָר נישט ווילנדיק: „צו וואָס האָט זי איינגאַנצן געדאַרפט פאָרן קיין אַרגענטינע?"

די טעג זיינען געקראָכן ווי טשערעפּאַכעס. פונדעסטוועגן האָט סאַראַ שוין געציילט די וואָכן, חדשים. זי האָט זיך געסטאַרעט צוצופּאַסן צו די אומשטענדן. איר איינזאַמקייט האָט זי פאַרבאָרגן טיף אין זיך. און ווען דער פעטער באָרים האָט זיך באַקלאָגט אויך אויף זיין איינזאַמקייט, האָט עס זי געצוואונגען זיך צו פאַרטראַכטן. און ווען דער פעטער האָט איר איינמאָל דאָקוטשעט: „צי זי וואָלט נישט וועלן ווערן די גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב?" „צי זי פילט עפּעס אין האַרצן צו אים?" — האָט זי אין איר נאַאיווקייט געענטפערט:

— ניין פעטער. איך האָב גאָרנישט צו אייך. להפוך, איך פיל צו אייך אַ סך דאַנקבאַרקייט.

דער פעטער האָט נישט פאַרשטאַנען, געוואָרפן זיינע בליקן איבער אַלע פיר ווינקלען פון הויז: „אַזאַ רחבות, גאָט צו דאַנק. און וואָס פעלט איר סאַראַן, זאָל זי אדרבא זאָגן!" — — —

אין אַ טאָג אַרום, נאָכן איבעררייד מיטן פעטער, האָט סאַראַ פאַר־פאַקט אירע זאַכן און געמאָלדן דעם פעטער, אַז זי קלייבט זיך איבער צו בערטאַן, איר שיף־שוועסטער אין צימער.

דער פעטער האָט פּראָטעסטירט: „זי גייט וואוינען צו עפּעס אַן אומאַקאַנטער. און אפשר איז סאַראַן די אַרבעט צו שווער דאָ ביי אים אין הויז?"... סאַראַ האָט געענטפערט, אַז פאַרקערט, זי וויל אויסזוכן עפּעס אַ שווערערע און נוצלעכערע אַרבעט. איר באַשלוס איז פעסט, אי־בערלייגט.

„אַ פאַרפאַלענע זאַך. שלעכט מיט די גרינע חיות". — האָט דער פעטער אונטערגעבורטשעט און צוגעגעבן הויך אויפן קול: — זע, סאַראַ, זאָלסט נישט באַדויערן דיין שריט. דאָס רעדט צו דיר... ער האָט נישט פאַרענדיקט. און אַ מאַך מיט דער האַנט האָט זיין רעזיגנאַציע אַרויסגעגעבן. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו זיין שוועס־טערס טאָכטער.

סאַראַ איז אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַבריק. זי האָט פאַרדינט ווייניק און איז געווען צופרידן זיך קענען „אויסריידן דאָס האַרץ" מיט איר חברטע אין די נעכט. זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון איר לוין און געשיקט געלט אַהיים, ווי מכפּר זייענדיק דערמיט דאָס פאַרנאַכלעסיקן שרייבן בריוו. די מאַמע האָט געשריבן אַ סך. זי בענקט. זי וואָלט בעסער געווען צופרידן, ווען סאַראַ האָט חתונה אין דער היים. אין דער זעלבער שטוב, וואו איר מאַמע, סאַראַס באָבע, האָט אָפּגעהיט יידישקייט, פרומקייט. סאַראַ, דאָס איינינקל, וואָלט זיכער, ווי זי אַליין לאה, איר מאַמע, אויך ליכט געבענטשט, חלה גענומען, אין מקווה געגאַנגען, אָפּגעהיט שבת, יום־טוב און אַלע יידישע דינים. זי זאָל כאָטש זען „דאָרטן" נעמען אַ פרומען בחור מיט אַ „יידיש האַרץ".

סאַראַ האָט שוין געקענט אַ סך בחורים מיט „יידישע הערצער", נאָר חתונה האָבן ווילן זיי נישט אָדער קענען נישט. „מאַמע, איך וועל ווערן אַן אפּיקורסטע. איך בין דאָס שוין אויך געווען אין דער היים". — האָט

סארא געוואָלט א סך מאָל שרייבן דער מאמען, נאָר זי האָט עס נישט געטאָן.

דער באַלעבאָס פון טאַזשער, וואו זי ארבעט, שדכנט זיך צו איר. דער אַלטער בחור רופט זי „סאַריטא סימפּאַטיקאַ", נאָר זי האָט אים פיינט ווי א שפּין, די פּיאַווקע.

„ער וואָלט חתונה געהאַט מיט חופּה וקדושין. ער וואָלט דריי רבנים געבראַכט". — לאַכט סארא מיט גאַל.

— דו ווייסט, סאַרא, — האָט בערטא, איר שיף־שוועסטער, געשמייכלט — אז דו קומסט נישט א טאָג צו דער ארבעט, איז דער דאָן כאָסע א גאַנצן טאָג אָנגעכמורעט, ברוגז...

— אַ, יאָ? וועט ער שוין זיין גאַנץ לעבן זיין ברוגז, דער שנאָ־רער. איך וועל מיר אויסזוכן אַן אַנדער פּלאַץ.

— און דער בערנאַרדאָ, וואָס דו האָסט זיך מיט אים באַקאַנט, א היימישער, יאָ?

— ער וואַרפט זיך מיט פּסוקים, מיט גמרא־ווערטלעך. איך פאַר־שטיי נישט... — האָט סארא זיך פאַרשעמט.

— נו, קאָנקרעט? — איז בערטא געוואָרן נייגעריק.

— אום... יאָ... ער האָט מיר פאַרגעלייגט, איך זאָל גיין וואוי־נען מיט אים. — האָט סארא געשטאַמלט, קוקנדיק אין א ווינקל פון צימער.

— וואָס הייסט?

— ס'הייסט, אז חתונה האָבן וועט ער דערנאָך, „ווען די אומ־שטענדן וועלן דערלויבן".

— ער האָט מסתמא ווייניק געלט און פאַרגעשריטענע אידעען! וואָס האָסטו אים געענטפערט, סארא? — האָט בערטא שעלמיש איר אריינגעקוקט אין די אויגן.

— איך? — האָט סארא זיך צעלאַכט מיט הנאה — גאָר פּשוט: „פריער חופּה־וקדושין און דערנאָך גיין „וואוינען".

— נערבכט, נערעכט, סארא. האַלט זיך פעסט... ווען „ער" פלאַקערט, מאַך זיך קאַלט...

ביידע חברטעס האָבן זיך ארומגענומען און געקייכט, ווי זיי וואָלטן זיך נעפּרייט מיט עפּעס א פאַרבאָרגענער, מיסטעריעזער מאַכט, וואָס זיי האָבן אין זיך אַנטדעקט צו קענען באַהערשן דעם „שטאַרקן מין" און דיקטירן זייער ווילן, באַהערשן די וועלט...

בערטאַ איז אַוועק צו דער אַרבעט און סאַראַ איז פאַרבליבן אין דער היים.

— זאָלסט אים זאָגן, דעם פּליכעוואַטן באַלעבאָס, אַז איך האָב געקראָגן אַן אַנדער פּלאַץ. — האָט סאַראַ אַ צופרידענע נאָכגעשריען איר חברטע.

פאַרבלייבנדיק אַליין אין איר צימער אין דער פרימאָרגן־שעה, האָט סאַראַ אַ באַרואיקטע געטראַכט: „אַך ווי גוט, אַז מען דאַרף נישט שוויצן אַ גאַנצן טאָג אין ענגן טאַזשער ביי דער קאָנפעקציע־שניידעריי. געבענטש זאָל זיין דער טאָג רו". די לעצטע צייט, האָט סאַראַ עטוואָס אויפגעלעבט. אין די חושכדיקע טעג האָט זיך שוין אַריינגעריסן און אָפּגעקלונגען צומאָל אירס אַ געלעכטער. נאָך לאַנגע שטומע טעג און וואָכן, האָט זיך דערהערט אירס אַ קלאַנג, אַ וואָרט. זי איז געוואָרן באַרײדעוודיק. פאַר איר חברטע בערטאַ איז דאָס געווען אַ צייכן. דערפאַר האָט זי מיסתמא זי אָנגעהויבן פאָרשן וועגן בערנאַרדאָן. און איצט, אַז זי האָט איר שוין אַנטפּלעקט זיינע כוונות, האָט זי זיך וועגן אים געטראַכט: בערנאַרדאָ איז טאַקע אַ היימישער, וואוילער בחור. ער פירט אַריין אין אַ געמיט־צושטאַנד, אין אַן אויפלעבנדיקע סביבה, צו וועלכער זי איז געווען צוגעבונדן מיט איר גאַנצן וועזן איר גאַנצע קינדהייט און יוגנט. מיט אים איז אַזוי גוט. ער דערוועקט, און גלייכצייטיק פאַרגייט די בענקשאַפט נאָך יענע צייטן. די אויפלעבנדיקע אַטמאָספער פון דעם עבר, וואָס ווערט אין זיין אָנוועזנהייט צוריק באַשאַפן, הילט איין איר פאַרשטומטע נשמה, צעשמעלצט די פאַרשטיינערונג, מאַכט איר לייכט, פריידיק און פול מיט דאַנקבאַרקייט. „צי איז דאָס אַ סימן פון ליבע?"
— האָט זיך סאַראַ שוין אַ פּאָר מאָל געפרעגט.

דער מאַמען וואָלט זיכער געווען געפעלן אַזאַ בחור. און אויב דער מאַמען מיטן טאַטן וואָלט ער נישט געפעלן, וואָס גייט זי אָן, וואָס קען איר דאָס אַרן. דער בחור, כאָטש ער רעדט מיט תורה־ווערטלעך, איז מסתמא גאַרנישט פרום. סאַראַן זעט איצט אויס די גאַנצע פרומקייט אַ פאַנאַטיזם, אַן איבערבלייבעכטס פון פינצטערע, ביטערע צייטן. צי דען דאַרף זי בכלל זיך צוהערן צו די עלטערנס קאַפּריזן? . . .

אַזוי טראַכטנדיק, איז סאַראַ צוגעגאַנגען און אַרויסגעשלעפּט פון אַ פאַרבאָרגענעם פּלאַץ דעם בריוו, וואָס זי האַלט אַזוי לאַנג אין שרייבן אהיים צו די עלטערן. זי האָט געקוקט אויף די פּאָר אָנגעהויבענע שורות. דער אָנהייב האָט שטענדיק אַ שאַבלאָנעם, אויסגעדראָשענעם נוסח:

„ליבע עלטערן איך בין ברוך־השם געזונט און צופרידן, דאָס זעלבע פֿון אייך צו הערן"... דאָס איבעריקע, ניט פֿארשריבענע בייגעלע פּאַפּיר, האָט אַ שימער געטאָן פאר די אויגן. „יאָ, גוטע, נארישע מאַמע, זונטיק טרעף איך זיך מיט בערנארדאָן אין פאַלערמאָ, ווארט אוים אַ ביסל". — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן און פארשטעקט צוריק דאָס בייגעלע פּאַפּיר.

די שטימונג אירע איז געפאַלן און באלד זיך ווידער געהויבן, ווען זי האָט זיך געמאַכט אַ מאַטע. זי האָט זיך שוין לאַנג צוגעוואוינט צו דער „זשערבע" און עס געפעלט איר. און אַט טרינקט זי — פּאַמעלעך ציט זי, זייגט די באָמבילשע, ווי אַן אַמתער „קריאָזשע", וועלכער איילט זיך קיינמאָל נישט, ווען אַלע דאָרט שוויצן שוין אין די טאַזשערן, פאַבריקן.

פון אָנהייב איז די ארבעט איר געווען ליב. דאָס ווערן זעלבסטשטענ־דיק, פאַר זיך, האָט די מאַנאָטאָנע, נודנע, ווייניק באַצאָלטע ארבעט, די ערשטע צייט צוגעגעבן חשק און גרינג געמאַכט די ארבעט. ביסלעכווייז האָט דער צווייפל זיך אָנגעזעצט און די ארבעט אויך פארמיאוסט. די אַרבעט איז נאָר אַ תכלית פאַרן באַלעבאָס, וועלכן זי האָט עפּעס סתם אין דער וועלט פיינט געקראָגן. אַן אַנדער פלאַץ, אַנדערע פּנימער, בעסער־ערגערע, פאַר איר אומבאַקאַנטע, וועט זיין אַ דערפרישונג.

און אפשר וועט מען שוין אינגיכן אינגאַנצן דעם טאַזשער נישט דאַרפן אָנקוקן? — האָט איר געשמייכלט דער געדאַנק, ווען זי איז צוריק אריינגעשוואומען אין די פריערדיקע משבות. זי האָט באַלד חרטה געהאַט: אַזוי באַלעבאַטיש, קליינבירגערלעך טראַכטן. סאַרע איז נישט קיין אָפּגעשטאַנענע. זי האָט נאָך אין דער היים דעם „היסטאָרישער מאַ־טעריאַליזם" געלערנט. די צוקונפט געהערט דער ארבעט און די ארבעטער. און אויב חתונה האָבן מיט אַן ארבעטער, דאַרף מען גיין מיט אים גלייך אין שפּאַן!

„שטענדיק ארבעטן, אייביק שקלאַפן, אין פאַבריק פארוועלקן". זי האָט געוואָלט אין דעם טאָג פון אָפּרו פארטרייבן די רעיונות, וואָס עגבערן זי, לאָזן נישט געניסן פון דעם ביסעלע מנוחה. און אפשר ענ־בערן די געדאַנקען און ספקות, ווייל זי טראַכט וועגן דעם אָרימען בער־נאַרדאָן? אָבער צי האָט זי אַמאָל געחלומט וועגן רייכקייט, לוקסוס? דאָס איז געווען די השגה פון אירע עלטערן. זיי וואָלט זיכער בעסער געווען געפעלן דער אַלטער, פליכעוואַטער באַלעבאָס פון טאַזשער, ווייל ער איז רייך. די אָרימע, קליין־שטעטלדיקע דאָרטן חלומט זיך נאָר וועגן

אמעריקאנער גליקן און עשירות. דער מאמען... נאר וואס קריכט איר אין קאפ אלץ די מאמע. געגוג... — — — — —

סארא האט געשפאנט איבערן צימער. באלד האט זי געגומען זוכן וואס עפעס צו טאן. זי האט ארויסגענומען פון איר שאפקע א ביכל. דער מחבר זאגט באלד פון אנהייב, אז אין א קורצער צייט לערנט ער אויס שפאניש ווי א וואסער. זי האט אנגעהויבן בלעטערן, געכאפט פון דא און דארט א ווארט און גיך צוריק פארמאכט דאס ביכל. זי קען עס שוין כמעט אויף אויסווייניק. אלע וואונדערן זיך, ווי זי רעדט „פיין שפאניש". ווי מאדנע גיך זי האט זיך צו אלץ צוגעפאסט. נאר דאס איז אלץ אויסערלעך. זי וואלט געוואלט, און זייער ערנסט, אינערלעך זיך נישט צו ענדערן. צי דען ווייל זי איז פון „שוואכערן מין", מוז זי זיך בייגן?... א מענטש דארף זיין דאס, וואס ער איז — זעלבסטשטענדיק און אויסגעהאלטן. ריין מיטן אייגענעם געוויסן!..

סארא האט נישט געוואוסט, צוליב וואס זי טראכט דאס אלץ. (נאר מחשבות קומען דאך נישט סתם, כאטש אויבנאויפיק אומלאגיש, פארפלאנטערט.) עפעס אן אינערלעכע שרעק האט זי געפייניקט. זי ווערט עלטער מיט נאך א יאר און נאך א יאר. פאר איר איז דאך נישט קיין סוד, אז דא אין ארגענטינע איז זי שוין נישט קיין קוראנטע סחורה. יא, א פרוי איז אפטער נישט מער ווי א סחורה, וואס מען וויל איינהאנדלען. און די שרעק פארן שפעטער, פארן עתיד־לבא; עלטער פייניקט יעדע ערלעכע, עלנטע פרוי.

„א מענטש איז אפטער א הפקר־זאך, באזונדערס א פרוי, וואס טראגט זיך ווי א שפענדל אויפן ים פון די קאפריזן פון דער גרויסער שטאט". „נאר נישט פארשלאפן סארא, — האט זי ווייטער געצויגן דעם געדאנק — צוליב צופיל פאנאטיזם און אויסגעטראכטע פרינציפן".

סארא איז שוין 25 יאר אלט. די יארן דריקן ווי א שווערע משא, קאזן די פליגלען נישט צעשפרייטן. „צי קען מען דען, אין די תנאים פון לעבן, שטענדיק זיין אויסגעהאלטן?"

זי האט זיך אין געדאנק אזוי געוואקלט, געטראכט הין־און־צוריק, און די ספקות האבן זי געפייניקט. זי האט ארויסגענומען א שפיגעלע און אריינגעקוקט. עפעס קנייטשעלעך צייכענען זיך ארום די ווינקלען פון מויל, ארום די אויגן. די אויגן, דוכט זיך, גלאנצן שוין אויך נישט ווי אמאל. „ווען גייט מען שוין ווידער ארבעטן" — האט זי א ווארף געטאן דאס שפיגעלע פון זיך, ווי דאס וואלט געווען שולדיק אין איר פאר־

וועלקט פּנים. בלייבן אַליין אין שטוב, ווען די אַלט־מוידישע קאַפּריזן צעשפּילן זיך, איז נישט גוט.

סאַראַ האָט ווידער אַ שפּרייז געטאָן איבערן צימער, אַראָפּגענומען פון אַ פּאָליצקע אַ יידיש ביכל און גענומען לייענען אַ דערציילונג פון אַ היגן מחבר. אַ סך שפּאַנישע ווערטער זיינען געווען אַריינגעמישט אין זיין יידיש.

— נישט קיין ריינע שפּראַך. — האָט זי אויסגערופן צו זיך אַליין — און זיין שרייבן קלעפּט זיך נישט... ווען זי האָט צוגעמאַכט דאָס בוך, האָט זי זיך דערמאָנט: זי אַליין וואַרפט דאָך שוין אויך אַריין אַ סך שפּאַנישע ווערטער אין איר יידיש לשון. און אפשר איז איצטער איר שולד, וואָס זי פאַרשטייט נישט דעם שרייבער? היינט וועט איר, סאַראַן, שוין בכלל גאָרנישט זיין געפעלן. גאָרנישט! דאָס זיינען שוין די באַוואוסטע קאַפּריזן, סמנים פון היסטעריקע...

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעטל, צוגעמאַכט פולע אויגן מיט טרערן און געחלומט אויף דער וואָר: זונטיק. אַ ליכטיקער טאָג מיט אַ סך זון און בערנאַרדאָן אין „פּאַלערמאָ". — — — — —

אַ פרילינג־טאָג אין „ראָזעדאַל". סאַראַ האָט שפּאַצירט מיט בער־נאַרדאָן צווישן די בלומען־אַלייען. די זון האָט מוטערלעך־מילד געוואַ־רעמט איר באַשאַף — דעם דומם, חי, ומדבר. קילע ווינטלעך האָבן גע־צערטלט זייערע פּנימער. צו סאַראַן זיינען זיי אַריינגעדרונגען ביזן נאַ־קעטן ליב און זי געגלעט ווי מיט אַ צאַרטער האַנט. שיפלעך זיינען מע־לאַנכאָליש שטיל געשוואומען מיט יונגע פּאָרלעך איבערן וואַסער־פלאַך. קאַטשקעס זיינען צוגעשוואומען צום ברעג און געבעטן עסן ביי די קינ־דער. די קינדערלעך האָבן זיי צוגעוואָרפן ברעקלעך, אָדער געשטופּט זיי ביסקוויט אין די פּיסקעס. סאַראַ איז געווען פול מיט פריידיקער פרילינגס־דערוואַכונג. די באַציבערונגס־פּאַנאָראַמע האָט נישט עקזיסטירט סתם אין איר כוח הדמיון, נאָר אין גערויש פון איר בלוט, אין די וויברירונ־גען פון דערוועקטע פאַרלאַנגען.

זיי זיינען דערנאָך אַוועק ביזן פּאַלערמאָ־וועלדל און זיך געזעצט אין שאָטן פון אַ בוים. בערנאַרדאָ האָט געגלעט איר האַנט און צו איר איינגעטענהט: — חופה וקדושין ווילסטו, צו וואָס? מיר וועלן זיך מקדש זיין מיט ליבע, מיטן פייער פון אונדזערע הערצער, מיטן ברען פון אונדזער יונג־בלוט. אין אַ ווייל אַרום האָט ער איר איינגערוימט, ווי

א סוד, שטיל אויפן אויער: — און מיט דער באַהעפטונג פון אונדזערע ליבער...

סאַראַ איז געווען פאַרגאַפּט. די אויגן פאַרוואָלקנט, האָט זי מיט א לײַדנשאַפטלעכן שמייכל, ווי דורך א זיסן דרימל געשעפּטשעט: ניין, ניין, ניין מיין ליבער... ער האָט פאַרגעזעצט:

— לויטן דין, ווי די גמרא זאָגט, קען מען א פרוי מקדש־זיין מיט דריי זאַכן: מיט א זילבער־שטיק, א שריפט, און מיט באַהעפטונג. איך האַלט פון דעם דריטן אופן... ער האָט באַלד צוגעגעבן: — מיט א שטיקל זילבער־מעטאַל, אָדער עפּעס א קאָנטראַקט. דאָס איז דאָך מסחר, א געשעפטל! איך, מיין ליבע סאַראַ, האַלט מער פון דער אינטימקייט, פון דער ריינער ליבע. — האָט בערנאַרדאָ צוגעלייגט זיינע ליפּן צו איר הייסער באַק.

סאַראַ האָט שוין געהאַלטן האַלב צוגעמאַכט די אויגן, מיט עפּעס א ציטער אין אַלע אברים. ווי פאַרכשופט פון א מיראַזש, אָדער פאַר־שכורט פון א געטראַנק, זיינען פאַרשוואונדן די ווערטער פון איר מויל. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זי האָט דערפילט א חשיבות פון עפּעס א כוח, וואָס קען זי באַהערשן. זי האָט זיך דערשראָקן פאַרן מענטש, וועלכער באַזיצט אַזאַ קראַפט און זיך צו אים געטוליעט, ווי א קינד טוליעט זיך צו א דערוואַקסענעם בשעת א סכנה.

דער מאַנספּאַרשוין האָט דערפילט זיין אויטאָריטעט־כוח, זיין איי־בערמאַכט איבער דער פרוי. א מענטש, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט דערשלאָגן צו אַן אָנשטענדיק פאַרדינסט, צו א לייטיש בגד און צו א גרעסער, גרוימער צימער, ווי א בוידעם־חדר, האָט קיינמאָל נישט געקענט חלומען פון באַזיצן א פרוי פאַר זיך אַליין. זיין פאַרשטעלונג איז שטענדיק נאָר דערגאַנגען ביז א צופעליקע פרוי אויף חיי־שעה. ביי די טויערן פון אַמתער ליבע און פאַמיליע־לעבן איז זיין ווילן געבליבן שטיין, ווי פאַר א נישט לייזבאַרע אויפגאַבע. העכסטנס האָט ער זיך פאָר־געשטעלט דאָס צוזאַמענלעבן מיט א פרוי אויף אַזאַ מין אופן: ער אַרבעט — זי אַרבעט. מען דינגט א גרעסער צימער, אינמיטן שטייט דאָס צוויי־פּלאַציקע בעט, ווי דאָ אין לאַנד איז דער שטייגער, א טישל, א פּאָר בענקלעך, א שאַפע פאַר בגדים, א פּאָליצע מיט ביכער און די שטוב־ווירטשאַפט איז פאַרענדיקט. נאָך דער אַרבעט פאַרברענגט מען צוזאַמען: מען טרינקט א מאַטע, מען שמועסט געמיטלעך. דערנאָך, פאַרן שלאָף, לייענט מען צוזאַמען, מען דיסקוטירט. און אויב מיט דער צייט

רען קומען; א קינד? און אויב עס קענען זיך מאכן אנדערע צרות: ארבעטסלאָזיקייט, קראַנקייטן וכדומה? קענען דאָך אויך קומען גליק־לעבע צופאַלן: עפּעס א געווינס, אַן אונטערנעמונג און אַזוי ווייטער... עס טרעפט זיך, ברוך־השם, אין דער מדינה...

אויב דער גאָט פון אייביקער ליבע וועט נישט העלפן מאַטעריעל, ויעט עס זיין א פּרואוו פון גוטן ווילן... סאַראַן האָט ער באמת ליב, קען איצט זיין פּלאַן פאַרווירקלעכט ווערן.

— דו האָסט מיך ליב, סאַראַ? — האָט ער פּלוצלינג און ערנסט א פרעג געטאָן.

סאַראַ האָט דערוואַכט פון דער היפּנאָז. צוליב דער ערנסטקייט פון דעם ענין זיינען א ווײַלע אירע חושים געוואָרן וואַך. זי האָט זיך ווידער נעפונען, אויסציענדיק די ווערטער מיושבדיק:

— ליב? יאָ, זייער שטאַרק ליב, יינגל מיינער. אין בלוט פיל איך דאָס, ווי קיינמאָל נישט... אָבער די מאַמע וויל נישט... איך אויך נישט! אָן חופּה איז... די גמרא זאָגט א ליגן...

— אָן אמת סאַראַ, אָן אמת: בכסף, בשטר ובביאה... איך שווער דיר. אַזוי דער דין... דאָס מיינט אָבער נישט סתם קדושין דורך באַהעפטונג פון צוויי געשלעכטער. פריער פון אַלץ איז דאָך די ליבע, וואָס איז נישט קיין תלויה בדבר... כ׳מיין די ריינע ליבע, וואָס באַהעפטונג איז איר מקדש... איבעריקנס, טייערע, זיינען מיר דאָך פרייע מענטשן...
— האָט בערנאַרדאָ פאַרענדיקט, צוליינגנדיק זיין קאָפּ צו אירן.

— נעם כאָטש אַרוים א ביכל אין ציוויל־רעגיסטער. — האָט סאַראַ שטיל געבעטן, אַריינפאַלנדיק ווידער אין שוואַכקייט פון זיינע רייד און באַרירונג.

בערנאַרדאָ האָט געוואָלט זיך צעלאַכן, נאָר ער האָט זיך באַהערשט און געזאָגט:

— א „ביכל”? דאָס קען מען באַווייזן אַרויסנעמען אפילו, ווען מען האָט שוין א טוץ קינדער...

ער האָט זי געקושט, כדי צו פאַרגלעטן דעם שווידער, וואָס זיינע אומפּאַסיקע ווערטער האָבן ביי איר אַרויסגערופן. זי האָט מער נישט גערעדט, ווי א פּאַטאַלע, זיסע ווילנלאָזיקייט, וואָלט זי באַהערשט און אַרויפגעצוואונגען איר שטילשווייגן.

„שווייגן הייסט מסכים זיין”. — האָט זיין קענטשאַפט אין לערנען בערנאַרדאָן אונטערגעזאָגט.

איצט האָבן שוין בײדע געשװיגן. און זײער שװײגן האָט זיך צו־זאַמענגעגאָסן מיטן אַרום אין איין האַרמאָניע. דאָס פּרילינגס־ווינטל האָט געצערטלט די יונגע און אַלטע בײמער, װאָס האָבן געזשומעט פאַר תענוג, געגרויסט מיט זײערע צעגרינטע בלעטער, אָנזאָגנדיק דער װעלט זײער אויפלעבונג; און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן קילן בלומען־דופט, מיטן בלעטער־געזאַנג און מיטן בחורס דרשהנען פון ליבע און „קרבת־בשרים". אין דער טיפעניש פון סאַראַס װעזן האָבן זיך געװעקט פאַר־הוילענע, שרעקלעכע אויפבראַוז־געפילן, װי פון פאַרזיגלטע קװאַלן װאָלטן זײ אַרויסגעשטראָמט און זי אַװעקגעפירט אין אומבאַקאַנטע מיסטעריע־זע װעלטן פון נײגיריקער דערװאַרטונג.

פאַרנאַכט. די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן. בערנאַרדאָ האָט סאַראַן געפירט געאָרעמט, װי אַ קינד, װאָס מען װײזט דעם װעג. זײ זײנען אַ שטיקל װעג געגאַנגען צופוס. דערנאָך זײנען זײ געפאָרן מיט אַ טראַמװײ, דורכשנײדנדיק אַ פּאָר גאַסן, און אָט שטײען זײ נעבן אַן אַלט הויז, װאו ער האָט געהאַט זײן צימער. זײ זײנען געגאַנגען דורך אַ שמאָלן, לאַנגן הויף. אומבאַקאַנטע פּנימער האָבן אַרויסגעקוקט פון אַ פּאָר צעעפנטע טירן. זײ האָבן גענומען שטײגן אויף שמאָלע טרעפּלעך. סאַראַ איז גע־װאָרן מיד און זיך אָפּגעשטעלט. בערנאַרדאָ האָט זי פאָרן האַנט אַרײַ־בערגעפירט די שװעל פון בוידעם־צימער.

די טונקלקייט פון פאַרנאַכט האָט פאַרהוילן זײן אָרעמע װירט־שאַפט. ביסלעכװײז האָט דאָס אויג זיך צוגעװאוינט. אַ לעצטער אָפּשײן פון טאָג האָט אָנגעװיזן אויף אַ נישט פאַרבעט אײנפּלאַציק בעטל. דער לעצטער שטראַל האָט אויך געמסרט די נישט זויבערקייט פונעם בעט־געװאַנט, די צעװאָרפנקייט פון די חפצים און אַנטדעקט אַ קלײן טישל מיט איין בענקל אין גאַנצן חלל פון שמאָלן צימער. װען די פאַרבלענד־קייט האָט אינגאַנצן נאָכגעלאָזט, האָט זיך אויסגעטײלט, קוים מערקבאַר, אַ צעעפנט בוך אויפן װײסן, נישט געפאַרבטן, פון רויען האָלץ — טישל. באַלד האָט פון דער טונקלקייט אויפגעטויכט אַ פאָטאָגראַפיע פון עפּעס אַ פרוי, אַ שפּיגעלע און אַנדערע קלײניקייטן, װעלכע ציען נישט די אויפמערקזאַמקייט.

בערנאַרדאָ האָט צוגעמאַכט די טיר פאַרן גנבישן אויג פון טאָג, װאָס װיל זיך גאָרנישט פאַרענדיקן. גלײך איז אַלץ פאַרשװאונדן געװאָרן אין דער דעמערונג, אויסער די צװײ סילועטן, װאָס האָבן זיך געזעצט אויפן בעטל.

סאַרא האָט גאָרנישט געפילט קיין חרפה, ווען ער האָט איר אויס־געטאָן דאָס קלײדל און געלאָזן בלויז אין מאַמעס העמד, אויף וועלכן די אויסגעניייטע בלימעלעך און סטענגעלעך זיינען איצט נישט געווען בולט. ווען דאָס העמד האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, איז איר וועזן געוואָרן צעטראָגן אין אָנגעצונדענער ליידנשאַפט, וואָס ווייסט נישט קיין חשבון, קיין גרענעץ. גלייך איז ווייטיק און תענוג פאַרגאַנגען אין דער אויפבינדונג פון איר מיידלשאַפט. און אין יובל פון איר בלוט איז זי געוואָרן אויפגעלייזט, צעשוואומען אין אַ ים פון פאַרגעסנהייט. — —

סאַרא איז מיט פינקלדיקע אויגן געגאַנגען פון איר חברס צימער; אַראָפּגענידערט אין דער טונקלקייט די שמאָלע, געדרייטע טרעפּלעך, מיט אַ לייכטן טראָט, מיט אויפגעבונדענער ענערגיע, ווי זי וואָלט זיך באַפרייט פון עפּעס אַ משא, פון אַ בלייענער פוילקייט אין די אָדערן.

ווען זי איז שוין געשטאַנען אויף דער גאַס, האָט זי דערפילט די קילע לופט, וואָס גלעט און פרירט איר צעפלאַמט פּנים.

בערנאַרדאָ, וועלכער איז איר נאָכגעגאַנגען מיט שטילע טריט דורכן לאַנגן הויף, איז אויף דער גאַס געוואָרן באַריידעוודיק. ער האָט פון אָנהייב גערעדט בלחש, שטיל, סתם אַזוי... דערנאָך איז ער צוגעשטאַ־נען: זאָל זי אַריינגיין מיט אים ערגעץ עפּעס עסן, טרינקען, פראַווען אַ שטיקל סעודה, זיך אַ ביסל משמח זיין. זי האָט אויפגעכאַפּט זיינע רייד כלאחר־יד, אומגערן, וואָס דאָס ווינטל האָט באַלד פאַרטראָגן. פּלוצ־לינג האָט זי אים אַריינגעקוקט אין די אויגן פאַרן לאָמפּן־שיין און אַ פרעג געטאָן מיטן אַן ערנסטן טאָן:

— זאָג דעם אמת, בערנאַרדאָ, מיר האָבן טאַקע חתונה געהאַט ביידע אויף אַן אמת, כדת משה וישראל, ווי די מאַמע האָט...

— יאָ, בנאמנות. — האָט ער זי נישט געלאָזט פאַרענדיקן די פראַגע

— מיר זיינען מאַן און ווייב, ווייב און מאַן... אַ טרער איז אַראָפּגע־רונען איבער איר באַק און עפּעס אין האַלדז האָט איר גענומען ווערגן. זי האָט זיך אויסגעדרייט. נישט אָננעמענדיק זיין איינלאַדונג, האָט זי גענומען שפּרייזן פאַראויס. ער האָט זי געוואָלט באַגלייטן אַהיים, נאָר סאַרא איז שוין נישט קיין גרינע. „זי וועט שוין אַליין טרעפן". און אגב מוז זי איצט זיין אַליין, זי איילט זיך פאַרענדיקן אַ בריוו. „אַ בריוועלע דער מאַמען". — — — —

סאַרא איז געזעסן אַליין ביי זיך אין צימער און ביים נאַכט־לעמפּל זיך ווידער גענומען צו פאַרענדיקן דעם אָנגעהויבענעם בריוו אַהיים.

איצט האָט זי שוין געהאַט „וויכטיקע נייס" צו מעלדן. זי האָט אַ סך מאָל איינגעטונקט די פעדער אין טינטער און נישט געוואוסט ווי אָנ־צוהייבן די ערשטע פראַזע. שרייבן: חתונה געהאַט כדת משה וישראל, זי ווייסט גוט דעם טייטש דערפון! די מאַמע אָבער האָט דאָך גערעדט פון חופה־וקדושין. וואו זיינען די עדות, דער רב, דער קדושין־רינג? יאָ, זי האַלט נישט פון די אַלע צערעמאָניעס. חתונה האָבן דורך ליבע, ווי אַ פרייער מענטש, אויף אַ נאַטירלעכן אופן, איז דאָך שענער, בעסער, איידעלער... אַ קדושין־רינג קען מען אָנטאָן, צו באַפרידיקן די אַלע קליין־בירגער און לאַנגע צינגער. אָט וועט זי שרייבן, אויפרודערן דאָרט דאָס גאַנצע שטעטל מיט איר „חתונה". בערנאַרדאָ קען נאָך דערווייל קיין לייטיש צימער נישט דינגען און זי איז דאָך אַרבעטסלאָז. די לאַנגע צינגער, די רכילות־טרייבער, וועלן דערווייל שרייבן: „נישט געשטויגן, נישט געפלויגן". זי לעבט גאָרנישט מיט קיין מאַן, זי וואוינט אַליין אין אַ בוידעם־חדר. זי איז משוגע.

„און אפשר בין איך טאַקע משוגע", האָט סאַרא אַ קלער געטאָן. ווער קען וויסן דעם ריכטיקן באַגריף פון „חתונה געהאַט". חתונה גע־האַט הייסט דאָך פירן אַ פאַמיליען־לעבן, האָבן קינדער. קען מען דען ביי אַזוינע אומשטענדן קלערן גאָר וועגן דעם? עס איז געווען נאָר אַ כשוף, אַ חלום... זי דאַרף מאָרגן אויפשטיין פרי און גיין זוכן אַרבעט. חתונה האָבן איז אַ לוקסוס זאַך. אָרעמע מענטשן, אַרבעטסלאָזע, פאַר־יאָגלטע אימיגראַנטן קענען זיך דאָס פאַרגינען? ברענגען קינדער אויף דער וועלט אין איין ענגן צימער. די מאַמע וועט נישט קענען אַר־בעטן. דער טאַטע וועט שיטן מיט פסוקים, מיט גמראַס און עסן וועט נאָט געבן! ניין, בערנאַרדאָס פּלאַן טויג נישט! סאַרא איז איצט געווען צופרידן, וואָס קיינער ווייסט נישט פון איר אַוואַנטורע. די פעדער איז איר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט, זיך געוואַלגערט אויפן טיש, ווי אַן אומנוצלעכע זאַך, ווי אַ שברי־כלי. די טינט איז ביסלעכווייז גערונען, געקאַפּעט פון איר, ווי שוואַרץ בלוט.

סאַרא האָט זיך דערפילט מיד. אַן אַפּאַטיע האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון די צווייפלען. דעם נישט פאַרענדיקטן בריוו האָט זי ווידער פאַרבאַהאַלטן. זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען אין מיטן צימער ווי פאַרגלי־ווערט. זי האָט דערפילט הונגער און דורשט, נאָר זי האָט זיך גענומען אויסטאָן צו גיין שלאָפן.

ווען זי איז אַריין אין בעט, האָט זי באַמערקט אויף דעם העמד אַ

בלוט־פלעק. זי האָט זיך עפּעס דערמאָנט און געטראַכט: „דער ערשטער „פלעק" אויף דער מאַמעס העמד, זינט עס איז אויפגעגייט געוואָרן". זי האָט איבערגעביטן וועש און אויסגעלאָשן דאָס ליכט. די פינסטערניש האָט איינגעהילט דעם טינט־פלעק און דעם בלוט־פלעק. א צעשוואָומע־נער פלעק, ווי פון עפּעס א חטא, איז אויך געבליבן ביי סאַראַן אין מוח. אַלץ איז געוואָרן איינגעהילט אין חשכות, אין אומבאַשטימטע, צע־שוואָומענע חלומות.

סאַראַ האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען עס האָט אָנגעהויבן שאַרען אויף טאָג. אין דעם אַנטעקעגנדיקן בעטל איז געשמאַק געשלאָפן איר חברטע בערטאַ. זעט אויס געקומען שפּעט אין דער נאַכט. פונדעסטוועגן וועט סאַראַ זי נישט גיין אויספרעגן: וואו־און־וואָס. און יענע, אַז זי וועט נאָר אויפעפענען די אויגן, וועט גלייך אָנהייבן שיטן מיט פראַגן. סאַראַ קען קיין ליגן נישט זאָגן. זי וועט באַלד דאָ זיין אין א שלעכטער לאַגע, פּשוט אין א סכנה... זי האָט אויף גיך זיך אָנגעטאָן און ארויס אויף דער גאַס, אַנטלויפנדיק פון דעם פראַגע־צייכן, וואָס איז געשטאַנען אין דער דושנער לופט פון צימער און געלעגן אויף די ליפּן פון איר שלאָפנ־דיקער חברטע.

אויף דער גאַס איז סאַראַ געגאַנגען באַזאַכט, האַבנדיק נאָך גענוג צייט, צוליב דער פריער שעה זיך ארומצוקוקן, וואָס זי האָט צו טאָן. זי האָט זיך געפילט עפּעס אַנדערש ווי שטענדיק — אין א נייער הויט. זי איז נישט געווען טרויעריק. עס האָט איר אויסגעוויזן, אַז אַלץ איז באַנייט און די פאַרבייגייער באַטראַכטן זי מאָדנע נייגעריק. זי האָט מיט הנאה געאָטעמט די פרטאַג־לופט. זי האָט דערפילט אין זיך א סך ענערגיע. נאָר וואָס מער מענטשן דער טאָג האָט ארויסגעשלעפּט פון די בעטן און געיאָגט זיי מיט אימפּעט צו זייער ארבעט און „דאגות־חיונה", אַלץ אומרואיקער איז סאַראַ געוואָרן.

אין דער יידישער געגנט, וואו זי וואוינט, קענען זי א סך. זי געפינט דאָ שטענדיק ארבעט. זי דאַרף נאָר קויפן א יידיש בלאַט און א בליק־טאָן אין די אַנאָנסן. דאָס מאָל האָט זי אָבער גראַד געקויפט א „לא פרענסא". זי איז געווען צופרידן צו פאָרן אין א וויטער געגנט, וואו עס האָט זיך געפאָדערט א מיידל פון איר פאַך.

פאָרנדיק לאַנג און ווייט, האָט זי געטראַכט פון בערנאַרדאָן. זי האָט אים ליב? געפעלט ער איר פאַר זיין דרייסטקייט? יאָ! ביידע זאַכן געכפּלט. פונדעסטוועגן וואָלט זיך וועלן אים גוט אויספּאַטשן. ווער

וויסט, וויפל מיידלעך ער האָט שוין פאַרנאַרט מיט אַזוינע כשוף־רייד, מיט נעכטיקע טעג, פּוסטע פֿלאַפֿלערייען און נאַרישע, נישט רעאַלע פּלענער. טרעפן זיך מיט בערנאַרדאָן ווידער האָט נישט קיין זין. ווען דאָס האַרץ וועט רופן, דאַרף מען דערשטיקן אַלע געפילן. כאָטש זי קלערט וועגן תכלית, האָט זי אַ סך אייגנליבע, זעלבסטווירדע. זי וועט נישט דערגייין ביזן גרענעץ פון הפקרות, כאָטש די אומשטענדן קענען דאָס וועלן... און זאָלן די אַלע יונגפּרויען, וועלכע טראָגן אַנטקעגן זייערע פאַרשלאָסענע קוואַלן דעם גאָט מאַמאָן אַריינפאַלן אין אָפּגרונט. זי, סאַראַ, פילט זיך נישט זינדיק... זי פילט זיך באַפרייט פון אַן איבעריקן באַלאַסט און געלייטערט... זי וועט אַפילו יום־כפור זיך נישט שלאָגן די „על־חטאן".

זי איז געפאָרן ווייטער. זיך געסטאַרעט נישט צו טראַכטן. אָבער עפּעס האָט זי געעגבערט, ווי דער אומרו וואָלט זיך באַזעצט אין איר מוח. זי האָט גענומען טראַכטן וועגן די פאָלגן, וואָס קענען קומען פון איר נעכטיקן צוזאַמענטרעף. אָט קומט די צרה. די לאַנדסלייט זייַנען מוכן ומזומן אויסצונוצן די קאָנסעקווענצן און אויפרודערן די גאַנצע יידישע געגענט. און באַלד האָט זי דער געדאַנק אַוועקגעפירט צו דער אַלטער היים, צו טאַטע, מאַמע, שוועסטער און באַקאַנטע. די בענקשאַפט צו זיי איז איצט פאַרשוואונדן. זי איז איצט פאַר זיי — האָט זיך איר געדאַכט — אינגאַנצן אַ פרעמדע, אַ ווייטע, אַ פאַרגעסענע. זי איז אַפילו שטאַרק צופרידן וואָס זי איז אַליין, אַ פרייע אין אַ ווייט לאַנד. זי וועט אַרבעטן אין אַ גויאישער געגנט. אין דעם ווייטן, אומבאַקאַנטן, גויאישן קרייז וועט זי דינגען אַ צימער און וואוינען אַליין. און אָפּגעזונדערט, ביחידות — האָט זי באַשלאָסן — וועט זי פירן איר וועלט. — — — —

און עס האָט אַזוי פּאַסירט. סאַראַ האָט געוואוינט אַליין אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל. זי האָט זיך די ערשטע צייט געפילט פרעמד צו זיך אַליין און צו דער סביבה. אין די איינזאַמע נעכט לאַנג, לאַנג האָט זי דערנאָך געטראַכט וועגן נפש, וואָס זי האָט פאַרניכטעט אין איר טראַכט. (אין אַ געוויסן טאָג איז זי געוועזן זיכער, אַז בערנאַרדאָס „מקדש" זיין וועט געבן פרוכט, האָט זי באַצאָלט מיט אַ חודש פון איר לוין, כדי אויסצומיידן שרעק און בזיון.)

„פאַרוואָס ווערט אַ קינד, וואָס ווערט געבוירן אויף אַ נאַטירלעכן אופן, ביי יידן אָנגערופן ממזר?" — האָט אַ מוטער־געפיל אין איר אויפגעטויכט און פאַרוואָגלט איר שלאָף אויף דעם מיידלשן בעט. „האָט

דאָך „ער", וועמענס נאָמען זי וויל גאָרנישט טראַכטן, איר געזאָגט ליגן" — האָט אַ שרעקלעכער האַס־געפיל צום טאַטן פון פאַרברעכן זי אַרומ־גענומען.

שרעק־געפילן, פינסטערע מחשבות האָבן באַהערשט אַ לאַנגע צייט איר וועזן. זי האָט זיך דערמאָנט די פּנימער, די נייגעריקע אויגן אין די טירן פון שמאָלן הויף, ווען זי איז געגאַנגען צו אים אין צימער. זי איז זיכער, אַז די גאַנצע יידישע געגנט קאָכט מיט איר. זיי ווייסן דאָרט אַלץ... זי איז ביי יעדערן דאָרטן אויפן צונג. צו אירע עלטערן איז דערגאַנגען די נייעס. זיי פאַרהאַסן זי און ווילן גאָרנישט וויסן מער פון אַזאַ טאָכטער. זי אַליין האָט זיך נאָכמער גענומען האַסן, טראַכטנדיק אַז זי האָט שוין נישט די ווערט, עמעצער זאָל „אַזאַ" נעמען. זי האָט קיינעם נישט געמאָלדן איר וואוין אָרט. און ווי אַ שרעק־געשפּענסט וואָלט איר נאָכגעגאַנגען, זי פאַרפאָלגט, האָט זי מורא געהאַט זיך צו ווייזן אויף דער יידישער גאַס. זי האָט זיך נישט געטראָפן מיט קיינעם פון די אַמאָליקע באַקאַנטע, נישט אפילו מיט משפּחה־לייט. פריער פלעגט זי ראש־השנה און יום־כפּור זיין ביים פעטער. (אויך אין אַנדער יום־טוב פלעגט זי אַמאָל ביי אים האַלטן.) זי האָט נאָך אָנגעהאַלטן די טראַדיציע פון פאַסטן אין דעם טאָג פון פאַרגעבונג. דעם לעצטן יום־כפּור איז זי נישט אַרויס פון שטוב, נישט געפאַסט, נישט געבעטן. קיינער האָט בכלל נישט געוואוסט, וואו זי איז פאַרשוואונדן. זי האָט זיך דערפילט, וואָס אַמאָל מער דערווייטערט פון יידן און יידישקייט... — — — —

...און איינמאָל, נאָך אַ קיילעכדיק יאָר פון התבודדות, קאָשמאַרן און פּייניקונג, ווען די וואונד האָט זיך ביסלעכווייז פאַרהיילט און ניי־בליאונג איז אויפגעגאַנגען אין באַנייטן פרילינגס־גאָרטן פון דער איינ־זאַמער פרוי און געריפן צום לעבן, איז סאַראַ געשטאַנען אין אָוונט ביים טיר פון הויז און געקוקט אין הימל, סתם אַזוי... אָדער אפשר זעט זי עפּעס אין די שטערן: אין די גורלות זייערע זוכט סאַראַ אפשר אַ באַשייד צו איר אייגן מזל?

— גוט נאָוונט פריילן. — האָט אַ בחור, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ הי־געבוירענער, זי באַגריסט און איז אַריין אין אַ דערבייאיק הויז. זי האָט באַלד חרטה געהאַט, וואָס זי האָט אַ שמייכל געטאָן, ווי אַן ענטפער אויף זיין גוט נאָוונט, נאָר זי איז נאָך ווייטער געשטאַנען און געקוקט אין דער וועלט אַריין. אַזוי אָוונט ביי אָוונט. זי האָט שוין גע־

וואוסט די צייט פון זיין קומען, איז זי געשטאַנען גרייט, אירע אויערן זאָלן אויפנעמען דעם זיסן קלאַנג פון זיין מילדער שטים.

איינמאָל איז ער ארויסגעקומען נאָכאמאָל, איר צוגעוואָרפן א קאָמ־פלימענט און געמאָלדן, אז עס איז א שיינע לבנה־נאכט... זי האָט זיך צעשמייכלט:

„דאָס ווייסט זי דאָך אליין. און צו וואָס זאָגט ער דאָס איר". — האָט זי זיך געמאַכט ברוגזלעך.

„ווייל א שיינע, סימפּאַטישע סעניאָריטאַ, איז איין גרויסע האר־מאָניע מיט דער לבנה און שטערן". — האָט ער אזוי פּאָעטיש אויסגע־זונגען, ווי א דעקלאַמאַציע.

א נאַכט פאַר א נאַכט, א וואָרט פאַר א וואָרט, און דער בחור האָט איר געזאָגט פשוט און פּראָסט, אז ער האָט זיך אין איר שטאַרק פאַר־ליבט. און ווען זי האָט אים געזאָגט, אז זי איז אַן אָרימע, האָט ער געענטפערט, אז ער האָט א גוטן רעגירונגס־פּאָסטן. און ווען זי האָט אים געזאָגט, אז זי איז א „פּאָלאַקאַ־כודיאַ", האָט ער געענטפערט: „ביי אים זיינען אַלע ראַסן גלייך און יעזוס אליין איז דאָך, כידוע, אויך גע־ווען א יהודי. ער איז נישט קיין רעליגיעזער, נאָר אויב זי וועט זיך האַלטן ביי איר אמונה, אפילו נאָך דעם ווי זי וועט מיט אים חתונה האָבן, איז ער אויך צופרידן"...

— און איר א קריסט רעדט אזוי. — האָט סאַראַ געפּאָרשט זיין אמתן מיין.

— מיר אַרגענטינער זיינען שוין אזוי! ליב קינד, האָב צוטרוי... יעדער איינער קען האָבן זיין גאָט...

„וואָס פאַר א טאָלעראַנטער ער איז". — האָט סאַראַ געטראַכט און צוגעשוויגן. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס נאָך פאַר א קלעצער אים צו לייגן, ווי אזוי פון אים און פון זיין איידלקייט זיך ארויסצודרייען — האָט זי געזאָגט א גוטע נאַכט „ביז מאָרגן".

צומאָרגנס אָוונט איז זי נישט ארויסגעקומען. אויפן דריטן טאָג, אָוונט, פונקט צו דער זעלבער שעה, ווען דער בחור קומט, האָט זי זיך באַוויזן ביים שוועל פון איר וואוינונג. דאָס פּנים איז איר אויסגעבלייכט, נאָר שיין פאַראַקמט די פריזור, און א קרענצל „פּערל" באַשיינט איר שיינעם, הויכן האַלדז. א נייַ קלייד, צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן, האָט אויסגעפורעמט איר שלאַנקן קערפּער, אויסגעצייכנט אירע סימעטרישע גלידער.

דער בחור, איר באַקאַנטער, האָט זי מיט פרייד באַגריסט. איר בלאַס ועזיכט האָט שוין פאַרענטפערט איר נעכטיקע אַפּוועזנקייט. ער האָט זי וועגן דעם נישט געפרעגט. ער האָט נאָר געמאַכט זיינע געווייגלעכע און שטאַרקערע ליבעס־דערקלערונגען, און זי איינגעלאַדן אין טעאַטער. זי האָט די איינלאַדונג אָנגענומען.

דער טעאַטער, אויף אַ שיינער הויפּט־גאַס, איז געווען פול באַזעצט. כשוף־ליכט האָט זיך געגאָסן פון דער בינע אַראָפּ. די מוזיק האָט זיך געכוואַליעט, געפלאָסן, ווי שטראָמען פון שטילע וואַסערן. די טענצערינס האָבן געשוועבט, נישט אָנרירנדיק די ברעטער פון דער בינע. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער לופט, ווי מלאכים מיט פליגל, און זיך ווידער אַראָפּגעלאָזן, זוכנדיק איבער די פּאַלאַצן זייערע געליבטע. באַלד האָט זיך דער אָרקעסטער צעברומט, צעליאַרעמט. אַ וואַלד מיט ווילדע חיות האָבן געברעוועט און געוואָרפן אין קאַמף זייערע נעגל און קראַפּט. און די טענער האָבן זיך אַלץ מער צעוויגט, ווי שטורמישע ימים, ווי אוראַגאַנען, וואָס רייסן ביימער מיט די וואָרצלען. די טענצער האָבן מיט זייער גאַנצער קראַפט אויסגעטאַנצט דעם שטורעם פון ליבע־ריוואַליטעט, אייפערזוכט און קאַמפן, ווערנדיק געטראָגן אויף די כוואַליעס פון דער מוזיק. אַ פּלוצלינגער איבערגאַנג אין די טענער האָט זיי געצווימט, מילד געמאַכט און טענצערינס, ווי ליבע־געטינס, זיינען דאַן זיי אַרויס אַנטקעגן.

סאַראַ איז געזעסן פאַרגאַפט. אַ ליידנשאַפט פון עפּעס שוין באַקאַנ־טע וויברירונגען האָט עמאָציאָנירט איר גאַנצן וועזן. זי האָט פּלוצלינג דערהערט אַ פראַגע אין אויער: „ווילסטו מיט מיר חתונה האָבן טייערע?" „אויב דו וועסט אַרויסנעמען אַ חתונה־ביכל". — האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט, אַרויסציענדיק איר האַנט פון זיינער, ווי דערשרעקנ־דיק זיך פאַר די אייגענע ווערטער. „מסכים, מסכים". — האָט ער מיט פרייד זי געכאַפּט ביים וואָרט און ווידער איינגעקלעמט אירע לאַנגע פינגער צווישן זיינע ביידע דלאָניעס. — — —

...וויל סאַראַ האָט שוין נישט געקענט ברעכן איר וואָרט, האָבן זיי שנעל אַרויסגענומען אַ „ביכל" אין ציוויל־רעגיסטער. „די שכנים האָבן אים אַזוי שטאַרק געליובט, און זי האָט אים דאָך זייער ליב, אַזאַ איידעלער, גוטער קאַוואַליר". — האָט זיך סאַראַ געטרייסט פאַר איר שנעלער דעציזיע מיט אים, כאַנען, צו פאַרבינדן איר גורל. סאַראַ האָט געוואוסט, אַז אַ סך יידישע מיידלעך האָבן חתונה מיט גויים, איז איר געווען גוט און גרינג אויף דער נשמה.

פון טעג זיינען געוואָרן וואָכן, פון וואָכן חדשים. סאַראַ האָט געהאַט איר שטוב. זי איז אַרבעטן שוין נישט געגאַנגען. זי איז יעדן פרימאָרגן געגאַנגען אין „מערקאַדאָ" איינקויפן שפּייז, גערעדט שפּאַניש, געלייענט שפּאַנישע ביכער און געוואָרן גלייכגילטיק, צי מען ווייסט פון איר טאַט אָדער נישט. זי האָט געוואָלט און זיך געסטאַרעט צו פאַרנעמען דעם עבר.

„נאָר ווען זי ווערט פּטור פון איין קליינקייט" — האָט זי געמאַטערט דער סוד פון איר מאַמעס אונטערוועש. ווען זי ליגט זיך מיט איר מאַן אין דעם שיינעם, ברייטן בעט, און דער מאַמעס אומשולדיק אויסגעהאַפטן חתונה־העמד קומט אין באַרירונג מיטן גוי, איר מאַן, דערמאָנט עס איר אַ סך זאַכן... און די מאַמע אַליין שטעלט זיך איר פאַר די אויגן. ווי אַ טויטע בייזע קוקט זי אויף איר. זי רוקט זיך דאַן אַוועק פון אים, און די נאַכטיקע שרעקן באַגלייטן זי אַ שטיק אין טאָג אַריין.

האָט סאַראַ אין איינעם אַ טאָג פאַרפּאַקט דער מאַמעס וועש אין אַן אַלטער צייטונג. „דער ערשטער אָרימער פרוי, וואָס וועט פאַרבייגיין, וועט זי דאָס אַוועקשענקען". זי האָט זיך געקויפט אַנדערע וועש, און דאָס לעבן איז איר אַוועק נאָרמאַל, ווי די לעצטע מחיצה וואָלט פאַרשוואונדן... — — —

* * *

עס זיינען געקומען די ימים־נוראים. יידן האָבן זיך געגרייט צו פייערן ראש־השנה מיט תפילות און גוטע מאכלים. מען האָט געקויפט „שטעט" אין די שולן, זיך פאַרגרייט מיט עופות, פיש, זיסע געבעקס. זיך גרייטנדיק צו לייטערן און רייניקן די נשמה, האָט מען אויך נישט פאַרגעסן דעם חומר. אויסצובעטן אַ כתיבה־טובה, האָט מען געזוכט אַ וואָס בעסערן חזן, מיט אַ שענערער שטים. די פרויען האָבן זיך פאַרפּוצט אין די שענסטע קליידער און היט.

סאַראַ איז ערב ראש־השנה געווען גלייכגילטיק. נאָר דערמאָנט האָט מען איר וועגן דעם אין מאַרק, ווען זי איז געקומען, ווי יעדן פרימאָרגן איינקויפן שפּייז אויפן טאָג.

„פרישע פיש, ווייבער! יום־טוב". — האָט איר אַריינגעשריען אין פּנים דער איטאַליענישער פישער, ווען זי איז פאַרביי זיין געשטעל, אויף יידיש. זי האָט נאָך נישט באַוויזן צו דערמאָנען זיך, וועגן וועלכן יום־טוב ער שרייט ,האָט באַלד איר אין אויער אַריינגעשריען דער יידישער

בעקער: „האָניק־לעקעך, זיסער טאָרט, סטרודל, חלה, סעניאָרא א גוט, זיס יאָר אויף אייך, קויפט"... מתנות פרויען זיינען באַפאָלן דעם פישער, דעם בעקער, דעם פרוכט־הענדלער. סאַרא איז געלאָפן פּארויטיקט, מיט הארץ־קלאַפעניש, פון איין געשטעל צום צווייטן. אלע האָבן זי אָב־סערווירט; אלע ווייבער, געשטעל־הענדלער, האָבן באַזונדער, ווי איר האָט זיך געדאַכט, נאָר צו איר געוואָרפן זייערע בליקן, נאָר אין איר פּנים זיך איינגעגעסן. אלע האָבן זי דערקענט. אלע פּארקויפער פון ראש־השנהדיקע זאַכן שרייען, רופן נאָר זי... „פונוואַנען האָבן זיך גענומען אזויפיל יידישע פרויען אין דער גויאישער געגנט?" קיינמאָל האָט זי דאָך זיי אין דער „מערקאַדאָ" נישט געזען.

סאַרא איז געקומען אהיים אויפגערעגט, דערשלאָגן. זי האָט אויף יום־טוב גאָרנישט איינגעקויפט. (דער חיות איז איר אויסגעגאַנגען צו די אלע יום־טובדיקע זאַכן.)

ווען די זון האָט גענידערט צו מערב, האָט עפּעס א מאָדנע אומ־רואיקייט זי באַהערשט. פון אָוונט־ברויט האָט זי גאָרנישט טועם געווען. זי האָט געוואָלט מיט אלע כוחות פאַרבאָרגן, פאַרטרייבן די צערודערונג, נאָר איר מאַן האָט אין איר בלייך פּנים אריינגעקוקט...

כדי זי אויפמונטערן, צעשטרייען, האָט זי כּוואַן מיטגענומען אין קינאָ. סאַרא האָט געקוקט אויפן לייוונט און גאָרנישט פאַרשטאַנען. די מוזיק און געלעכטערס פון עולם, האָט איר געגעבערט אין ברוסט. די אלע דראַמעס, אויפן לייוונט, האָבן אויסגעזען אין אירע אויגן, ווי א נאַרישער קינדער־שפּיל; אומזיניקייט און פּוסטקייט. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, כדי נישט צו קוקן אויפן לייוונט. אין דער פינסטער האָט זיך באַלד פאַר אירע אויגן אויסגעשפּרייט אַן אנדער לייוונט. ווייט, ווייט מעבר לים האָט דער לייוונט זיך באַוויזן. זי האָט דערזען אויף יענעם אויסגעשפּרייטן לייוונט די שול פון איר שטעטל; און טאַטע־מאַמע שטייען פאַרוויינטע, אויסגעצערטע, מידע און בעטן; זיינען מתפּלל מיט הייזעריקע שטימען, מיט די לעצטע כוחות, מיט יללות און תחנונים פאַר איר, סאַראַן, א גוט יאָר, א כתיבה־טובה, א גוטן זיוג... — — —

ווען זיי זיינען געקומען אין שטוב, האָט איר דער מאַן געקוקט אין די פאַרלאָפענע אויגן, געטאַפּט דעם קאָפּ.

— וואָס איז דיר, מיין טייבעלע, — האָט ביי איר דער מאַן גע־פרעגט.

גאָרנישט... זי איז היינט א טמאדיקע... „זאָל ער זיך די נאַכט

צו איר נישט צורירן". — האָט זי אים געמאָלדן, ווי אַן אינטימען סוד פאַרן גיין שלאָפן.

א גאַנצע נאַכט האָט סאַרא געחלומט, געווען אין אַנדערע וועלטן, מיט אַזוינע וויזיעס: יידן אין קיטלען, טליתים, דאַוונען, שרייען און קלאָגן אויף די זינד פון דער וועלט. זיי טוען תשובה און קלאַפּן זיך על חטא, על חטא... ווייבער אין שאַלן אויף די קעפּ, מיט פאַרוויינטע פּנימער, בענטשן ליכט. זיי איילן זיך, לויפן גאַנצע מחנות אין בית־מדרש אריין. די שוואַרצע שאַלן און טיכער פלאַטערן אויפן ווינט, ווערן צעשפּרייט ווי פליגלען, טראָגן זיך אין רוים ווי שוואַרצע מלאכים. זי האָט אפילו דערקענט איר מאַמעס פּנים: אַ צאַרנדיקע, ווייס ווי קאַלך און שטראָמען טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן.

סאַרא האָט צום סוף געשריען מיט פאַרשטיקטע קולות, ווי שווערע קלעצער וואָלטן זיך אויף איר אַרויפגעוואַלגערט און איר האַרץ אָפּגע־שטעלט. — — — —

ערב יום־כפור. סאַרא ווערט נאָך מער אומרואיק, דערשלאָגן. זי קען נישט פאַרשטיין די שרעק, וואָס באַהערשט זי. אין דער אַלטער היים, „ווען אַ פיש אין וואַסער האָט געציטערט", האָט זי דאָך קיין מורא נישט געהאַט פאַרן יום כפורים זה...

אין טאָג פון פאַרצייאונג, האָט זי געפאַסט. עס איז געזונט איין טאָג אין יאָר אָפּפאַסטן. און פאַר וועלכע זינד האָט זי געדאַרפט זיך שרעקן, תשובה־טאָן?

אין אָוונט, באַלד נאָך זון־פאַרגאַנג, איז סאַרא געבליבן מיט זיך אַליין. זי האָט זיך אָפּגעשיידט, געזעסן אַליין אין אַ צימער מיט פאַר־מאַכטע אויגן אין דער טונקלקייט. די שטילקייט איז געוואָרן פאַרגלי־ווערט אין אומהיימלעכער פרעמדקייט. באַלד האָבן די שאָטנס גענומען אַרויסקריכן פון אַלע ווינקלען און זי פאַרוויקלט ווי אין שוואַרצן קרעפּ.

דאָס געזאַנג פון כל־נדרי איז פּלוצלינג צו אירע אויערן דערגאַנגען, פון ווייט, פון ציטן; ווי אַן עכאָ האָט אַ כאָר אַ גאַנצער אַלץ שטאַרקער און אומעטיקער, האַרצרייסנדיקער די כל־נדרי־קלאַנגען געבראַכט פון ער־געץ אַ שול מיט מתפללים. דאָס געזאַנג און די שאָטנס פון עבר האָבן איינגעהילט איר וועזן, פאַרטונקלענדיק איר חתונה־גליק. — — — —

סאַראַס מאַן איז אַ גוטער, אַ טאָלעראַנטער. — היט אָפּ דיין אמונה לויט דיין געוויסן. אין דעם „דיאַ דע פּערדאָן" בעט גאָט פאַר אונדז ביידן, פאַר אַלע גוטע מענטשן" — האָט כואַן איר געזאָגט מיטן זיין

פּראָווינציעלער זיננגעוודיקער שטימע. זי האָט טאָקע דעם יום־כּפּור גע־פאַסט, תּפילה געטאָן אין הארצן פאַר אַלעמען, פאַר אירע עלטערן און יינגערע שוועסטער חנה באַזונדער.

זי האָט געוויינט אין דער שטיל, כאָטש זיך נישט געקלאַפּט קיין על־חטא, אויף די פאַרלוירענע האָפענונגען פון אירע עלטערן.

מוצאי יום־כּפּור. איר איז גרינג אויף דער נשמה, ווי זי וואָלט זיך מיטן תענית געלייטערט אין קדושה. זי האָט אויפגעזוכט דעם נישט פאַר־ענדיקטן בריוו. זי וועט שרייבן די עלטערן, אַז זי האָט חתונה געהאַט. זי קען אויך צוגעבן: יום־כּפּור געפאַסט, געבעטן דעם אויבערשטן ווי אַמאָל. אָט וועט דער בריוו זיין פאַרענדיקט, עס וועט זיין גרינג צו לעבן! זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אַ בליק געטאָן אויף איר רונד געוואָרענער פיגור: זי טראָגט שוין אַ קינד אין איר אינגעווייד. פאַרגאַנגען אין טראַגן, פון איר געזעצלעכן מאַן, וועט זי שרייבן. די מאמע וועט זיך פרייען: דערלעבט פון סאַראַן דעם נחת...

סאַראַ האָט מיט אַ טרוקענער, נישט איינגעטונקענער פעדער זיך פאַרטראַכט. זי האָט לאַנג געקוקט אויפן לײדיקן פּאַפּיר און עס איז איר געוואָרן פּלוצלינג קלאָר: דער בריוו וועט שוין בלייבן נישט דער־שריבן: זי וועט אים נישט פאַרזעצן, ווי איר קינד, וואָס וועט קומען אויף דער וועלט, וועט נישט פאַרזעצן איר יידישן שטאַם און גלויבן. אַלץ וועט בלייבן נישט פאַרענדיקט, ווי דער המשך, די קייט פון דורות, וואָלט געוואָרן איבערגעריסן. „אפשר וועט דאָס קינד האָבן אַן אַלמענטש־לעכן גלויבן?" — האָט זי זיך געטרייסט.

„זייט מוחל, טאַטע, מאַמע, פאַרן „בריוו", וואָס אייער טאָכטער סאַראַ קען נישט פאַרענדיקן". — האָט זי געבעטן אין דער מחשבה און מיט הייסע טרערן באַוואָשן די נישט פאַרשריבענע זייטלעך פּאַפּיר.

מלחמה

גערופן האָט מען אים „דער יידישער דייטש" און געהאַלטן האָט מען אים פאַר א „ריינעם אריער". מען האָט גערעדט צו אים אויף אַלע יידישע דיאַלעקטן און ער האָט געענטפערט מיט אַזא מין דייטש, וואָס יידן רופן דאָס דייטשמעריש און איז פאַר זיי לייכט, פאַרשטענדלעך. ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט יידן: ער האָט פאַר זיי געאַרבעט, האָט געגעבן עצות אָרימע יידישע קרעמער אין זייערע געשעפטן און געוואוסט פון אַלע זייערע דאגות. ס'האָט זיך, מיט דער צייט, אַנגעהויבן דאַכטן, אַז ער האָט אין זיך יידישע מילדקייט. ער איז געווען זייער שפּאָרזאַם און צוריקגעהאַלטן, איז געגאַנגען זייער אָרים געקליידט, כאָטש מען האָט געזאָגט אַז ער איז רייך, אַז ער איז אַ שטילער, פאַרבאָרגענער עושר... יידן, קרעמער, האָבן געשפּאָסט אויפן חשבון פון זיין קאַרג־שאַפט און אים גערעדט שידוכים.

— פאַרוואָס האָט איר נישט חתונה, הער רודאָלף? — האָט אים איינמאָל געמוסרט חיים שוואַרץ, זיינער אַ קליענט און זייער היימישער מענטש. — איך האָב פאַר אייך אַ גוטן שידוך, אַ מענטש ווערט עלטער, נישט יינגער, די יאָרן לויפן!

— דער סעניאָר רודאָלף איז נאָך נישט אַזוי אַלט ווי דו מיינסט, — האָט זיך אַריינגעמישט שוואַרצס ווייב, רחל — ער וועט נאָך קריגן זיין באַשערטע. לאָז אים נאָר, פריער אָפּשפּאָרן אַ שיינע אפּותיקי, די פרויען וועלן אים שוין אַרומזוכן.

— יאָ, ער וועט שוין חתונה האָבן ווען טשוועקעס וועלן בליען — האָט שוואַרץ געמורמלט ווי פאַר זיך. און אַ קלאַפּ טוענדיק רודאָלפן אין

פלייצע, האָט ער געזאָגט: — איר זייט גערעכט, מיין פריינד, מען דאַרף נישט חתונה האָבן. איר לעבט זיך אַ רואיק לעבן, איר דאַרפט נישט פאַרזאָרגן קיין ווייב מיט קינדער, איר שפּאָרט זיך אָפּ פון אייער פאַרדינסט אויף דער עלטער און קומט צו אַ תכלית. און בכלל, אַז מען וועט נישט באַשאַפן קיין קינדער, וועט קיין מלחמות נישט זיין...

רודאָלף האָט פאַרצויגן זיינע לאַנגע, גרווילעכע ברעמען און האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

— איר זייט פולקאָם גערעכט, הער שוואַרץ, איך זאָל אַרבעטן פאַר אַ פרוי? נימאָלס, קיינמאָל נישט! באַזונדערס איצט, ווען די וועלט איז אַזוי אויפגעברויזט און קיין זיכערקייט איז נישטאָ. דער קריג, יאָ, די מלחמה ווי איר רופט עס, קומט דאָך זיכער, זי קלאַפּט שוין אין טיר! איך גלויב, אַז די דייטשן וועלן זי ווידער פאַרשפּילן — האָט רודאָלף שטיל פאַרענדיקט — ווי ווילנדיק טרייסטן די יידן און פון זיך אַראָפּנעמען די אחריות...

— זיי וועלן זיכער פאַרשפּילן, ווייל זיי האָבן זיך פאַרטשעפּעט מיט די יידן, — האָט שוואַרץ געזאָגט מיט פאַרביטערונג. יידן האָבן אין דייטשלאַנד געלעבט, געשאַפן, שוין הונדערטער יאָרן און איצט וויל מען אָפּווישן דאָרט זייערע שפּורן! און איר, הער רודאָלף, ווילט זיך אַרויסמאַכן פון שפּיל? איך פאַרשטיי אייך זייער גוט...

רודאָלפס געזיכט פלעגט ווערן פאַרצויגן מיט אַ געדיכטער כמאַרע, שטענדיק, נאָך אַזאַ געשפּרעך. ער האָט געפילט, אַז ס'ווערט אויסגעגראָבן אַ תהום צווישן מענטש און מענטש און ער הענגט איבער דעם אָפּגרונט.

רודאָלף, וואָס איז געווען פון פאַך אַ מאָלער, און איז אַרומגעגאַנגען איבער די יידישע קליטן און געמאָלן פאַר זיי שילדן, אויפשריפטן אויף די שויפענצטער, האָט איצט דערפילט אַ שרעק פאַרן מאָרגן, פאַרן ברויט. ער האָט אַלץ נאָך באַזוכט זיינע יידישע קליענטן, מיט וועלכע ער איז געווען אַזוי היימיש. ער האָט געזען, אַז זייערע הערצער זיינען צעווייטיקט און עס טריפט פון זיי בלוט פון ווייטיק און שאַנד. ער וואָלט געוואָלט אויפשניידן זיין אייגן האַרץ און ווייזן, אַז ער ליידט און באַדויערט דאָס אַלץ, אָבער ער קען גאָרנישט העלפן. ער האָט גענומען פילן אַ גרויל און אַ שוידער, ווי מען פילט קוקנדיק אויף אַן אָפענע, צעווייטיקטע וואונד, וואָס מען וויל פאַרהיילן און מען איז דערצו מאַכט־לאָז. ער האָט געוואָלט טרייסטן און איז געבליבן אָן לשון. ער האָט דערזען אַ חשד און אומצוטרוי אין זייערע אויגן... נאָך 25 יאָר אין

ארגענטינע, האָט ער אָנגעהויבן קלערן פון זיין היימלאַנד, דייטשלאַנד, וועלכע ער האָט זיך באמת שטענדיק צו פארגעסן. די איצטיקע שווי־דערלעכע טעג, האָבן אים דערמאָנט זיינע דורכפאַלן און אַנטרינונג פון זיין לאַנד.

רודאָלף האָט געפּרואווט אין זיין היימלאַנד מאכן אַן ארטיסטישע קאַריערע און איז דורכגעפאַלן. ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו ווערן אַ קונסט־מאָלער, און איז נישט אָנערקענט געוואָרן. ער האָט געוואָלט ווערן אַ שרייבער, אַ דיכטער; ער האָט געחלומט צו ווערן גרויס און איז דערנידעריקט געוואָרן, ווייל שווער איז דער וועג צו רום און דערפאָלג. ס'איז אַ דערנער־וועג פול מיט שטרויכלונגען און נישט פאַרגינער. ער האָט געשטאַמט פון אָרעמע עלטערן און מיט אייגענע כוחות זיך נישט געקענט דורכשלאָגן אין לעבן. ער האָט זיך דערנאָך פאַרפלאָנטערט אין ליבעס און איז געוואָרן אַ שונא פון פרויען... די אַנטוישונג האָט זיך געלייגט ווי אַ שטיין אויף זיינע לעצטע ביסל האָפענונגען און גלויבן אין מענטשן פון דער „העכערער" געזעלשאַפט.

קומענדיק אין דעם נייעם לאַנד, האָט ער דעם סוד פון זיין דורכ־פאַל באַהאַלטן. ווי אַ דורכגעפאַלענער מענטש האָט ער זיך געענדערט דעם סדר פון לעבן. ער האָט זיך געמאַכט אַ מאָדנע רעגלאַמענטירונג פאַר אַלע זיינע טאַטן, אַזאַ מין פּראָגראַם אין לעבן. מענטשן האָט אויס־געזען פריקרע, משונהדיק זיינע ווילדע און מאָדנע גענג: ער שרייבט קיינעם נישט קיין בריוו און באַקומט פון ערגעץ נישט קיין געשריבן אות, ווי ער וואָלט געווען דער לעצט־פאַרבליבענער פון זיין משפּחה. ער נעמט נישט און גיט נישט קיינעם קיין הילף. ווייל נישט פירן קיין פאַ־מיליע־לעבן, זעט אויס אַזוי מילד און איז אַזוי האַרט און גרויזאַם צו זיינע טאָג־טעגלעכע באַדערפעניש. מען ווייסט בכלל נישט ווי ער לעבט, ער איז אַ ספינקס. מען ווייסט נאָר, אַז ער קויפט גרויסע סכומים שפייז פאַר איין מאָל און גרייט עס אַליין צו פאַר זיך צום עסן און פאַרקערט קיינמאָל נישט צווישן זיינע דייטשן. ער קויפט קיינמאָל נישט קיין ציַיטונג, נאָר לייענט אַ סך, אַלטע, פאַרשטויבטע ביכער, וואָס ער פאַר־מאָגט. מען ווייסט, אַז ער האָט טאַלאַנט צו מאָלן בילדער, נאָר ער וויל נאָר שמירן שילדן... ער גיט אַלעמען גוטע עצות, וועגן פאַרשיידענע אָנגעלעגנהייטן און ער אַליין איז אַזוי פאַרוואָרלאָזט. ער רעדט קיינמאָל נישט וועגן זיך, דערפאַר האָבן מענטשן אַזוי ליב וועגן אים צו ריידן און שפינען וועגן אים לעגענדעס...

רודאָלף האָט גוט געוואוסט וואָס מען טראַכט פון אים און אַז מען גריבלט זיך וועגן זיין לעבן. ער איז געווען צופרידן אַריינצופירן די מענטשן אין ספקות און זיין לעבנסגעשיכטע זאָל בלייבן וואָס מער פּלאָנטער, פאַרשלאָסענע געהיימניש. איצט נאָך 25 יאָר, האָט ער זיך גענומען פּייניקן מיטן געדאַנק, אַז זיין אויסגעטראָטענער וועג ווערט פאַר־שאָטן פון אַ שטורעם און ער מוז זיך זוכן אַן אַנדער וועג צו פאַרדינען און לעבן. אין דעם אויסגעטראָטענעם וועג איז אים געווען אַזוי גרינג צו גיין און דער איבערברוך איז אַזוי פּיינלעך און שווער.

2

דעם טאָג ווען עס האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און די פאַרפאָלגונגען אויף יידן האָבן זיך פאַרשטאַרקט, איז רודאָלף געוואָרן שטאַרק טרויעריק. אים איז געווען אַזוי שווער, ביז איצט שוין, צו באַזוכן און בעטן אַרבעט ביי זיינע יידישע קליענטן און באַקאַנטע און ווי וועט ער איצט די אויגן ווייזן פאַר זיי? ער איז דעם ערשטן טאָג נישט אַרויס אין גאַס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר עפּעס און געוואָלט עס זאָל זיך איינשטילן אַ ביסל דער אויפברויז, וואָס איז זיכער געווען ביי יעדן אין האַרצן. אויף צו מאָרגנס איז ער אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, גענומען זיין קעסטל מיט פאַרבן און פּענדזלען און פון געוואוינשאַפט און פּיינלעכער נייגעריקייט זיך אַוועקגעלאָזט מיט זיין אויסגעטראָטענעם וועג, צו זיינע קליענטן אין די יידישע געגנטן. ער האָט אַריינגעקוקט, פאַרזיכטיק אין יעדער קראָם, נישט איבערטרעטנדיק אַ שוועל, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט צו לייענען, אויף די באַקאַנטע פּנימער, וואָס מען טראַכט און וואָס מען פילט... ווען ער האָט שוין געוואַגט אַריינקומען ערגעץ אינעווייניק, האָט ער באַגעגנט אַ קאַלטקייט און טויטע שטילקייט, וואָס האָט אים געבריט און פאַרשטיקט דעם אָטעם. ער האָט געשטאַמלט, געפּרואווט טרייסטן, מונטערן, נאָר ער האָט געפילט, אַז ס'איז נישטאָ קיין פאַרגעבונג פאַר רשעים... ער וואָלט איצט אַלץ אָפּגעגעבן מען זאָל פון אים לאַכן, חוזק ווי אַמאָל, נאָר ער זאָל זען גוטמוטיקע, פריילעכע פּנימער. רודאָלף האָט געפילט, אַז דאָס דינע פעדעמל, וואָס האָט אים נאָך פאַרבונדן מיט זיינע יידישע פריינד, ווערט איבערגעריסן.

מיט אַ געמיט, וואָס וואַרגט און אַ שטימונג וואָס דערדריקט און נעמט איין דאָס האַרץ ווי מיט קלאַמערן, האָט רודאָלף גענומען ציען

פּים און שפּרייזן, כּדי וואָס גיכער צו זיין ווייט פון דעם גיהנום, פון דעם יאָמער־טאָל!

ער איז אַוועק אין אַנדערע גאַסן, וואו עס וואוינען נישט זיינע אַלטע קליענטן און באַקאַנטע. אומעטום האָט זיך אים אָבער אויסגעוויזן, אַז ער טרעפט מענטשן מיט גיפטיקע בליקן און אויגן, וואָס שיסן פיילן. ער האָט געפּרואווט זוכן אַרבעט ביי קריסטן, אין זייערע קראָמען, נאָר יעדעס מאָל איז אים אַרויסגעשפּרונגען גאָר אַ יידיש פּנים... מיט זיין דייטשישן דיאַלעקט, האָט ער זיך מורא געהאַט צו ווייזן און האָט גערעדט מער אויף שטום־לשון, נאָר ער האָט געקלערט, אַז מען קוקט אויף אים מיט חשד און מען האָט נישט קיין צוטרוי צו אים. ער האָט אַ גאַנצן טאָג געוואַנדערט, נישט געגעסן און זיך אומגעקערט מיט ליי־דיקע הענט אין זיין צימער.

זיין צימער האָט אויסגעזען ווי אַ שפּייז־קראָם. זעק מיט מעל, צוקער, רייז און קאַרטאָפל, זיינען געווען צעשטעלט ביי איין וואַנט. ביי אַ צווייטער וואַנט זיינען געשטאַנען קאַסטנס מיט ציבעלעס, מערן, קנאָבל, בעבלעך און שאר ירקות. אויף איין הילצערנער פּאָליצע זיינען געווען צעשטעלט פאַרשיידענע בלעכן מיט קאַפע, טיי, פעפער, זאַלץ, צוקער און נאָך פון דעם מין. אין אַן אַלמער, גוט פאַרמאַכט, איז געווען פול מיט וואורשט, קעז, געררויכערטע פליישן, איינמאַרינירטע פיש און אַלע עסנס, וואָס פליגן זוכן עס אַרום. דאָס אַלץ האָט ער איינגעקויפט אין הורט־געשעפטן אויף ביליקע הורט־פּרייזן. דאָס עסן האָט ער זיך אַליין צוגעגרייט אויף אַ קליין בלעכן קיכל, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן צימער. פריער פלעגט ער די שפּייז אָפּוועגן, אָפּמעסטן און אַלץ אויסגע־רעכנט גענוי, עס זאָל נישט איבערשטייגן דעם סכום פון די אויסגאַבן, וואָס ער האָט פון פאַרויס פאַר זיך באַשטימט.

איצט איז רודאָלף געשטאַנען אינמיטן צימער און באַטראַכט, מיט אַ געפיל פון דערלייכטערונג, די אַלע לעבנסמיטל, וואָס ער האָט צוגע־גרייט. ער האָט זיך איבערגעדרייט, יעדער רגע פון מזרח צו מערב און פון צפון צו דרום, ווייל ביי יעדער וואַנט איז געווען אָנגעזאַמלט פון כל טוב און די שפע פון זיין שפּייכלער האָט אים נחת פאַרשאַפט. ער איז צוגעגאַנגען און גענומען אַ קאַרטאָפל אין האַנט און האָט זי גע־גלעט, צוגעלייגט צום האַרצן, צו די ליפּן; ער האָט זי געצערטלט, ווי מען צערטלט אַ ליב קינד. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אויסרעכענען אויף וויפל צייט ער קען די גאַנצע שפּייז האָבן, אויף וויפל וואָכן

און חדשים וועט ער האָבן צו עסן, אויב ער וועט נישט קריגן קיין אַרבעט. דער חשבון איז געוואָרן אַלץ מער קאָמפּליצירט, פאַרדרייט. ער האָט זיך גענומען פאַרשטעלן, אַז ס'גייט אַוועק אַ לאַנגע צייט און די שפּייז ווערט אַלץ ווייניקער; עס נעמען ווערן פּוסט די קאַסטנס און אַלמערס, ליידיק די זעק און בלעכן און אָפּגערוימט די פּאָליצעס. אַ שרעק איז אים באַפאַלן ביים געדאַנק, אַז ס'וועט יעדן טאָג אָפּקומען צוביסלעך שפּייז און ס'וועט גאָרנישט צוקומען. און ווי וועט אים איינגיין יעדער ביסן, אַז אַלע, סיי יידן, סיי קריסטן, באַיקאָ־טירן אים? ער האָט באַשלאָסן גלייך איבערגיין אויף קלענערע פּאָר־ציעס, צו שפּאָרן, כדי צו פאַרלענגערן אויף אַ געוויסער צייט די אַלע עסנוואַרג. איצט האָט ער אָנגעהויבן חשבונען אויפדאָסניי, לויט די פאַרקלענערטע חלקים. ער איז פון די רעכענונגען גיך מיד געוואָרן, כאָטש ער האָט שטענדיק געהאַט גענוג עקשנות און אויסדויער. ס'האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. אַ חלשות־נעפּל האָט אים באַ־הערשט. דאָס צימער האָט זיך אים גענומען דרייען, ווי אַ קאַרוזעל און ער איז געוואָרן בלייך ווי זיינע זעק מיט מעל. נישט פאַרלירנדיק זיך, האָט ער זיך געוואָרפן אויף אַ שטול, כדי נישט צו פאַלן אויפן דיל, און פונאַנדערשפּילענדיק זיינע בגדים איז ער ביסלעכווייז געקומען צו זיך.

ער האָט גענומען אַביסל וואַסער צו די ליפּן, דעם ערשטן טראָפּן אַ גאַנצן טאָג, ווען ס'איז שוין צייט געווען וועטשערע צו עסן. די פרישע און גוטע שפּייז האָט אים איצט אָבער נישט גערייצט. רודאָלף האָט דורך אַלע יאָרן זיך איינגעוואוינט צו לעבן מיט חשבון, נאָר דאָס וואָס ער האָט זיך צוגעטיילט, האָט ער זיך שוין פאַרגונען. איצט האָט אים געציטערט יעדער אבר ביים ווילן אָנרירן און מאַכן זיך דאָס עסן. ווען אימיצער וואָלט אים צוגעטיילט און צוגעגרייט די שפּייז, כאָטש פון זיין אייגענעם זאַפּאַס, וואָלט ער געווען צופרידן. נאָר דאָס אַליין אָפּנעמען, מיט זיינע אייגענע הענט, ווען ער איז זיכער, אַז ס'וועט מער נישט צוקומען קיין אַנדערע שפּייז, אַז ס'וועט נישט פאַרפולט ווערן דער בלויז, איז געווען פאַר אים שרעקלעך. צום ערשטן מאָל האָט ער גענומען קלערן וועגן אַ פרוי, וועגן חתונה האָבן. ער וואָלט שוין איצט מרוצה געווען אַרבעטן פאַר אַ ווייב מיט קינדער אפילו, נאָר ווי דער־גרייכט מען דאָס אַלץ, ווען ער איז שוין אַלט, צעבראָכן און אַלע טירן זיינען פאַר אים פאַרריגלט?

ער האָט זיך געשטאַרקט און אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן אַ ביסל שפּייז, לויט אַ גענויער אויסרעכענונג, פון אַ פּאָר מינים צו אונטער־באַפּרן זיך דאָס האַרץ. ווען אַלץ איז געווען גרייט, איז אים פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט און ער האָט צוריק אַוועקגעלייגט יעדן מאכל אויף זיין פּלאַץ. פון איין טאָג נישט עסן, האָט ער געקלערט, וועט ער פון הונגער נישט שטאַרבן און דערווייל וועט ער האָבן דאָס אָפּגעשפּאָרטע אויף אַ טאָג מער. און אַ טאָג פּאַר אַ מענטשן איז אַ סך! אין איין רגע אפילו, קען זיך אַלץ ענדערן, ס'קען צוריק גוט ווערן. ער האָט באַשלאָסן צו גיין גלייך שלאָפן און נישט טראַכטן וועגן די אַלע קליינינקייטן.

זיך לייגנדיק אין בעט, האָט ער געפּרוואוט לייענען, כדי זיך צו פאַרשלעפּערן, עפּעס פון זיינע אַלטע ביכער, נאָר ער האָט נישט געקענט באַנעמען דאָס געלייענטע. ער האָט זיך גענומען שרעקן פאַרן געדאַנק, אַז ער וועט נישט קענען איינשלאָפן און די שרעק האָט דעם שלאָף פון אים נאָך מער פאַרטריבן. פאַרוואָס זאָל ער איצט דווקא, נישט קענען איינשלאָפן, ווען ער דאַרף אַזוי נייטיק רו? ער וואָלט דאָך אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן די אַלע שרעקן און איבערלעבונגען. רודאָלף האָט נישט געפילט קיין הונגער, נאָר ער האָט מורא געהאַט, אַז דער הונגער וועט אים באַלד אָנהייבן פּייניקן. און אפשר פּייניקט אים שוין דער הונגער, דערפאַר קריכן אים אין קאָפּ אַזוינע געדאַנקען ווי עסן און שטאָפּן דעם מאָגן... ווי נאַריש די אַלע מחשבות האָבן אים אויסגעזען און דאָך האָבן זיי אים אַלץ מער געמאַטערט. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו שטעלן זיך העכער פון חומר, פון דער גשמיות און באַטש אויף איין מעת לעת פאַרטרייבן, פאַרלייקענען דאָס נאַטירלעכע געפיל פון זיין קער־פּער, וואָס פאָדערט זיינס.

מאָמענטנווייז האָט אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט באַהערשט זיין גוף און האָט געצוואונגען די נאַטור צו אָפּנייגן פון איר גאַנג. אין דעם מאָמענט האָט ער זיך דערפילט, ווי אַ הוילער גייסט, וואָס שוועבט אין דער לופט. אַ שטאַרקער קראַמף אין מאָגן האָט אים איבערגעשלאָגן די וויזיעס און אים צוריק פאַרוואַנדלט אין אַ בשר־ודם: ס'איז פאַר־שוואונדן דער צווייפל, צי עס פּייניקט אים דער הונגער, אָדער נישט. רודאָלף האָט נישט מורא געהאַט פאַר אַמאָל הונגערן — ער האָט דעם טעם אַ סך מאָל פאַרזוכט, ער קען דאָס איבערטראָגן — ער שרעקט זיך נאָר פאַרן הונגער, ער ציטערט פאַרן מאָרגן. די קראַמפּן האָבן אים איצט כמעט געבראַכט אַ דערלייזונג. ער וועט איבערטראָגן די ווייטיקן.

נאָר דערפאַר וועט ער נישט טראַכטן, דערפאַר וועט ער זיך נישט שרעקן. ער האָט זיך געדרייט אויפן בויך, געקאָרטשעט פון ווייטיק, נאָר ער האָט מער פון גאָרנישט געטראַכט און די ווייטיקן האָבן ביסלעכווייז נאָכגעלאָזט. א זיסע, פיינלעכע מידקייט האָט אים באהערשט. ס'האָבן זיך אים אָנגעהויבן פּלאָנטערן אין קאָפּ אָפּגעריסענע, מטושטשע געדאַנקען. זיין גאַנץ וועזן איז אויפגעלייזט געוואָרן, צעשוואומען ווי אין א נעפּל. ער האָט אָנגעהויבן זינקען אין א טיפן אָפּגרונט און איז פאַרזונקען ביז א ווייט, באַקאַנט און עפּעס פאַרענדערט לאַנד, וואו מען פירט מלחמות. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געגומען שפּרייטן שרעקלעכע בילדער: מען שלאָגט און מען פייניקט — אַלטע לייט, פרויען און קינדער — עס גיסט זיך אַזויפיל בלוט ביז עס ווערט א טייך, א זומפּיקער טייך פון בלוט. ער בראָדזשעט אין דעם בלוטיקן זומפּ און ער זעט זיינע באַקאַנטע יידן, די אַלע וואָס ער האָט גוט געקענט און האָט געגעסן דאָס ברויט, וואָס זיי האָבן איבּ געגעבן צו פאַרדינען. ער האָט בולט דערקענט: חיים שוואַרץ, זיין פרוי רחל און זייערע קינדער. זיי ליגן אַלע אין דעם בלוטיקן טייך און קוקן אויף אים מיט אַזוינע מאָדנע, שרעקלעכע אויגן, ווי ער וואָלט געווען דער שולדיקער אין דאָס אַלץ. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דעם גיהנום און נישט געקענט. ער האָט געוואָלט שרייען, בעטן הילף, נאָר עס האָט אים געגומען וואַרגן, ווי א תליה וואָלט פאַרצויגן זיין האַלדז. ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון דער קלעם און נישט געקענט הייבן א האַנט, נישט רידן מיט א פינגער, ווי ער וואָלט געליימט געוואָרן.

מיטאַמאָל האָט אים אָפּגעלאָזט. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסלאָזן פאַרשטיקטע קולות, ווי איינער וואָס האָט זיך באַפרייט פון דערשטיקונג און האָט זיך אויפגעכאַפּט. די גאַנצע נאַכט איז אים פאַרביי אין קאָשמאַרן. ווען דער פרימאָרגן האָט זיך באַוויזן אין זיין קליין פענסטערל, איז ער גלייך אויפגעשטאַנען און איז אַרויס אויפן גאַס. צום ערשטן מאָל האָט ער נישט מיטגענומען זיין קעסטל מיט פאַרבן און פענזלען און איז פונדעסטוועגן אַוועק אין דער זעלבער ריכטונג וואָס שטענדיק. ער איז געגאַנגען אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג, וואָס איז אים געווען אַזוי באַקאַנט און נאָענט. ער האָט געשפּרייזט מיט גיכע טריט, ווי ער וואָלט געגאַנגען צו א באַשטימטן ציל. צוקומענדיק צו חיים שוואַרצס קראָם, האָט ער זיך אַריינגעריסן מיט אַזא אימפּעט, ווי איינער וואָס קומט אָנזאָגן א גרויסע שמחה אָדער א גרוים אומגליק.

חיים שוואַרץ און זיין פרוי זיינען שטיין געבליבן מיט אָפענע מיילער, ווי אַ פראַגע־צייכן וואָלט געבליבן שטעקן אין זיי.

— הער שוואַרץ, — האָט רודאָלף אָנגעהויבן ריידן מיט אַ וויבּ־רירנדיקן טאָן — איך וויל אייך אַנטדעקן אַ סוד: איך בין אַ ייד! מיין מוטער איז געווען אַ יידישע, מיין פאָטער האָט געשטאַמט פון יידן; איך בין דריי פערטל ייד... אין מיר פליסט אמת יידיש בלוט, איך בין מיט דער נשמה אַ גאַנצער ייד! איך וויל זיין מיט אייך, איך וויל מיט אייך גלייך ליידן...

— דו האָסט געהערט, חיים? — איז די ערשטע געקומען צו זיך פון געפלעפטקייט, רחל — איך פאַרשווער דיך, זאָלסט מיט אים נישט ריידן קיין וואָרט! ס'איז מלחמה, זיי זיינען אומעטום פול די אַגענטן, די שפּיאָנען. זיי פאַרשטעלן זיך פאַר יידן די טייוואָלים, האָסט נעכטן געלייענט, חיים?...

— גיי שוין, גיי, נאַרישע יידענע.

— ניין, ניין, וועסט מיר נישט איינשמועסן, גולם איינער, דו ביסט גרייט אַלעמען צו גלויבן, אַ? און איר, סעניאָר רודאָלף, פאַרנעמט זיך, איר ווילט פרנסה? גייט צו אייערע דייטשן, מיט אונדז האָט איר גאָרנישט קיין שייכות. איר וועט דאָ קיינעם נישט כאַפּן אין דער נעץ אריין. אין אייער רו אַריין, פאַרנעמט זיך!

רודאָלף האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ מפּלה. ער האָט געוואָלט עפּעס ריידן, צוריקזאָגן, אַז ער זאָגט דעם אמת, אַז ער איז אויפריכטיק, אַז ער איז נישט אויסן קיין פאַרדינסט. ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער איז נישט קיין שפּיאָן, אַז ער איז טיף באַליידיקט, נאָר דאָס אַלץ איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז — ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגע־בראַכט, ער איז פאַרשטומט געוואָרן. רודאָלף איז אַוועק. צוריק איז ער שוין געגאַנגען פּאַמעלעך, שלאַבעריק. ס'איז אַזאַ מין גיין ווי עס גייט אַ פאַרמשפּטער אין תפיסה. ס'איז דער וועג, וואָס מען גייט, ווען די לעצטע האָפענונג איז פאַרשוואונדן. ער איז אַריין צו זיך אין צימער און איז דאָרט געלעגן טעג און וואָכן. ער האָט געגעסן מלחמה־פּאַרציעס און דאָס עסן האָט אים אויפגעגעסן. צווישן זעק און קאַסטנס שפּייז, האָט ער געהונגערט און געצאַנקט מיט יעדן פאַרגייענדיקן טאָג.

18־12־39

דער „שלימזל״

ער האָט זיך געענדערט דעם נאָמען, געביטן דאָס אָרט, נאָר זיין מזל האָט זיך אין ארגענטינע נישט פארבעסערט אויף א האָר. מען האָט אים גערופן, אין זיין שטעטל, אין פוילן, ניסקע שלימזל. גייט אים דער דאָזיקער נאָמען נאָך ווי א שאָטן. „שלימזל״ איז נישט קיין חרפה. גענוג שלימזלס ארבעטן אַלע זייערע יאָרן, ווערן נישט קיין גבירים און זיי שעמען זיך נישט דערמיט. נאטאליאַ, ווי ער רופט זיך דאָ, האָט אָבער א פארקערטע מיינונג, אזא מין פארדרייטן געדאנק. אז א לאנדס־מאַן פרעגט אים: „נאטאליאַ, ווי גייט דיר עפּעס, האָסטו ארבעט, מאכסט א לעבן״? באליידיקט ער זיך: „ארבעטן זאָלן אנדערע און איך וועל נע־מען דאָס געלט״ — ענטפערט ער. ער דערציילט זיינע בני־עיר און באַ־קאנטע, אז ער האָט גרויסע אונטערנעמונגען, ער פארדינט א שלל מיט געלט. אים דוכט זיך, אז יעדער האַלט דאָס וואָרט „שלימזל״ אויף דער צונג... פארגרעסערט נאטאליאַ, כסדר זיינע אונטערנעמונגען און בויט איין עטאזש אויפן צווייטן. ער האָט אין פוילן א ווייב מיט דריי קינדער. „וואָס שרייבט זיין ווייב, וואָס מאכן די קינדער״? ער שיקט זיי איבער — זאָגט ער — אוצרות מיט געלט, נו, לעבן זיי זיך דאָרט א גוטן טאָג.

נאטאליאַ וואָלט שוין אריבערגענומען זיין ווייב מיט די קינדער צו זיך — אזוי זאָגט ער און גיט זיך דערביי א פארקרים ווי נאָך א שלעכטן ביסן — ס'איז אָבער, דאָ אין ארגענטינע, גאָרנישט קיין לעבן, דאָ איז אַלץ נאָך ווילד ווי אין א פּשוטן וואַלד.

— ערגער ווי אויף אן אינדזל, — וואַרפט אים צו איינער, וואָס כ׳יינט נישט זיין רעה, א שפּילקע מיט א פראגע — דיין ווייב קען דאָ

ווערן א „קריאָזשע" פּריצה, דיינע קינדער לייט. ביסטו נישט בבוח זיי אויפצובויען א טשאַלעט מיט א „פּאָרטעראָ" מיט אלע גליקן, אמעריקאַנער גליקן, נאַטאַליאָ?

נאַטאַליאָ ענטפערט נישט אויף קיין פראַגעס, גיט א שפּרונג אויף הינטער מיט א שפּיי, פארעדט מיטן זייניקן און פארפּלאָנטערט יענעמס געדאַנק:

— ס'האָט דען א טעם און ריח דאָס וואַסער דאָ?... דאָס שטיקל פליישׁ איז ווי האָלץ! מען קייט דען נישט קיין גראָז, ווען מען עסט דאָס ווייסע ברויט? א לעבן אָן זאַלץ, אָן טעם. אין דעם מדבר זיי אראָפּברענגען? נענוג אַז איך... — כאַפּט ער זיך ארויס צעפּלאַמט מיט א דין געפּייניקט שטימעלע.

— דו? רעד, רעד, נאַטאַליאָ — וויל אים ארויספירן אויף א דרך דער פראַגע־שטעלער — רעד ווייטער.

— יאָ, כ'מיין, צופיל קאָפּדרייעניש, צופיל דראַפּעט מען זיך דאָ אויף די ווענט. די מענטשן זיינען דאָ געשטראָפּט מיט צופיל געשעפטן, מיט צופיל געלט...

נאַטאַליאָ איילט זיך. קיין צופיל פראַגעס ליידט ער נישט. לויפט ער אוועק פון זיי ווי פון טראַסקענדיקע בייטשן. ווען ער איז אליין, נאַטאַליאָ, איז אים זייער אומעטיק, נאָר ער מיידט אלץ מער אוים היימישע מענטשן. ער זיצט אין זיין ענגן צימער און טראַכט, ווי גוט ס'איז אים געווען אין דער אַלטער היים. ער האָט קיין פּאַלאַצן פאר זיין ווייב און קינדער נישט געדאַרפט בויען. א זלאָטע אויף א טאָג דורכקומעניש האָט ער אויסגעטיילט זיין ווייב. ער פלעגט זיך א מאָל ארויסכאַפּן: „איר פינפערל א טאָג מוז מיין ווייב האָבן". מענטשן האָבן זיך א ביסל אָפּגעוואונדערט און גענוג. פינף זלאָטעס א טאָג פאר פינף מיילער איז נישט קיין סך. דאָרטן, אין פוילן, האָט מען מיט איין פינפערל זיך געקענט אויסבארימען פאר דער וועלט. דאָ, אין אמעריקע, איז נייטיק צו האָבן פּאַלאַצן, פאַבריקן, אויטאָס מיט שאָפערן. אין דער אַלטער היים איז געווען אזוי גוט און גרינג צו זיין א שלימזל, אָן ארימאַן. מען איז געווען צוגעוואוינט צו דחקות און ער, ניסקע, איז נישט געווען קיין בן־יחיד, עס זיינען געווען גענוג פארפינצטערטע, פארשמאַכטע. דאָ האָט דאָס וואָרט שלימזל א שרעקלעכן, פינצטערן, מיאוסן קלאַנג. „צו וואָס איז ער געקומען קיין ארגענטינע אויב נישט זיך ארויפצואַרבעטן און ווערן אוים שלימזל"? זיינער א בן־עיר, בערל דער סטאָליער, איז דאָ געוואָרן א גרויסער פאַברי־

קאַנט פֿון מעבל. כאַצקל דער שמיד, וואָס איז דאָ געוואָרן אַ פֿאַבריקאַנט פֿון בעטן, האָט „צעלייגט" אַ וועלט מיט מענטשן שלאָפֿן אין זיינע שיינע בראַנדזענע בעטן. מיכל דער וועבער האָט באַקליידט אַלע אַרגענטינער ווייבער און מיידלעך מיט זיינע זיידנס. אַלע אינדוסטריען האָבן פֿאַרכאַפּט זיינע פּאַסקודנע לאַנדסלייט און פֿאַר אים, נאַטאַליאַ, גאַרנישט איבער־געלאָזט.

נאַטאַליאַ איז פֿון פֿאַך אַ פֿאָטאָגראַפֿשטשיק. דאָס איז אַ פֿאַך, וואָס אַרבעט דאָ נאָר מיטן „נאָמען", מיט אַ באַוואוסטן נאָמען. איז ווער קען אים דאָ? זיינע לאַנדסלייט, יאָ. הלוואי וואָלטן זיי אים נישט געקענט און ער זיי נישט. גייט נאַטאַליאַ אין גאַס „קלאַפּן" מיט זיין פֿאַך, קלאַפּט ער אָן, קלינגט ער אָן אין יעדער טיר. ער שטעלט צונויף עטלעכע ווערטער אין שפּאַניש, וואָס מיינט אַזוי צו זאָגן: „ער פֿאַרגרעסערט פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער, דערצו נאָך מאַכט ער עס זייער ביליק און אויך אין פֿאַרשיידענע קאָלירן".

נאַטאַליאַ איז מחיה־מתים און אָפּגעקראָכענע פֿאַרגעלטע פּנימער ווערן ביי אים לעבעדיקע, פּולבלוטיקע. אַלטע מיידן ווערן ביי אים יונג. ער פֿאַרגלעט אַלע צרות, קנייטשן, און בראָדעוועקעס. קאָסאָקע אויגן צווינגט ער צו קוקן גלייך. ער ענדערט דעם קאָליר פֿון די בגדים לויט דער מאָדע און פּוצט אויס די פּרויען מיט אוירינגלעך און האַלדזבענד. מען קען זאָגן, אַז ס'איז אַ פֿאַך, נישט קיין שלעכטער. ס'קען געבן ברויט און צום ברויט. נאַטאַליאַ האָט אָבער פֿיינט די אַרבעט, איז נישט צופֿרידן מיט זיין גורל און האָט ווייניק מזל־ברכה פֿון זיין קלאַפּן. די אַלע מינים בילדער זיינען פֿאַר אים טויטע קענגנשטאַנדן. נאַטאַליאַ האָט ליב „אַראָפּ־צונעמען" לעבעדיקע מענטשן. דערמאָנט ער זיך אַלץ נאָך די ווייבלעך און כּלה־מיידלעך, וועלכע ער האָט פֿאָטאָגראַפֿירט אַמאָל. זיי זיינען געווען לעבעדיק, צאַפּלדיק, מיט ליבע שמייכלען און חן. אָט אַזוי, מיט פֿיר פֿינגער, האָט ער ליב געהאַט איינצושטעלן אַ פּאָזע. אַ פֿינגער האָט זיך אַ מאָל אויסגעגליטשט: אַ גלעט געטאָן אַ בעקל, אַ העלדזל אַזאַ ווייס און ווארימס... דאָס איז געווען אַזוי, צופֿעליק, ביי אים, מיט זיינע שפּילעוודיקע פֿינגערלעך. איצט, אין זיין גרויס עלנטקייט דערמאָנט ער זיך אין דעם אַלעמען און אַ ווארימקייט צעגיסט זיך אין זיין בלוט. ״י קליין־שטעטלדיקע פּרויען האָבן פֿאָזירט פֿאַר אים אַזוי שטיל, מיט דרך־ארץ. ניסקע איז געווען גרויס ביי זיך ווי אַ קינסטלער. איז ער נאָר אַרויסגעפֿאָרן איבער פֿרעמדע שטעטלעך מיט זיין פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַ־

ראַט, האָט ער געקראָגן מזל, איז געוואָרן אַן אַנדערער. מענטשן האָבן געזוכט זיין געזעלשאַפט. דאָ אָבער זוכט אים קיינער נישט און ער גע־פינט קיינעם נישט. טראַכט נאַטאַליאַ פאַר זיך, טראַכט אַליין וועגן טויזנ־טער פּלענער. די אַלע פּלענער, וואָס ער האָט נאָך אויסגעפּאַרטיקט אויף דער שיף, דרייען זיך אים אין מוח ווי אַ ראָד און קומען שטענדיק צום זעלביקן פּונקט, צום אָנהייב, ווען די משוגעת איז אויף אים אָנגעפאַלן צו לויפן קיין אַרגענטינע זוכן גליקן.

די פּלענער זיינע זיינען גרויס און פּרעכטיק, נאָר ער קען זיי נישט אויספירן. און אַן עצה, אַ שטיקעלע גוטע עצה, האָט ער נישט ביי וועמען צו פרעגן... און די פּלענער לאָזן אים נישט אָפּ, ווי דער וואָרים דעם צייטיקן עפּל. וואָס מער זיי עגבערן אים, אַלץ וויניקער חשק האָט ער צו גיין פאַרדינען אַ פּעזע פאַר זיין ווייב און קינדער. אין זיין מוח דרייען זיך הונדערטער טויזנטער, זאָל ער גיין זוכן קליינ־געלט?...

בריוועלעך לויפן צו נאַטאַליאַן פון זיין ווייב היהטשען. און ער ליידט, בענקט און צערייסט זיי גלייך. זיי זאָלן חלילה נישט אריינפאַלן צו אַ היימישן מענטש אין האַנט. דעם לעצטן בריוו, וואָס ער האָט באַ־קומען, האָט ער אַ סך מאָל איבערגעלייענט. די אַלע פּלענער זיינע וועגן גרויסע אונטערנעמונגען, וואָס ער פּלעגט שיקן זיין ווייב אָנשטאָט געלט און זי, זיין היימישע יידענע, האָט אים געגלויבט און די פּלענער באַשטעטיקט, די אַלע פּלענער דערמאָנט זי גאָרנישט און רעדט צו אים מיט אַזאַ חוצפּה, ווי ער וואָלט געווען אירער אַ קנעכט. זי פּלעגט שטענ־דיק שרייבן וועגן געלט, וועגן חיונה, נאָר ס'איז געווען אַ בייזאַך. עס זיינען געווען בריוו פון ליבע, פון בענקשאַפט, פון האָפענונג (אויף זיינע גרויסע אונטערנעמונגען). איצט האָט זיך אַלץ געענדיקט. זיין אייגן ווייב האָט מער קיין געדולד נישט — איז נישט זיין שולד. זיינע פּלענער וואָלטן זיכער צושטאַנד געקומען, נאָר איר אויף צו להכעיס וועט ער גאָרנישט טאָן. דאָס בייגעלע פּאַפּיר האָט געצאַפּלט אין זיינע הענט ווי אַ לעבעדיקע זאַך, וואָס האָט גרויסע יסורים. נאַטאַליאַ האָט דאָס בריוול געקנייטשט און נערוועז געדרייט, וועלנדיק פאַרטרייבן זיין פאַרדרוס און ווייטיק. (ווען ער איז נישט באַליידיקט פון דעם בריוו וואָלט ער גע־פּלאַצט פון ווייטיק.) ער האָט מיט פיר פינגער אַ נעם געטאָן דאָס בריוול ווי מען נעמט אַן אַן עוף אויף אָפּצודרייען דאָס קעפּל. ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעריסן אַ שטיק, איז ער געבליבן שטיין פאַרטראַכט.

דאָס ברייוול קען אים צו נוץ קומען — האָט אויפגעבליצט אין זיין מוח א געדאַנק. ער האָט צוריק אויסגעגלייכט דאָס פּאַפּיר, פאַרשטעקט אין קעשענע און איז אַרויס פון שטוב.

ווען נאַטאַליאַ איז אַרויס אין דרויסן, איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. ער האָט פאַרזשמורעט די פייכטע אויגן און גענומען דורכשניידן זייטיקע געסלעך, וואו אָוונט־מנוחה איז צעלייגט אויף די שאָטנס פון די ווענט. די מענטשן זיצן איצט הינטער פאַרמאַכטע לאָדנס, עסן אָוונט־ברויט אָדער פאַרברענגען מיט זייערע פאַמיליעס. וואו נישט וואו שפּאַנט א מענטש מיט איילנדיקע טריט. נאַטאַליאַ קלערט, אז ער איז איצט דער איינציקער מענטש, וואָס גייט טאָן אזא אומפאַרשטענדלעכע זאַך ווי גיין בעטן א לאַנדסמאַן, ער זאָל אים אַרויסהעלפן — ער זאָל אים געבן א גמילות־חסד. מיטן געלט וועט ער לויפן גלייך צו א רב, ער זאָל אים שרייבן א גט פאַר זיין ווייב. (דעם בריוו וועט ער דעם רב ווייזן און ער וועט זען, אז זי איז ווערט א גט...) ער וועט זיך מוזן דאָס פּנים פאַר־שטעלן, אָבער זיין באַשלוס וועט ער שוין נישט ענדערן.

שטראַלן ליכט האָבן זיך דורכגעריסן דורך די לאָדנס־שפּאַלטן, ווי א גרוס פון די גליקלעכע מענטשן, וואָס זיצן איצט אין זייערע היימען. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט ער פאַרשנעלערט זיין גאַנג, באַהערשנדיק אין זיך די וואַקלדיקייט און פיינלעכקייט צוזאַמען. ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ליכטער פון דער ברייטער, שיינער גאַס, וואו עס וואוינט זיין לאַנדסמאַן, דער מעבל־פאַבריקאַנט, בערנאַרדאָ, זיינען זיינע טריט גע־וואָרן אַלץ שפּאָרעוודיקער. גייענדיק פאַרביי די ווענט, האָט ער זיך פּלוצ־לינג אָפּגעשטעלט ביי אַן אָפּענער וואַנט. ער איז געבליבן שטיין אין חלל, וואו עס איז געווען איינגעאָרדנט אַן אייז־קרעם געשעפט. ער האָט באַ־טראַכט די מענטשן, וואָס זיינען געזעסן ביי דער וואַנט אין א לאַנגער ריי און לעקן מיט צינגער ווי די קעץ דאָס געפרוירנס פון די וואַפליעס ווי די ליולקעס. זיי טוען זייער אַרבעט פון פאַרצערן שטיל, ריטמיש ווי אונטער אימיצנס א באַפעל. פאַרלאָזט איינער זיין פּלאַץ, באַלעקנדיק זיך און ווישנדיק די ליפּן, ווערט עס גלייך פאַרנומען דורך אַן אַנדערן, וועלכער הייבט אָן לעקן און זויגן זיין ליולקע אייז־קרעם מיט אזא אַפּעטיט, ווי וועלנדיק אַריינכאַפּן דעם גאַנצן תענוג מיט איין מאָל און דעריאָגן די אַלע פריערדיקע. נישט באַמערקנדיק קיין באַקאַנטע פּנימער, האָט ער זיך אַריינגעשלייכט צום הינטערגרונט און אָנגיסנדיק זיך א גלאָז וואַסער, האָט ער געזופּט ווי מען פאַרטרינקט אַן אייז־קרעם.

קלערנדיק וועגן דער פארשאָלטענער זאַך, וואָס ער גייט איצט טאָן, האָט ער זיך געלאָזט צום ארויסגאַנג. ס׳איז געווען סוף זומער. די מענטשן זיינען שוין געקומען פון די דאַטשעס און פארפולט די גאַסן פון צענ־טער־שטאָט. די הייסע טעג האָבן מיט איינגעשפּאַרטקייט נאָך געפּייניקט די מענטשן, נאָר די נעכט האָבן געגעבן אַ פאַרגיטיקונג מיט זייערע קילע ווינטעלעך. מיט גרוים התמדה האָט מען נאָך אריינגעכאַפּט אַלע זומער־דיקע געטראַנקען און נאַשעריַיען און נישט ווייניקער האָט מען שוין פאַרפולט די טעאַטערס און קינאָס.

דאָס קילע ווינטל, וואָס דערפרישט אַלעמען, האָט אויך נאַטאַליאַן ארומגענומען ווי וועלנדיק אָפּקילן זיין צעהיצט געמיט. נאַטאַליאַ האָט געטאַפּט מיט די פינגער דעם בריוו אין קעשענע און מיט גיכע טריט, געטריבן די שרעק פון זיך. צום ערשטן מאָל איז נאַטאַליאַן איינגעפאַלן צו פרעגן, פאַרוואָס דערפרישט דער ווינט אַלעמען גלייך, נאָר דער „גוּ־טער מזל״ קומט צו אַזוי ווייניק?... די נאַטור מאַכט, דאַכט זיך, קיין אונטערשייד צווישן מענטש און מענטש, איז ווער האָט עס געמאַכט רייכע און אָרימע, גליקלעכע און אומגליקלעכע, בר־מזלס און שלימזלס?

אַ צוויי־שטאָקיק שיין הויז און לעבן דער טיר אַ גלאַנצנדיקער שוואַרצער אויטאָמאָביל האָט זיך אים באַוויזן אַנטקעגן. דאָ וואוינט דער, וואָס צו אים דאַרף ער אָנקומען. ער האָט אויף גיך צוזאַמענגעלייגט די פּאָר ווערטער, וואָס ער דאַרף ארויסשיטן, אַז זיין לאַנדסמאַן זאָל פאַרשטיין, וואָס ער פאַרלאַנגט. ווען זיין רעכטער פוס האָט זיך אויפ־געהויבן צו קרייצן די גאַס, האָט ער פּלוצלינג ארויסגעכאַפּט דעם בריוו און איז צוגעלאָפן צו אַ ליכטיקן שויפענצטער פון אַ פאַרמאַכטער קראָם. צום לעצטן מאָל — האָט ער אַ קלער געטאָן — מוז ער נאָך דעם בריוו איבערלייענען: אפשר האָט ער אַ טעות? מען קען אפשר עפּעס אויס־געפינען צווישן די שורות? דאָס ליכט פון שויפענצטער האָט בולט געמאַכט יעדעס אות. ער האָט געלייענט וואָרט ביי וואָרט:

„טייערער ניסעלע, שלימזל מיינער. איך האָב צופיל געדולדעט ביז איצט, נאָר זאָל עס נעמען אַ סוף. איך קען מער נישט הונגערן מיט די קינדער. דו האָסט גרויסע פּלענער אויף אונטערנעמונגען, נאָר די קינדער בעטן דערווייל עסן. איך קען שוין מער דעם צער פון זיי נישט זען! שוין פינף פינסטערע יאָרן ווי דו האלסט אין איין צוזאָגן שיפסקאַרטן. שיק כאָטש אויף ברויט פאַר די קינדער. אַ שלימזל ביסטו געווען...״

נישט פאַרענדיקנדיק דאָס לייענען, האָט ער צוזאַמענגעדריקט דאָס

בריוול אין זיין ביינערדיקער פויסט: „חוצפהניצע! איך וועל זיך מיט דיר רעכענען" — האָט ער אויסגעשיפּעט ווי ער וואָלט שוין געהאַט דעם גט אין קעשענע — „פאַר אַזאַ עזותדיקייט, פאַר אַזאַ פאַרשעמען דעם אייגענעם מאַן"...

מיט איין שפּרונג און מיט אויסגעשטרעקטע צעשפּרייטע פינגער, ווי ער וואָלט וועלן אימיצן די אויגן אויסדראַפּען, איז ער געשטאַנען ביי דער טיר פון זיין רייכן לאַנדסמאַן און גערדיקט דאָס גלעקל. ס'האָבן זיך באַוויזן אין דער טיר, יום־טובדיק אָנגעטאָן, בערנאַרדאָ מיט זיין פרוי.

— האַלאָ, נאַטאַליאַ, אַ שפּעטיקער גאַסט — האָט בערנאַרדאָ אים אויסגעשטרעקט פינף פינגער — ווי גייען די געשעפטן ביי דיר? מיר קלייבן זיך אין טעאַטער.

— די געשעפטן, נו, זייער גוט, אויסגעצייכנט! אַ בריוו באַקומען — האָט נאַטאַליאַ, טאַפּנדיק מיט די הענט די רעקל־קעשענע זיך באַמיט צו פאַרדעקן זיין אויפגערעגטקייט.

— וואָס שרייבט זי, דיין סעניאָרע, וואָס מאַכן די קינדער?

— זייער גוט, אויסגעצייכנט. זיי לעבן דאָרט...

— אַ גוטן טאָג, איך וויים. פאַרוואָס נישט? אַ פאַרמעגן האָט דיך אָפּגעקאָסט. קום, נאַטאַליאַ, מירן פאָרן צוזאַמען אין טעאַטער. לעב, כל־זמן דיין ווייב איז אין אייראָפּע. נו, נו, ווען מיינע איז איצט דאָרטן — האָט ער געשמייכלט צו זיין אויסגעפּוצטער דאַמע און געפינטלט מיט איין אויג צו נאַטאַליאָן.

— אין טעאַטער? אַזוי, נישט אָנגעטאָן, כ'בן צופעליק פאַרביי... געמיינט דיך טרעפן אין שטוב, ווען אַן ענין... אַ וויכטיקע...

— אונטערנעמונג... לאָז איצט אָפּ, ברודערל, מירן פאַרשפּע־טיקן, נאַטאַליאַ טייערער, אַ צווייטן מאָל קום ארויף. קלינג אָן אין טע־לעפאָן, איידער דו קומסט. כ'בין שטאַרק פאַרנומען. די געשעפטן, גע־שעפטן און קאַפּווייטיק.

— ניין — האָט נאַטאַליאַ ארויסגעשטאַמלט — אַן אַנדער זאַך, אַ גמילות־חסד וויל איך, ווענן...

— ווענן אַן אָרימען לאַנדסמאַן, כ'וויים. שוין שפּעט, פריינטעלע, וואָס? מצוות זוכסטו נאָך? אַ כלל־טוער... מירן פאַרשפּעטיקן, אַזאַ ברענענדיקע טענצערין, פאַרסט נישט מיט... איך פאַרשטיי, איך פאַר־שטיי. שרייב אַ גרוס דיין סעניאָרע, מאַך גוטע געשעפטן.

בערנאַרדאַ איז אויף גיך אַריין אין אויטאָ און צוגעקלאַפּט דאָס טירל.

— אַדיאָס, אַ גרוס די סעניאָרע — האָט זיך געהערט אַ פאַרשטיקט קול פון אויטאָ אַרויס און אַ לעצטער האַנט־גרוס האָט געגעבן צו פאַרשטיין נאַטאַליאַן, אַז ער קען שוין גיין אַהיים.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד, ווי ער וואָלט געוועז צו איר צוגעוואַקסן. אַ ביסל ווייטער איז ער אַוועק מיט אַ זשום, נאָך ווייטער אַ פלי און פאַרשוואונדן. מיט אַן אָפן מויל און מיטן בריוו אין האַנט איז געבליבן שטיין נאַטאַליאַ. אַ נישט געענדיקט געזעגענונג־וואָרט איז געבליבן הענגען אין דער לופטן, וואָס נאַטאַליאַ האָט איבערגעהאַקט אין דער מיט. די ערד מיט אים צוזאַמען זיינען געפלויגן אויף צוריק, כאָטש דער אויטאָ איז שוין געהאַט פאַרשוואונדן. דער ווינט האָט אים געגלעט און געקילט און דער כעס איז ביסלעכווייז אַריבער. די שטיקלעך פון בריוו, וואָס ער האָט צעריסן, זיינען פאַרפלויגן אין דער ווייטקייט. דער זעלביקער גוטער ווינט האָט אים געזשומעט אין די אויערן און אַריינגעזאָגט אַ סוד: דאָס מזל, נאַטאַליאַ, קען אויך קומען צו יעדן איינעם. פאַרנעם זיך אויף אַן אַנדער וועג, אויפן וועג פון אַרבעט און שאַפן...

אויפן וועג פון אַרבעט און שאַפן האָט נאַטאַליאַ נישט געקענט אַרויפגיין. די אַרבעט איז אַלץ מער שרעקלעך נודנע געוואָרן. די אַלע פּלענער אויסצובויען גרויסע פאַבריקן, די אַלע אילוזיעס צו מאַכן גרויסע געשעפטן און אין איין שמע־ישראל רייך צו ווערן, האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסרינען און פאַרשווינדן. טיילמאָל האָבן זיך גענומען אויספּיקן אין זיין מוח אַנדערע געדאַנקען, אַנדערע פּלענער, נישט אַזוינע פאַנטאַסטישע ווי די ערשטע, נאָר אויך נישט אַזוינע וואָס קענען אַרויסקומען פון אַ גאַנץ געזונטער און קלאָרער לאָגיק. צום ווייב קיין בריוו האָט ער מער נישט געשריבן. ער האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אַ ווייטער געגנט פון שטאָט און קיינער האָט מער נישט געוואוסט פון אים — וואו זיין געביין איז פאַרשוואונדן. און אַ מאָדנע מערקווירדיקע דערשיינונג, אַן אומפאַרשטענדלעכע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין אים, אין נאַטאַליאַן גופא. ער האָט זיך אַן אַנדער נאָמען געגעבן, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מענטשן און פאַר זיך אַליין, ווי ער וואָלט געווען גאָר אַן אַנדערער, אַ ניי־געבוירענער מענטש, וואָס האָט קיינמאָל זיך נישט גערופן נאַטאַליאַ, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהייסן ניסקע שלימזל.

ער הייסט איצט ווי מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן ביים געבוירן ווערן — נתן פיינערמאַן. ביסלעכווייז איז פאַרשוואונדן זיין אַמאָליקער „איך" ער האָט זיך איינגעשמועסט און געלענקט אַלע זיינע געדאַנקען אין איין ריכטונג, אַלץ פאַרקנוילט אין דער פאַרשטעלונג, אַז ער איז נתן פיינערמאַן, אַ בחור, אַ סאָלטעראָ, אָן ווייב און קינדער. אַ מענטש, אַ פרייער, אַ באַפרייטער. ניין, אַ מענטש, וואָס איז קיינמאָל גאָרנישט געווען געבונדן צו עפּעס. אַ מענטש — אַ פרייער פויגל... ער האָט זיך פאַרלאָזט וואָנצעס, אַ שפּיציק בערדל, אַנדערש זיך פאַרקעמט, אַנדערש זיך געקליידט, אפילו אַן אַנדער טראָט געשטעלט און אויך אַנדערש גערעדט. ער האָט גערעדט נאָר שפּאַניש, איבערגעביטן די שטימע, דעם אַקצענט. די ווערטער זיינען ארויסגעקומען מאָדנע, ווי אַ מענטש וואָס איז אויפגעשטאַנען פון אַ קרענק און די שטים־בענדער זיינען ביי אים פאַרענדערט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס וויל אראָפּוואַרפן פון זיך דעם גאַנצן באַלאַסט, דעם גאַנצן שימל, וואָס איז אויף אים אָנגעוואַקסן אין לויף פון יאָרן, אָדער ווי אַ מענטש וואָס וויל זיך צווינגען דורך אַזאַ מין פאַרענדערונג צו אַ באַנייאונג, צו אַ ווידערגעבורט; וואָס וויל דורך אַ פיקציע מאַכן פאַרשווינדן אַזוי פיל יאָרן פון געמיינקייטן, ליגנס, פאַלשע אילוזיעס, דורכפאַלן, ליידן און מאַכן ליידן יוויב און קינדער. אין פלוג האָט ער זיך זיין נאָמען נישט געענדערט, נאָר זיך צוגעטשעפּעט דעם נאָמען פון אַן אומשולדיק קינד, מיינענדיק דערמיט אָפּצוּוואַשן די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, דעם גאַנצן דורכגעמאַכטן וועג. קיינער זאָל אים נישט דערקענען, קיינער זאָל אים מער נישט רייצן מיט מאָדנע פראַגעס וועגן זיינע אונטערנעמונגען, פּלענער, וואָס האָט געמיינט דאָס זעלביקע ווי שפּייען אים אין פּנים אריין און רופן אים מיט זיין היימישן צונאָמען „ניסקע שלימזל". ער אַליין האָט געוואָלט, מסתמא, מיטן געבן זיך צוריק דעם ערשטן, אומשולדיקן קינדער־נאָמען און פאַרשטעלן זיך אַזוי אַרטיסטיש, אַנטלויפן פון עפּעס אַן אומבאַוואוסטער מורא, זיך אויסבאַהאַלטן פון זיין אומבאַהאָלפנקייט, פאַרניכטן זיך אַליין, פאַר דער וועלט, פאַר אַלע לאַנדסלייט, פאַר דעם ווייב און קינדער — פאַרן גאַנצן אַרום. שאַפן זיך די פאַרשטעלונג, אַז דער נייער מענטש טראָגט נישט קיין אחריות פאַר קיינעם און פאַר גאָרנישט. זיך אַליין באַשיצן, פאַרקליידנדיק זיך אין דער נייער פעל פון אַ נאַר־וואָס געבוירן שעפּעלע און שפּילנדיק ווי אַ גוט גרימירטער שוישפּילער אַזוי ערנסט זיין נייע ראָל; שפּילנדיק אַזוי טיפּיש און טיף־ליידנ־

שאפטלעך זיין אומוואנדלונג, וואס דארף אים פירן צו עפעס א נייעם ציל, צו עפעס אן אויסערגעוויינלעכער באנייאונג, צו א נייעם גורל, וואס וועט ענדערן דאס מזל פון א דורכגעפאלענעם; וואס וועט אויס־מיידן די אלע באגאנגענע פעלערן און שטרויכלונגען — האט ער זיך מיט דער צייט אנגעהויבן איינשמועסן, ווי עפעס אן אומבייט אין מוח וואלט די משוגעת זיינע דיריגירט, אז ער איז באמת א מענטש אן א פארגאנגענהייט. ער האט פארגעסן, פון וואנען ער שטאמט און אז ער האט אמאל חתונה געהאט און האט א ווייב מיט קינדער... ער האט איבערגעביטן זיין פראפעסיע און אלץ וואס קען אים מיט עפעס דער־מאנען זיין עבר. דורך א צופאל איז ער געווארן א קליינער פארזיכערונג־אגענט. ער איז ארומגעגאנגען פארזיכערן די מענטשן פאר פייער און אנדערע אומגליק־פאלן, ער האט זיך אפגעדרוקט וויזיט־קארטלעך מיטן נאמען: נתן פיינערמאן. אין זיין שטאט האט מען אים געקענט פאר „ניסקע שלימזל". קיינער האט זיך נישט אינטערעסירט מיט זיין אמתן נאמען. דא האט מען אים גערופן נאטאליא, אבער די קאמבינאציע נתן פיינערמאן האט גלייך געשאפן די פארשטעלונג פון עפעס אן אנדערן, נישט פון דעם אויסגעלאכטן, גוט באקאנטן נאטאליא, אדער ניסקע שלימזל. ער האט איצט געלעבט אין א נייער וועלט, אין א פאנטאסטי־שער, אן אויסגעטראכטער און פאר אים, אין א גרויסער מאס, באקווע־מערער, שענערער וועלט.

די מאטעריעלע באדינגונגען האבן זיך אים געענדערט צום גוטן און ער האט געזען אין דעם א צייכן, אז די מזלות האבן אים אנגעצייכנט א בעסער לעבן אין זיין נייעם גילגול. האט ער זיך באקאנט מיט א שיינער פרוי, א גרושה, וואס האט זיך גערופן סאריטא און זיך פאר אים פארגעשטעלט פאר א סעניארימא, א בתולה... דערצו האט זי נאך געהאט א שיינעם פארמעגן, אן אייגן געשעפט. ער — א בחור, זי — א פריילין. ער ביי די 40ער און זי אויך אין די זעלביקע יארן, איז דאך א גלייכער שידוך...

נתן פיינערמאן האט מיט מזל חתונה געהאט. נאך דער חתונה איז געשען מיט אים א שרעקלעכע זאך. אים האט זיך געגומען חלומען, אז זיין ערשטע פרוי און קינדער רייסן פון אים שטיקער און בעטן עסן, און שלאגן אים און שעלטן. ער פלעגט זיך אויפכאפן מיט קרעכצן און א באגאסענער מיט שוויים.

— וואָס האָט זיך דיר געחלומט, נתן? — מינטערט אים סאַריטאַ, זיין צווייט ווייב.

— גאָרנישט, עפּעס אַ נאַרישער חלום — ענטפערט ער.

— יעדע נאַכט חלומען זיך דיר עפּעס אַזוי פיל נאַרישע חלומות. באַהאַלסט עפּעס פון מיר?

נתנען זיינען זיין ווייבס פראַגעס נישט געווען געפעלן און זי האָט אים דערמיט אַלץ מער שרעקלעך געפייניקט. ער האָט זיך גענומען צוריק דערמאָנען די שלעכטע צייטן. „נאַטאַליאַ מיט די אונטערנעמונגען" און „ניסקע שלימזל" האָבן ווידער אים גענומען קריכן אין קאָפּ. ער האָט זיך ווידער גענומען דערמאָנען די היים, די פּאַרלאַזטע, ביטערע עגונה און זיינע פאַריתומטע קינדער. אויף צו להכעיס האָט ער אָפטער גענומען טרעפן אין גאַס באַקאַנטע פּנימער, די אַלע שלעק, וואָס ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן.

איינמאָל האָט זיך באַוויזן אין די צייטונגען אַ מעלדונג, אַז עס ווערט געזוכט ניסקע, נאַטאַליאַ פיינערמאַן, וועלכער האָט פּאַרלאָזט אַ ווייב מיט קינדער אין פּוילן און ווער עס ווייסט פון אים זאָל מעלדן זיין אַדרעס אין עזרת־נשים. דערביי איז אויך געווען אָפּגעדרוקט זיין פּאָטאָגראַפיע, זי איז אפילו געווען ווייניק ענלעך צו דעם איצטיקן נתן פיינערמאַן. אימיצער האָט אים געוויזן די צייטונג און ס'איז געווען ווי אַ נישט־גוטער וואָלט אים געבראַכט אַ שלעכטן גזר־דין... דער וואָס האָט אים אונטערגעטראָגן די צייטונג, איז פאַרשוואונדן און נתן איז אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. ווען דער פאַל איז אויפגעדעקט געוואָרן, איז ביי אים אין מוח געוואָרן אַ גאַנצער פּלאָנטער. אין זיין וועזן האָבן זיך גענומען באַמבלען אַ סך נשמות. די נשמות, יעדערע מיט איר באַזונדער נאָמען, האָבן זיך געראַנגלט, געקעמפט. יעדערע פון זיי האָט געוואָלט די שליטה, געוועלטיקן איבערן אָרימען גוף. ווען ער האָט געוואָלט עפּעס ריידן, האָט זיך גענומען פּלאָנטערן אויף זיין צונג אַ מיש־מאַש פון ווערטער און געדאַנקען, ווי דריי וואָלטן גערעדט מיטאַמאָל, יעדערער פון אַן אַנדער זאַך. די ערשטע האָט אים גענומען שטעלן פראַ־געס און האָבן טענות סאַריטאַ. „ס'טייטש, אַ שווינדלער, אַזוי און אַזוי, ביגאַמיע?!" ווען ער ווייסט וואָס צו ענטפערן, מאַכט ער עס פּשוט: „און דו אַ גרושה, גיסט זיך אָן פּאַר אַ בתולה, זיינען מיר כמעט גלייך אויף גלייך — קוויט..."

נאָר דער באַזיגטער אָרימער שלימזל, ניסקע, נאַטאַליאַ, נתן, האָט

געגלאָצט מיט מאָדנע אויגן, שוואַרצע און גרויס געוואָרענע, אין וועלכע ס'האָט געברענט אַ משונהדיק־ווילד פייער ווי עס וואָלטן אין זיי געווען אַ סך פאַרוואָגלטע נשמות, וואָס האָבן זיי אָנגעצונדן — צעצונדן. אָבער ווען זי האָט אים ווייטער געדראָט און געפייניקט מיט אירע שאלות און ניפּטיק צינגל, האָט ער דערוואַכט פון זיין גלאָצעניש, ווי פון אַ היפּנאָז, נאָר אַלץ געשטומט. ער איז ווייטער געווען גלייכגילטיק צו איר אויפ־פאָדערונג: „ער זאָל וואָס גיכער פאַרלאָזן איר שטוב, איידער פּאָליציי קומט...” נאָר ווען סאַריטאַ האָט אים געגומען סטראַשען: „זי וועט באַלד שרייבן זיין ווייב אין אייראָפּע” און באַלד צוגעגעבן: „דער שלימזלניק וועט ביי איר קיין נחת נישט האָבן”, דאַן האָט אין אים אויפ־געפלאַקערט אַ שרעקלעכער גרימצאָרן. ער האָט גענומען לויפן איבערן שטוב, ווערנדיק בלייך ווי דאָס גאַנצע בלוט וואָלט פון אים אויסגערונען, פאַרשוואונדן.

באַלד איז ער אָבער פּלוצלינג געוואָרן רויט ווי צונטער, ווילד און גענומען שרייען נישט מיט זיין קול. ער האָט זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין האַרץ, מיט דעם קאָפּ אין דער וואַנט און געשאָלטן סאַריטאַן; זי גערופן זונה, צויג, באַטריגערין, אַלטע גרושה, ווי זי וואָלט געווען שולדיק אין גאַנצן פּלאָנטער פון זיין לעבן. אין דער צעמישונג האָט ער צונויפ־געמישט זיין שולד מיט אירער און נישט געוואוסט, וואָס ער טוט, וואָס ער רעדט, ביז ער איז געפאַלן אין חלשות.

ביינאַכט האָט ער געקראָגן שטאַרקן פיבער. סאַריטאַ האָט אָפּגעמאַכט מיט איר דאָקטאָר, מען זאָל אים צונעמען אין שפּיטאָל.

אין שפּיטאָל האָט דער חולה גערעדט פון היץ. ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען און בעטן, מען זאָל אים ברענגען זיין ווייב מיט די קינדער; ער גייט אויס, ער וויל זיי זען, ראַטעווען פון די מערדער, פון דער קליקע, פון דער הצופה...

די איינשפּריצונגען און די זעקלעך אייז האָבן לסוף אַראָפּגעזעצט די הויכע טעמפּעראַטור און נאַטאַליאַ איז געבליבן אָפּגעשוואַכט און באַרואיקט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די דאָקטוירים אים באַטראַכט פאַר פולשטענדיק „אויסגעהיילט”. פון דער נערוון דערשיטערונג איז נישט געוועזן קיין זכר, די היץ איז פאַרשוואונדן. ער האָט גערעדט ווי אַלע מענטשן, נאָרמאַל געטאָן אַלע מענטשלעכע באַדערפעניש. אויף זיין

בעט האָבן שוין געוואָרט אַנדערע קאַנדידאַטן און מען האָט אים פון שפּיטאָל אויסגעשריבן.

נאַטאַליאַ איז אַוועק נישט צו סאַריטאַן. ער איז אַוועק צוריק צו זיין „בחורישן" צימער, וועלכער איז נאָך געשטאַנען ליידיק. ער האָט באַלד גענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר און האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין ווייב אין אייראָפּע בזה הלשון: ליבע און טייערע חיטשע מיט אונדזערע קינדערלעך זאָלן לעבן. איך האָב דיר אַזוי לאַנג נישט געשריבן, ווייל איך בין געווען קראַנק, געלעגן אין שפּיטאָל, דערפאַר זיינען אַלע מיינע געשעפטן, פאַבריקן, אונטערנעמונגען, אונטערגעגאַנגען. איך האָב גע־האַט אַ מוראַדיקן קראַך, געליטן אַ שרעקלעכע נידערלאַגע אויף דער בירזשע; מענטשן האָבן דערוויילן מיר אָנגעזעצט, אַנטלאָפן וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, נישט קענענדיק צאָלן זייערע אויסגעשטעלטע וועקסלען.

די בעסטע פריינד זיינען מיר געוואָרן שונאים, די שונאים גוטע פריינד, מיר געוואָלט העלפן... נאָר איך האָב זייערע טובות צוריק־געוויזן. איך דאַרף קיינעם פון זיי נישט... איך פאַרלאָז זיך אויף מיינע אייגענע כוחות, אויף מיין פאַרשטאַנד! איצט וועסטו פאַרשטיין, מיין ווייבעלע, פאַרוואָס איך האָב אייך נישט אַריבערגעבראַכט. נאָר נישט געדאַגהט! אינגיכן וועלן מיר זיך זען בשלום. (מיט גאָטס חסד און מיינע גרויסע פעאיקייטן, וועלן מיר ווי אַמשנעלסטן זיין צוזאַמען).

ביי מיר אין קאָפּ דרייען זיך שוין אַנדערע פּלענער, אַ סך בעסערע, זיכערע ווי יענע. די איצטיקע אונטער־נעמונגען וועלן שטיין אויף אַ שטאַרקן יסוד. קיינער אין דער וועלט וועט זיי נישט קענען אומוואַרפן!... די געשעפטן, וועלכע איך נעם איצטער אונטער, און וועלכע זיינען שוין אין גאַנג, זיינען אַנאָנימע אַקציען־געזעלשאַפטן. דאָס איז עפּעס גאָר אַנדערש! איך קען דאָס דיר נישט דערקלערן, נישט פאַר דיין ווייבערישן שכל... נאָר גלויב, האָב אין דיין מאַן צוטרוי! — — — —

ווייטער: די פאַבריקן וועלן אויך זיין אַוועקגעשטעלט אויף אַן אַנדער פונדאַמענט: זיי וועלן זיין פאַרזיכערט פון פייער, גנבים און שווינדלער... דו הערסט, חיטשע, זיי וועלן קיינמאָל נישט קענען אונ־טערגיין!

מיינע פּלענער זיינען איצט אַזוינע גראַנדיעזע, וואונדערבאַרע, אַז דער קאָפּ נעמט זיך דרייען, ווי אַ ווייבער. אָבער איך נעם זיך אין די הענט. איך האַלט זיך פעסט. דו קענסט דאָך מיך. איך וועל אַלץ דער־

פירן צו א גליקלעכן סוף! די אונטערנעמונגען וועלן זיין אזוי גרויס, אז די פראפיטן וועלן סטייען צו מאכן לויפן אייגענע באנען אויף דער יבשה און לאזן שווימען אייגענע שיפן אויפן ים. מיט מיינע אייגענע שיפן וועל איך אראפברענגען מיין משפחה צו זיך! מיין טייערע פרוי און קינדער וועל איך פארפירן אין מיינע אייגענע, שיינע פאלאצן. איר וועט ביי מיר לעבן א טאג! נאר צוטרוי, דאס בעט איך דיך! גיב מיר צו מוט, חייטשעלע, עס שיינט אויף אונדזער זון! — — — — —

דו הערסט, מיין טייבעלע, ווי עס קלאפט מיין הארץ פאר פרייד? דאס איז די נקמה וואס איך נעם פון מיינע לאנדסלייט די פייניקער, די טויגעניכצן, די שלימזלס!... לגבי אונדז ווי וועלן זיי אויסזען? — קבצנים, דלפנים, שלעפערס... (א גמילות־חסד וועל איך זיי געבן, נאר לאזן שטיין ביים טיר, נעבן מיין לוקסוס־אויטאמאביל). זיי וועלן נישט פארגינען און זאגן: מסתמא האט ער געמאכט דאס גרויסע געווינס. נאר דו גלויב זיי נישט! די ליגנערס, שווינדלער, זונות... דאס האב איך מיט מיין פעאיקייט, שכל־הישר, ענערגיע און קאמבינאציעס, אלץ מיט די אייגענע כוחות דערגרייכט! מיין טייערע חייטשעלע, עס און טרינק מיט די ליבע קינדערלעך פון דאס בעסטע, שענסטע. נעם זיך נישט צום הארץ, דיין טרייער מאן זארגט זיך שוין פאר אייך! אייער איבערגעגעבענער, מיט לייב און לעבן, מאן און פאטער נאטאליא פיי־נערמאן.

דער וועקסל

דער פויער יאן פשיבולסקא האט זיך געגראבלט אין זיין הויף, הינטער א שטעלעכל, אז קיין פרעמד אויג זאל נישט באמערקן, אז קיין יאז זאל נישט דערשמעקן וואס ער טוט. ער האט אויסגעגראבן א פלאש מיט גרינע אמעריקאנער דאלארן. אין גרוב זיינען געווען נאך פלעשער, נאר יענע האט ער נישט גערירט. ער האט זיי נאר איבערגעציילט מיט זיינע קעצישע אויגן. זייער צאל האט געשטימט. פלינק האט ער אפגע־קארקעוועט און ארויסגעשלעפט פון פלאש אן אויפגעקייקלט פאפיר און באלד איז די פלאש צוריק געלעגן רואיק אין „קבר" לעבן די אנדערע פלעשער מיט גאלד, מיט וואליוטע.

די אלע פאפיר־באנקנאטן אין די פלעשער זיינען אויסלענדיש געלט. צו קיין אייגענע, פוילישע זלאטעס, האט פשיבולקא נישט געהאט קיין צוטרוי. געזאמלט האט ער צום מערסטנס דאלארן, און זיי האט ער שטארק געגלייבט. גאלד־מטבעות האט ער אנגענומען מכל המינים, נאר ליבער איז אים געווען מיט דער צורה פון א קעניג. ער האט זיי טייער געשאצט.

נישט אפנייגנדיק דעם קאפ, האט ער אווארף געטאן זיינע קעציש גרין־גרויע אויגן אין אלע זייטן, א שנארך געטאן די לופט און אנגע־הויבן פארשיטן צוריק דעם גרוב. ער האט גרינטלעך אפגעווישט יעדן שפור פון דער אויבערפלאך פון גרוב. ווען א גרויסע קופע שייטלעך האלץ איז שוין אויף דעם פלאץ געווען אנגעלייגט ביזן דאך, איז דער פויער פשיבולקא געווען אין גאנצן בארואיקט. די טונקלקייט פון אוונט האט אלץ צוגעדעקט, האט פארוואנדלט אלע קעגנשטאנדן אין שאטנס,

וועלכע האָבן דעם פויער באַגלייט אין שטוב אריין. ער האָט זיך שטיל אריינגעשלייכט. צומאַכנדיק די טיר הינטער זיך, איז ער שטיין געבליבן אין מיטן שטוב, וואו אויפן אויוון איז געלעגן זיין ווייב און שטיל געקרעכצט. קיינער איז אין שטוב, אויסער דעם פויער און זיין ווייב, נישט געווען. יעדער קרעכץ פון זיין אַלטער האָט ער געקענט ציילן אין דער טונקלקייט און שטילקייט פון אָוונט. ער האָט פון בוזעם ארויסגע־שלעפט שוועבעלעך און אָנגעצונדן אַ לעמפּל. ער האָט פונאַנדערגעוויקלט דאָס פּאַפּירל, אָנגעהויבן לייענען אין זיך אריין שוואַרץ־געציקלטע פּויליש אותיות: „די ברידער ניימאַן זיינען זיך מתחייב צו יעדער צייט באַצאָלן דעם פּאַן פּשעבולקאַ טויזנט אמעריקאַנער דאָלער". דער שטר־חוב איז פאַרזען מיט צוויי פיינע אינטעליגענטע אונטערשריפטן. און אַדרעס איז אויך אָנגעגעבן, גאַס, נומער פון אַ הויז, שטאָט וואַרשאַווע.

יאַן האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט: גוטע מענטשן די משפחה ניי־מאַן. ער האָט אויף זיי רחמנות געהאַט, זיי אויסבאַהאַלטן פון די דייטשן. אין אַ גרוב ביי אים אין שייער זיינען זיי אָפּגעלעגן באַלד צוויי יאָר. אַ משפחה פון פינף פערזאָן: דער אַלטער ניימאַן, זיינע צוויי זין, דעם עלטערן, יאָזעפס, ווייב און צען יאָריק ייִנגל. ווען זיי זיינען געקומען צו אים זיך ראַטעווען, אוים אַלטער באַקאַנטשאַפט האָבן זיי אים גלייך איבערגעגעבן זייער פאַרמעגן אין וואַליוטע, גאָלד, צירונג. אַז ס'איז פאַרביי אַ יאָר צייט, האָט זיך יאַן מישב געווען מיט זיך אַליין און געזאָגט גאָר פּשוט צו זיינע קעסט־קינדער:

— פּאַנאָוויע, הויכגעשעצטע פריינד, איך קען אייך מער ביי זיך נישט אויסבאַהאַלטן. מיר זיינען נישט מער ווי צוויי הונדערט קילאָמע־טער פון וואַרשע, ווען דער פראָנט דערנענטערט זיך, די סכנה ווערט אַלץ גרעסער... די דייטשן קענען דערשמעקן אַזאַ שטיקל אַרבעט און איך מיט מיין פאַמיליע זיינען פאַרלוירן.

די יידעלעך האָבן דערהערט די פיינע רייד פון זייער פּראָטעזשירער, האָבן זיך ביי זיי די הערצער אָפּגעשטעלט. מאַניע, יאָזעפס פרוי, האָט זיך ביטער צעכליפּעט: „וואָס הייסט, ווײעלמאָזשני פּאַניע יאַניע, האָט רחמנות אויף אונדז נאָך אַ פּאָר וואָכן... מיר וועלן דיר דיין גוט הארץ קיינמאָל נישט פאַרגעסן"... די צוויי ברידער האָבן זיך איבערגעוואונ־קען און יאָזעף האָט זיך אָנגערופן:

— פריצל, טייערער, מיר זיינען דיר זייער דאַנקבאַר פאַר אונ־דזער לעבן. מיר שאַצן אָפּ דיין רחמנות, גוטסקייט, איבערגעגעבנקייט,

אײדלקײט. מיר װײסן זײער גוט, דו האָסט, הױכגעשעצטער מענטשן־פרײנד, דאָס נישט געטאָן פאַר געלט. דאָס ביסל „פּאַרמעגן", װאָס מיר האָבן דיר אָפּגעגעבן, זאָלסט עס פאַרנוצן געזונט, איז אַ נישטיקײט קעגן דעם װאָס דו האָסט אײנגעשטעלט פאַר אונדזער לעבן...

עפּעס האָט אים גענומען װאָרגן אין האַלדז, האָט ער געמאַכט אַ פּױזע און באַלד, כדי נישט קאַליע צו מאַכן די װירקונג פון זײנע רײד, גענומען זיך באַהערשן און פאַרזעצן:

— צו װײניק, צו װײניק. די גאַנצע װעלט עשירות װאָלט געװען צו װײניק... נאָר װאָס זאָלן מיר טאָן, גרױסער פרײנד און ליבער מענטש, פּאַניע יאַן פּשעבולקאַ; מיר האָבן מער קײן גראָשן נישט בײ דער נשמה. מיר װעלן אַװעק פון דײן גאַסטפרײנדלעך הױז, די דײטשן װעלן אונדז דערהרגענען, און דײן גאַנצע מי, גוטסקײט, סכנת־נפשות פון אַ יאָר צײט װעט גײן פאַרלױרן...

יאָזעף האָט פאַרענדיקט מיט אַ שװאַך קול פון חדשים־לאַנגן הונגערן. דער פּױער האָט זיך געקראַצט אין דער פּאַטילניצע און האָט געשטאַמלט:

— אַזױ, אַזױ איז דאָס, ליבע ײדעלעך, איך פיל אײך זײער מיט... אָבער, לײדער... איך קען אײך מער נישט אױסבאַהאַלטן... לעבנס־געפאַר...

— װײסט איר גאָר װאָס, פרײַז — האָט יאָזעף אים נישט געלאָזט ענדיקן — איך און מײן ברודער װעלן אײך אונטערשרײבן אַ װעקסל אױף טױזנט דאָלער. די מלחמה ענדיקט זיך באַלד. מיר װעלן אָפּצאָלן מיט דאַנק דעם פרײַז. מיר האָבן נאָך איבערגעלאָזט אין װאַרשע אַ פאַרמעגן... און דער פּאַן גאָט װעט העלפן דעם פרײַז אונדז ראַטעװען...

— איך האָב אױף אײך באמת רחמנות, מײנע הױכגעשעצטע פרײנד — האָט דער „פרײַז" יאַן פּשעבולקאַ נישט געקענט באַהאַלטן זײן פרײד — איך װעל אײך, ליבע ײדעלעך, װײטער אױסבאַהאַלטן. די דײטשן, הינטיש בלוט, אױף צעפּיקעניש װעלן מיר זײ איבערקומען, איבערלעבן... יאַן האָט זיך װידער אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ, אַ גלעט געטאָן די לאַנגע װאָנצעס און מיט אַ כיטרער מינע זיך געקרימט. — אַזױ, אַזױ איז דאָס, מײנע געשעצטע הערן. איך נײטיק זיך איצט שטאַרק אין געלט. װען איר האָט מזומן געלט װאָלט געװיס בעסער געװען... נאָר אױב איר האָט נישט... אַזױ איז דאָס... זאָל שױן זײן אַ װעקסל — האָט ער לסוף מסכים געװען.

איצט, טאפנדיק דעם וועקסל פון אלע זייטן, האט זיך דער פויער דאס אלץ דערמאנט, טראכטנדיק, אז די יידעלעך האבן אים פיין אפגע־נארט. נאך א גאנץ יאר האט ער זיי געמוזט אויסהאלטן. איינשטעלן זיין לעבן. זיין זונס און ווייבס לעבן פאר דעם שטיקל פאפיר... ער האט דעמאלט געטראכט: די קאנאנען הערט מען שוין שיסן. א חודש, צוויי און ער פארדינט, כאטש מיט ריזיקע, נאך טויזנט דאלער. די זשידקעס זיינען אלטע באקאנטע, זיינען נישט קיין טייוואלים. זיי זיינען גוטע, שטילע מענטשן, און זיי באנוגענען זיך מיט אזוי ווייניג. מענטשן וואס פארברויכן אזוי ווייניק עסן האט ער קיינמאל נישט געזען. ער האט נאך אויך, דעמאלט, א קלער געטאן וועגן „פאן בוג״. ער פארדינט א מצווה, וועט זיכער האבן גאט צופרידנגעשטעלט. „זאלסט ליב האבן אלע מענטשן״ — האט דאך יעזוס געזאגט. און פאר דאנקבארקייט וועלן זיי אים דעם חוב באצאלן. מילא, זיך אפגענארט — האט ער שטיל פאר זיך געזאגט — אבער ווער ער טרייבט זיי דעמאלט אז ער זאל מיטן דערי־נען, ביי וועמען וואלט ער איצט געמאנט דעם חוב?

— איך פאר מארגן גאנץ פרי קיין ווארשע — האט ער געווענדט זיינע אויגן צום אויוון פון וואנען די קרעבצן זיינען געקומען — אויפ־מאנען א חוב.

— פארסט? ווייניק געלט האסטו, יאן, ביי די יידעלעך אפגענו־מען, נאך ווינציק דיר? ביי א פארבייגייער, א יידל, פלעגסטו א גאלד־שטיק נעמען פאר איין לעבל ברויט, ביי די נייטאנס, אסטו דאס גאנצע פארמעגן צוגענומען. פאר, פאר, זיי וועלן דיך דערמאנען דעם אלטן ניימאן, וועלכער איז אין גרוב פון הונגער אויסגעגאנגען. זיי וועלן דיך דארט דערהרגענען — האט זיין קראנק ווייב אים פון אויבן אראפ גע־ווארנט. זי איז אנטשווייגן געווארן. ווען יאן האט גארנישט געענטפערט, האט זי ווייטער געמוסרט:

— וואס דו ביסט, געלט־גייציקער! דאס גאנצע פיילט ביי דיר אין דער ערד און דו נייסט זוכן פריש געלט. נאך דאלארן, נאך גאלד. ווערסט קיינמאל נישט זאט מיט גאלד, ווי דער חזיר מיטן מיסט — האט זי זיך פארהוסט און ווידער שטיל געבליבן.

— אט אזוי איז דאס — האט געגלעט און געדרייט זיינע לאנגע וואנצעס יאן דער פויער — ער האט אנגעקוואלן פון נחת, פרייד, ווען

זיין ווייב האָט גערעדט פון דעם גאָלד, וואָס ער פאַרמאָגט. נאָר דאָך איז ער געווען צופרידן, וואָס זי האָט זיך פאַרהוסט און מער נישט געקענט פּלאַפּלען, זיין באַביצע. ער האָט זיך געשטיקט אין דער שטיל מיט אַ געלעכטערל, וואָס האָט זיך געריסן פון זיין טיפעניש אַרויס, ווי חוזק מאַכנדיק פון זיין נאַריש ווייב. „זי האָט אַ שוואַכע נשמה, אַ ווייך האַרץ, אַ צעקראָכענע ווי יענע יידעלעך", האָט געטראַכט יאַן דער פויער וועגן זיין ווייב. „איך פאָר, איך פאָר", האָט ער אויפן קול באַשטעטיקט.

— און מיך לאָזטו איבער אַליין אַ קראַנקע, דער זונדל, סטעפאַן, מיט אַוועק אויף גאַנצע נעכט. האָסט אין דיין האַרץ קיין רחמנות נישט — האָט זיך געבעטן די אַלטע ביי איר מאַן, ער זאָל נישט פאָרן. ווען ער האָט איר נישט געענטפערט, איז זי, אַ רעזיגנירטע, פאַרשטומט געוואָרן, ווי זי וואָלט אויסגעגאַנגען.

יאַנס פאַרשטיקט געלעכטערל, וואָס האָט זיך נאָך געקייקלט, געפרייזט אין דער געדיכטער לופט פון שטיבל, איז פון דער אַלטערס פאַרשטומטקייט איבערגעריסן געוואָרן. ווען די טויטע שטילקייט האָט ווייטער געהערשט, איז זיין חוזק־געפיל איינגעגאַנגען אין עפעס אַן אומרואיקייט. ער האָט זיך דערמאָנט אַ סך זאַכן. דעם אַלטן ניימאַן, וואָס האָט נישט אויסגעהאַלטן, געשטאָרבן. די קליינע פּאַרציעס עסן פון מאָגערע שפּייז, וואָס ער האָט קאַרג דערלאַנגט די ניימאַנס. „זיי וועלן דיך דערהרגענען", האָבן זיין ווייבס ווערטער זיך געשטעלט אים אַנטקעגן ווי אַ שרעקלעכער שטן. אַ שרעק, וואָס איז אים געווען פרעמד, האָט אים אַרומגעכאַפּט. ליגנדיק אויף זיין געלעגער האָט ער באַלד חרטה געהאַט אויף זיין פּלאַן. יאַן האָט זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט פון איבערן אויוון. אַ שוואַך כריפּענדיק אָטעמען האָט ווי געזעגט אין די ציגל פון אויוון און דערגאַנגען צו זיינע אויערן. „זי לעבט", האָט דאָס זעגן אים באַרויקט. ער איז איינגעשלאָפן שווער, כראָפּענדיק, בורטשענדיק, ווי ער וואָלט זיך געראַנגלט מיט אימיצן. אים האָט זיך געחלומט, אַז מען באַגנבעט זיינע דאָלאַרן, צירונג, גאָלד, פון גרוב אַרויס. ער האָט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער, געטאַפּט אין בוזעם, פון שלאָף געמרוקעט ווי אַ קאַץ. פּשיבולקאַ איז אויפגעשטאַנען אַ שפּראַץ אויף טאָג, כעלות השחר, ווען די שפּיצן פון די זון־שטראַלן האָבן זיך גענומען באַווייזן און אין זיין שטיבל האָט נאָך ערשט געשאַרעט, האָט ער זיך שוין געגרייט אין וועג. ער האָט אַריינגעלייגט אין זיין טאָרבע

ברויט, קאָלבאַס, זאַלץ, אַ פּאָר פּרוכטן און פאַרבונדן פעסט מיט אַ שטריקל. ער איז אַרוים פון שטוב, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ צום אויוון.

— צום ווידערזען, אַלטע, זיי געזונט. ער האָט פון איר נישט באַ־קומען קיין ענטפער.

יאַן האָט גענומען שפּאַנען צו דער באַן־סטאַציע, 20 קילאָמעטער פון זיין דאָרף. אויף די פעלדער פאַרטאָג האָבן דאָ און דאָרט שוין גע־אַרבעט די פּויערים ביים אַקערן און פאַרזייען. די פרימאָרגנדיקע לופט האָט געשמעקט מיט רו און פרידן, ווי ס׳וואָלט קיינמאָל קיין מלחמה נישט געווען. די באַפעלקערונג האָט אויפן לאַנד נישט אַזויפיל געליטן ווי אין די שטעט, וואו די דייטשן האָבן אויסגעשאָכטן מיליאָנען מענטשן, צום מיינסטן יידן. יאַן האָט יעדן פעלד־אַרבעטער אָפּגעגעבן אַ ברייטן גוט מאָרגן. „וואָס מאַכט דער פּאַן? האָט ער געפרעגט אַן עלטערן פּויער, וועלכער איז געשטאַנען ביי זיין אַרבעט און עפּעס צורעכט געמאַכט, ווי גייט אים די צייט? „נישט אַזוי גוט. מען דאַרף פּראַ־צעווען, ווי דער פּאַן זעט — האָט ער צוגעזונגען אויף זיין פּויערישן לשון — אָבער צופרידן איז מען, וואָס פון דייטש, הינטיש בלוט, איז כ׳עען דערלייזט געוואָרן". ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך צו־געגעבן:

— פון דעסטוועגן האָבן אונדזעריקע נישט געוואונען, כאָטש די מלחמה איז געענדיקט. און פון וואַנען קומט מען און וואוהין גייט דער פּאַן אַזוי פרי? — האָט ער מיט חשד אָנגעקוקט יאַנען.

— איך קום פון דאָרף צימבאַלעק, פאָר קיין וואַרשע אַ חוב אויפ־מאָנען. יאַן האָט אויטאָמאַטיש זיך אַ טאָפּ געטאָן אין בוזעם, צוגעכאַפּט גיך די האַנט און גלעטנדיק די וואָנצעס, ווי דרך אגב, אַ זאָג געטאָן: אונדזערע האָבן פאַרשפּילט... נישט אמת, אַזוי איז עס... יאָ, דער פּאַן האָט געזאָגט? — האָט ער געפּאָרשט דעם פּויער.

— יאָ, זיכער! אין וואַרשע הערשן איצט די יידן, פריינטעלע... ווי מיינט דען פּאַן, האָבן אונדזעריקע נישט פאַרשפּילט?

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו יאַנען און מיט אַ געהיימען שמייכל אים דורכגענומען. יאַן האָט תמעוואַטע געהויבן מיט די אַקסלען. ער האָט נישט געגלייבט אין דער ערנסטקייט פון יענעמס רייד. דער פּויער האָט אים ווידער איבערראַשט.

— דער פּאַן גייט קיין וואַרשע אוודאי אויפמאָנען אַ וועקסל ביי אַ ייד פאַר אַ טובהלע, פאַר אויסבאַהאַלטן פאַר די דייטשן... אָדער

אפשר פאר צוגעשטעלטע שפייז אין געהיים... מען ווייסט שוין די זאכן... זאָל דער פאַן זיין באַהיט, פאָרזיכטיק. ער זאָל צוריקקומען מיט גאַנצע ביינער. און אפשר קען זיין באַלעבאָסטע גאָר בלייבן אַן אַלמנה. זאָל ער נאָר האָבן אויגן, זען וואָס ער טוט. — האָט אים דער פויער כיטרע געוואָרנט.

יאַנעק איז אַדורך אַ שוידער. ער האָט מיט אַן ערנסטער מינע גע־גלעט די לאַנגע וואָנצעס, זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע.

— אָבער... וואָס רעדט דער ליבער הער? ער שפּאַסט אוודאי
— האָט יאַן געשטאַמלט.

דער פויער האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטייענדיק און ווייטער געדרשנט:

— דער טייערער פאַן און זיין גלייכן האָבן די יידן געראַטעוועט, און איצט? איצט וועלן מיר צאָלן דערפאַר. איצט, פריינד, איז אַ יידי־שע מלוכה אין וואַרשע... אָ, דער פאַן קוקט מיך אָן? אמת, אמת! געזונט זאָלן מיר אַזוי זיין.

יאַנעק, דעם געוואַגטן פויער, האָבן געציטערט אַלע אברים. אָבער די פלינקייט און כיטרעקייט האָבן אים אַרויסגעהאָלפן. ער האָט זיך ווידער געמאַכט תמעוואַטע.

— אָט אַזוי איז עס, פריץ־לעבן. די יידעלעך הערשן, אָבער ווי קומט עס? דער ליבער פאַן ווייסט דאָך, אַז מען האָט זיי אַלע אויס־געהרגעט. אין וואַרשע, זאָגט מען, איז קיין איינער נישט געבליבן... איך שווער דעם פאַן, אַז איך האָב קיין עסקים נישט געהאַט מיט די יידעלעך... איך האָב זיי געטריבן פון שטוב, געסטראַשעט מיט די דייטשן... קיין שטיקל ברויט נישט געגעבן די זשידקעס. די הינט אויף זיי אָנגערייצט... אָט אַזוי איז עס, טייערער פאַן. יעזוס מאַריאַ, גאָט באַהיט! איך גיי אויפמאָנען אַ חוב ביי אַ קרוב, פון אַ ירושה נאָך. אַ לאַנגע געשיכטע ביי אונדזער משפּחה...

— מעגלעך — האָט דער פויער געזשמורעט מיט די קליינע אויגן יאַנעקן אין פּנים אַריין — אַ חוב איז אַ חוב, אפילו אַ ירושה. נאָר ווער האָט דעם פאַן דעם קאָפּ פאַרדרייט, אַז אין וואַרשע זיינען קיין יידן נישטאָ? אונדזערע כלאָפּעס גלייבן אַלץ... אַלע אויסגעהרגעט... דער פריץ וועט שוין זען! נאָך מער ווי פאַר דער מלחמה זיינען זיי פאַראַן! וואַרשע איז אָנגעשטאָפּט מיט זיי... אָ, אונדזערע פּאַרטיזאַנען ווייסן

— האָט ער אים שטיל געזאָגט ווי אַ סוד — זאָל דער פּאַן בוג באַשי־רעמען פון דער יידישער מלוכה!

ער האָט זיך מיט פאַרגלאָצטע אויגן איבערגעצלמט און אָנגעהויבן ווידער אַקערן זיין פעלד. יאַן האָט זיך צעזעגנט מיטן מענטש, וועלכער האָט אים געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט געטראַכט צוריקצוגיין אַהיים אין זיין דערפל. ער האָט נישט אַלץ געגלייבט וואָס יענער האָט אים געזאָגט. אָבער פאָרן קיין וואַרשע און אַריינפאַלן אין דער „יידישער מלוכה"?... ער האָט געבליקט אויף צוריק, צו זיין שטיל דערפל, צו זיין רואיקער כאַטע, וואו עס ליגט אויפן אויוון אַ קראַנקע זיין פרוי. און פון דעסטוועגן איז ער אַוועק אין דער ריכטונג פון דער באַן־סטאַנציע, וואָס פירט קיין וואַרשע. אַט אַזוי איז דאָס, אַזוי. ער גייט דאָך גאָר צו עפּעס אַ קרוב וועגן אַ ירושה. זאָל אים דער קלוגער פויער נאָרנישט חושד זיין. (אפשר איז דער פויער גאָר פון די פאַרשטעלטע פאַרטיזאַנער נאַציאָנאַליסטן, אַנטיסעמיטן פון גענעראַל אַנדערס?) ער האָט געשפּרייזט זיך נישט אומקוקנדיק אויף צוריק. ער האָט געשפּרייזט מיט נישט קיין גרינג געמיט. „אפשר קען זיין ווייב נאָך בלייבן אַן אלמנה" — האָט ער זיך דערמאָנט דעם מענטשס וואָרענונג. רחמנות אויף זיין באַלעבאָסטע האָט ער זייער. אַזוי פיל יאָרן אים געטריי גע־אַרבעט, די כוחות פאַרלוירן. ליגט קראַנק אַליין. דער איינציקער זונדל, וועלכער איז נאָך אַ בחור, איז אַ הולטיי, אַ פוילער, וויל די ווירטשאַפט נישט פירן. און ווען זי זאָל נאָך טאַקע בלייבן פאַר דער צייט אַן אלמנה, ווער וועט איר העלפן, זיך אומקוקן אין איר זייט?

ער איז דערווייל ווייטער געגאַנגען צו דער באַן־סטאַנציע, נישט באַמערקנדיק ווי די קילאָמעטערס זיינען פאַרשוואונדן הינטער אים. דער בּרימאָרגן איז געווען אַ קילער. אַ פריש ווינטל, פייגל־סווישטשעריי און זיין שנעלער גאַנג האָבן אים ביסלעכווייז באַרואיקט. ער האָט פאַרגעסן דאָס וואָס ער האָט איבערגעלאָזט הינטער זיינע פּלייצעס. די געדאַנקען האָבן זיך פאַרנומען ווידער צום ציל, צו דער שטאָט, וואו ער האָט זיינע עסקים, אינטערעסן... ווען ער איז צוגעקומען צו דער באַן־סטאַנציע, האָט ער זיך שטאַרק פונאַנדערגעלאַכט. ווי קומט צו אים, יאַנען, זיך לאָזן אַ רגע באַאיינפלוסן פון דעם נאַרישן טייוול? — האָט ער זיך אַליין אויסגעמוסרט. ער האָט זיך נישט געלאָזט אָפּריידן פון אייגענעם ווייב, וועט ער גלייבן די פּלוידערייען פון עפּעס אַ כאַם? „אַ יידישע מלוכה אין וואַרשע" — האָט ער כיכיקעט אין זיך — און אויב יאָ

איז דאָך טאַקע כדאי דאָס אָנצוקוקן... כאַפּן אַ בליק און אַנטלויפן... יאַן פּשעבולקאַ האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן, ווי זיין געוואוינהייט, צום בוזעם, וואו עס ליגן זיינע „וויכטיקע״ פּאַפּירן און איז צוגעגאַנגען צום פענסטערל פון קאַסע קויפן אַ באַן־בילעט. פאַרנדיק אין באַן, האָט ער ווידער אויסגעהערט פון די פּוילישע פּאַסאַזשירן די לעגענדע פון דער יידישער הערשאַפט, יידישער רעגירונג, און פון דעם קאַמף, וואָס די כלאָפּצעס, די „פּאַטריאָטן״ פירן קעגן די רויטע זשידעס... אים איז דאָס שוין אַלץ אָבער נישט געקראָכן אין קאָפּ. ער האָט געקוקט דורך די פענסטער פון וואַגאָן. די רעדער האָבן געקלאַפּט צום טאַקט פון זיין צוויי־ווערטערדיקן געדאַנק — טויזנט, דאָלאַרן, דאָלאַרן, טויזנט־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ. טויזנט, טויזנט, טויזנט... דאָלאַרן, דאָלאַרן, דאָלאַרן... טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ — — — — — — — — —

נאָר איין מאָל איז אויף אַ סעקונדע איבערגעריסן געוואָרן דער געדאַנקען־קאָנטאַקט מיט די דאָלאַרן, ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע אין מיטן וועג, וואָרום אַ דערמאָנונג האָט זיך אַריינגעמישט אין מיטן און איבערגעשניטן דעם פאָדעם. ער האָט אויף דער באַן־סטאַנציע באַמערקט אַ מענטש, אַן אַלטן מאַן מיט אַ באָרד, וועלכער איז געווען ענלעך, ווי די השגחה וואָלט זיי אין איין פורעם באַשאַפן, צום אַלטן ניימאַן, וועלכער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אין גרוב פון זיין שייער, נישט קענענדיק אויסהאַלטן די צרות פון אַזאַ לעבן. יאַן פּשיבולקאַ האָט אויסגעשריגן: פּאַן ניימאַן! — פאַרגעסנדיק בעת מעשה פון זיין טויט — נאָר די געשטאַלט איז כהרף עין פאַרשוואונדן, איבערלאָזנדיק אין זיין פאַרשטעלונג נאָר די וויזיע פון דעם הדרת־פּנימדיקן מאַרטירער. און דאָס איז געווען די איינציקע געדאַנקען־וואַריאַציע, וואָס ער האָט אויפגענומען מיט שרעק און באַדויערונג, וואָס האָט זיך דורכגעריסן אין אַ פאַרעקשנטן פּויערישן ווילן אין דער פּויזע פון דער איינטאָניקער באַן־רעדער־קלאַפּעריי וואָס האָט אים געבראַכט צו די אויערן דעם רענדלעך־געקלימפּער... דער איינציקער קנייטש, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף זיין שטערן, איז מיטן אָפּגיין פון צוג באַלד אויסגעגלייכט געוואָרן. דער גלאַטער פּויערישער שטערן איז ווידער אָנגעצויגן געוואָרן נאָך מיט מער איינגעשפּאַרטקייט. ער האָט ווידער גע־טראַכט פון איין און דער זעלבער זאַך, ווי דער געדאַנק וואָלט אין זיין מח פאַרגליווערט געוואָרן.

ווען די שטאָט וואַרשע האָט זיך פאַר זיינע אויגן אויסגעשפּרייט

מיט איר גאַנצן חורבן פון היטלערס טייוולאַנישער הערשאַפט, האָט דער פויער יאַן פשיבולקאַ אָנגעהויבן טראַכטן אויך פון עפּעס אַנדערש. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר עפּעס אַן אומזעבאַרע זאַך, וואָס אין זיין דמיון, אין זיין פויערישן קאָפּ האָט זיך דאָס ביסלעכווייז אויסגעשיילט אין אַ פראַגע־צייכן: ווער איז שולדיק אין דער פאַרניכטונג, אין דעם חורבן? ער האָט געוואוסט, אַז יעדער פּאָליאַק כמעט איז געווען אַ שותף, האָט די דייטשן מיטגעהאָלפן — באַזונדער צו פאַרניכטן די יידן. ער אַליין איז אַ יוצא מן הכלל... אָבער...

ער האָט אָפּגעזוכט אַ נאָענטן קרוב, זיינס אַ קוזין, און פאַרטרויט פאַר אים זיין ענין. דער קוזין האָט אים אַוועקגעפירט צו אַ צווייטן קרוב, אַן אַדוואָקאַט און פאַרטרויאונגס־מענטש פון דער משפחה.

— עס איז נישט קיין שפּאַס צו טאָן אַזוינע זאַכן אויף אייגענער אחריות — האָט אים דער שטאָטישער קרוב געגעבן צו פאַרשטיין.

פשיבולקאַ האָט פאַר די וואַרשעווער געהאַט גרויס דרך־ארץ, ווי אַלץ־ווייסער. ער האָט זיך געלאָזט פירן, געפאָלגט דעם קוזינס עצות. דער משפחה־אַדוואָקאַט האָט זיי אויפגענומען פריינדלעך. ביי פאַרמאַכטע טירן, ווי דער ענין וואָלט געווען אַ פאַמיליע־סוד און וויכטיקער יורידי־שער שטודיום, זיינען געזעסן די דריי מענטשן און זיך געסודעט, זיך בעראַטן. אָבער דער יוריסט, האָט נאָכן איבערלייענען דאָס פּאַפּיר, וואו עס איז געשטאַנען אָנגעשריבן די קיילעכדיקע ציפער „טויזנט אַמערי־קאַנער דאָלער" פאַרזען מיט געצאַצקעטע, נאָר ציטערדיקע, ווי געשריבן פון אַ וואַקלדיקער, קראַנקער האַנט, אונטערשריפטן, געזאָגט:

— ליידער, ליידער, האָט דער „דאָקומענט" קיין שום ווערט. דער פאַן יאַן פשיבולקאַ, קען דעם וועקסל גלייך צערייסן. אויסער וואָס ער איז שלעכט געמאַכט, האָט די איצטיקע רעגירונג בטל געמאַכט, געפּסלט די אַלע וועקסלען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן פאַר ראַ־טעווען איינעם דאָס לעבן, אָדער ענלעכע זאַכן פון דער אָקופּאַציע־צייט, וועלכע מענטשן האָבן אונטערגעשריבן פון פאַרצווייפלונג און שרעק. עס האָט נישט, אייער פּאַפּירל, אַזאַ לעגאַלן ווערט, וואָס זאָל געבן אַ בארעכטיקונג צו שטעלן אייער לעבן אין סכנה. זאָל דער טייערער פאַן יאַן פאָרן געזונטערהייט אַ היים צו זיין ווירטשאַפט, צו זיין טייערער פאַני ווייבעלע — האָט פאַרענדיקט דער אַדוואָקאַט זיין פּראָפעסיאָנעלע אויפקלערונג און זיך שנעל מיט זיינע באַזוכער אָפּגעזעגנט.

— איז טאַקע אמת, אַז וואַרשע איז אָנגעפּראָפּט מיט יידן, ס'הערשט

זייערס א רעגירונג? — האָט יאַן אַריינגעבראַכט אַ פראַגע שוין שטיי־ענדיק ביים אַרויסגאַנג, לפּנים וועגן.

— זאָל דער פּאַן נישט ריידן קיין שטותים — האָט דער קוזין יאַנען אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל. דער חשובער אַדוואָקאַט האָט אַ שמייכל געטאָן אין די וואָנצעס און מיט אַ האַנט־באַוועגונג געלאָזט דעם ביטערן פּויער אַן אַן ענטפער.

יאַן און זיין קוזין זיינען געגאַנגען שווייגנדיק. יעדערער האָט גע־טראַכט פון עפּעס אַנדערש. דער פּויער האָט געזאָגט זיין קוזין, אַז ער פאַרט מאָרגן פרי אַוועק צו זיך אַ היים, מיינענדיק דערמיט, אַז ער פאַלט אים נישט צו לאַסט אין איצטיקן יקרות, געבנדיק אים דערמיט אויך אָנצוהערעניש „איך פאָלג אייער עצה, גרויסשטאָטישע אויטאָרי־טעטן, קלוגע לייט".

יאַן פּשיבולקאַ האָט געהאַט אַן אומרואיקע, שלעכטע נאַכט. זיין פּויערישער קערפּער האָט נישט פאַרטראָגן דעם שטאָטישן געלעגער. די רעיונות האָבן אים געפּייניקט, נישט געלאָזט צו רו: וואָס טוט מען, וואָס זאָל ער טאָן? און דאָ איז ער אויך אומרואיק געוואָרן וועגן די באַהאַלטענע אוצרות. ווער וועט דאָרטן אַכטונג געבן? דאָס ווייב ליגט אַ קראַנקע אויפן אויוון. דער זון איז אַ הולטיי. פאַרלירט ער אַלץ דאָ און דאָרט?... גאַנץ פרי האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין קרובס הויזגעזינד. ער האָט זיי געבעטן קומען אַמאָל אויף זיין נחלה. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פרישטיקן. ער איילט זיך צו נעמען די באַן, ווייל זיין ווייב איז אים קראַנק.

יאַן האָט געשפּרייזט איבער די חרובע וואַרשעווער גאַסן, וואָס די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט ווי אַ זכר פון זייער שנאה צו אומות, „נידעריקערע ראַסן", וועלכע מען מעג אונטערצינדן, פאַר־ניכטן, חרוב מאַכן. אָבער דער פּויער האָט וועגן דעם איצט נישט גע־טראַכט. ער האָט געטראַכט וועגן זיין גרויסן היזק, וועגן די מענטשן, וואָס ער האָט געראַטעוועט. אָט האָבן די ניימאַנס געקענט ליגן אונטער די חורבות, פאַרשאָטענע... ער איז געווען צעטומלט, דערדריקט. ער דאַרף איצט נעמען די באַן און פאָרן צוריק מיט גאָרנישט. ער האָט זיך געדרייט הין־און־צוריק, געמאַכט אומקרייזן און אַרויסגעקומען אויפן זעלבן פּלאַץ. אַ סך מאָל איז ער געווען אין וואַרשע, געוואוסט וואו דער ווינער וואָקזאַל געפינט זיך. האָבן אים די חרובע גאַסן דעזאָריענטירט, געמאַכט בלאָנדזשען? פּלוצלינג האָט ער אָפּגעשטעלט אַ מענטש און

געפרעגט אויף א גאס. איז יענע אויך אזוי חרוב ווי די אלע איבעריקע? דער מענטש האט אים עפעס געזאגט און געוויזן די ריכטונג. ער איז געבליבן שטיין, נאך א פאר מינוט שנעלן גאנג, מיט גרויס שטוינונג. די גרויסע אריסטאקראטישע, רייכע גאס עקזיסטירט. זי איז כמעט גאנץ, נישט אזוי חרוב ווי די ארעמע גאסן. מענטשן האבן געאיילט צו זייערע באשעפטיקונגען אין די ביוראען. גרויסע קראמען, מאגאזינען, געשעפט־הייזער האבן געעפנט זייערע טירן ווי אמאל. „ווידער שטילע צייטן" — האט א טראכט געטאן פשיבולקא. ער האט נאכגעקוקט די נומערן פון די הייזער און גיך אויסגעפונען דעם נומער, וואס ער האט געזוכט. ווען ער האט געמאלדן, ווער ער איז, האט זיך געעפנט פאר אים די טיר. ער איז אן וואקלעניש ארײַן אין דעם רייכן, שיינעם הויז.

יאזעף ניימאן און זיין פרוי האבן אים באגעגנט מיט פרייד, אויפ־גענומען זייער פריינדלעך. זיי האבן פון שמחה, דאנקבארקייט און אי־בערראשונג אים געדריקט די האנט אן ווערטער. באלד האבן זיי אים געבעטן זיצן, נאכגעפרעגט אויף זיין הויזגעזינד. די פרוי ניימאן האט גלייך געגרייט דעם טיש; געבראכט כיבוד, געשטעלט פלעשער, געגרייט פרישטיק. זיי האבן געטרונקען לחיים, זיך געוואונטשן אלדאס גוטס, ווי אלטע גוטע פריינד. דאס אלץ איז צוגעגאנגען אזוי פשוט, אז דעם פויער יאן פשיבולקאן האט ארומגענומען אזא בגילופינדיקייט, שמחה און רואי־קייט, וואס ער האט אויף זיין לעבנטאג נישט געפילט. ווען דער פריש־טיק איז געווען פארענדיקט, האט יאזעף ניימאן זיך אנגערופן:

— מיין ליבער און געטרייער פריינד, פאניע יאניע, מיר זיינען דעם פריץ זייער דאנקבאר פאר ראטעווען אונדז דאס לעבן. מיר וויסן דאס אפצושאצן. מיר געדענקען אויך דעם פריינדס שווערע לאגע, וואס ער האט געהאט אויסצושטיין, ריזיקירנדיק אליין מיט זיין לעבן ביים אויסבאהאלטן יידן פון די שלאנגען, מערדערישע רייטשן. מיר זעען איצט ווי ווייניק יידן זיינען פארבליבן, ווייל ווייניק גוטע, ארנטלעכע פאליאקן זיינען געווען, וואס האבן געוואלט אפשאצן דעם ווערט פון מענטשלעכע לעבנס, די אידעע פון ברידערלעכקייט און קאמף מיטן געמיינזאמען בלוטיקן שונא. א סך יידן, אויך פון אונדזער משפחה און נאענטע פריינד, האבן שלעכטע פאליאקן איבערגעגעבן די נאצישע מערדער. ווי דער טרייער פריינד, אונדזער רעטער, יאן פשיבולקא, זיינען געווען זייער ווייניק. אלטרואיסטישע, נאבעלע פאליאקן וועלן די יידן אייביק גע־דענקען, אונדזער פריינד, דער ליבער מענטש, איז צווישן זיי. מיר שאצן

זייער אָפּ די געציילטע, אינטעליגענטע מענטשלעכע עקזעמפּליאַרן. מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ביי יאָזעפן האָט געציטערט, וויברירט זיין שטימע. זיין פרוי האָט שטיל געוויינט. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קאַסע אַ פּעקל מיט געלט און געזאָגט:

— דאָס געלט האָב איך צוגעגרייט דעם פאַן אָפּצושיקן אַ היים מיט דאַנקען. איצט, אַז דער פריינד האָט זיך אַליין מטריח געווען, פּריוואַט אונדז זייער אים צו האָבן פאַר אַ גאַסט אין אונדזער הויז. זאָל דער פאַן באַקומען דאָס געלט און פאַרנוצן עס געזונט. ער האָט עס אָרנטלעך פאַרדינט. דעם פאַן יאַן קומט אַ סך מער, אַ סומע וואָס מען קען גאָרנישט אָפּשאַצן, ווי דאָס לעבן פון אַ מענטש. אָבער דער פאַן וועט אונדז אַנטשולדיקן, וואָס לעת־עתה זיינען מיר מער נישט ביכולת צו סילוקן, ווי דעם חוב אָן פּראָצענטן...

יאַן פּשיבולקאַ איז געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט. נאָר באַלד האָט ער זיך געגעבן אַ טרייסל, אַ שטעל אויף, האָט צוריקגעגעבן דאָס וועקסל, און דאָס פּעקל געלט, נאָכן איבערציילן, אַריינגעלייגט אויף זיין פּלאַץ. ער האָט זיך פריינדלעך פאַרנייגט, געדאַנקט און זיך געזעגנט. איידל אָפּגעזאָגט די ניימאַנס בקשה צו פאַרבלייבן לענגער צו גאַסט, מיטן תירוץ, אַז דאָס ווייב איז אים שטאַרק קראַנק, געפערלעך. פרוי ניימאַן ה־אָט מיטגעגעבן אַ פּעקל גוטע זאַכן, אַ מתנה פאַר זיין פרוי, און יאַן איז שנעל אַוועק נעמען דעם צוג.

פאָרנדיק צוריק האָט יאַנען אַ געדאַנק געעקבערט און געעקבערט, פאַרשוואונדן און צוריקגעקומען. די מחשבה האָט אים געפייניקט. ער האָט זיך געשעמט אַזוי צו טראַכטן. דער פייער האָט געוואָלט דעם יצר הרע פאַרטרייבן; געווען זיכער, אַז עס איז אַ חטא אַזוי צו טראַכטן; געווען זיכער, אַז ער וועט זיך מוזן פאַר אַזאַ זינד מתוודה זיין. ער האָט אָבער דעם געדאַנק נישט געקענט אָפּטרייבן ווי אַ זלידנע פליג וואָלט אים געזשומעט אין מוח. און לסוף האָט דער „יצר־הרע", די לאָקנדיקע מחשבה אים אין גאַנצן באַהערשט:

דער פאַן בוג ווייסט, צי נאָך אַזאַ גוטע צייט וועט זיך פאַר אים נאָך אַמאָל אומקערן?...

„סאַטיספאַקציע"

אין אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט איז געשטאַנען אין זיין קראָם דער טריקאָטאַזש־סוחר און פאַבריקאַנט יונה שטיינהאָלץ און זיך געריבן די הענט פון קעלט. פון הינטערגרונט, ווו זיין פאַבריק איז איינגעשטעלט, דענט פון קעלט. פון הינטערגרונט, וואו זיין פאַבריק איז איינגעשטעלט, גערויש פון וואַסערפאַל אויף מיל־רעדער (זיי „מאָלן" אים טאַקע אָן אַ סך רייכטום בשפע). יונה, ווען ער הערט זיך צו צום געזאַנג פון די מאַשינען, גלויבט באמונה שלמה, אַז דאָס רייכטום איז אים געקומען צוליב זיין אויסטויגן זיך, און דער עיקר: „ווייל ער האָט קאָפּ".

נאָר אַמאָל, טראַכטנדיק וועגן זיין גרויס־שכלדיקן קאָפּ און דער־פאָלג, דערמאָנט ער זיך אויך אַ רגעלע וועגן די מענטשן, וועלכע שטייען הינטער זיינע מאַשינען: זיי זיינען פאַר אים די לעבעדיקע עדות, די פולע באַשטעטיקונג פון זיין געדאַנקענגאַנג...

און טראַכטנדיק וועגן זיינע אַרבעטער, דערמאָנט ער זיך שוין אגב־אורחא, אַז ער אַליין איז דאָך אויך געשטאַנען ביי אַזאַ וועב־מאַשין, גיט ער זיך אַליין אַ קניפּ אין בעקל: „ביסט טאַקע דער חכם יונה, ביסט אַ קאָפּ־מענטש".

די אַלטע אַרבעטער, וועלכע האָבן אים געקענט פון פריער, האָט ער שוין לאַנג אָפּגעזאָגט. די רעקאָמענדירטע פון פריינד, האָט ער אויך אַרויסגעפּטרט. נייע, אומבאַקאַנטע מענטשן האָט ער אוועקגעשטעלט ביי דער אַרבעט אין זיין פאַבריק. און זיי האָבן טאַקע, ווי ער מיינט, מער דרך ארץ פאַרן באַלעבאָס.

ער האַלט זיך טאַקע איצט מיט מער ווירדע צו זיך אַליין...

שלעכט איז נאָר — האָט ער איצט אין קאַלטן פאַרנאַכט זיך רייבנ־

דיק די קאַלטע פינגער געטראַכט — מיט די אַמבולאַנטן־הענדלער: זיי זיינען כמעט אַלע באַקאַנטע נאָך פון דער אַלטער היים...

אַמערגסטן זיינען די היימישע, מיט די בטול־שמייכעלעך צו אים, דעם גרויסן פאַבריקאַנט. פון די אַמבולאַנטלעך, קלאַפּערלעך, וועט ער שוין נישט דערלייזט ווערן!...

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַ גרויסע יידישע אימיגראַציע האָט געשטראָמט, און אַ סך עמיגראַנטן האָבן, בלית ברירה, זיך געכאַפּט צום „פּעקל", זיינען זיי כמעט אַלע אַריינגעפאַלן צו שטיינהאַלצן אין געשעפט, זיך מאַכן אַ פּעקל — „צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט". יעדער טאָג איז געקומען צו יונהן אַן אַנדערער, אַ פריש־געקומענער איינוואַנ־דערער; דאָ אַ באַקאַנטער, דאָ מיט אַ גרוס פון זיין משפּחה אין פּוילן, דאָ מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ היימישן.

יונה שטיינהאַלץ האָט יעדן איינעם פון די גרינע נעבעך געמוזט געבן סחורה, מאַכן פאַר אַ סוחר. אַלע האָבן געהאַט זיין אַדרעס, געוואוסט אַז ער איז רייך...

היינט האָט יונה געהאַט אַ גאַסט פון די פרישע, ערשט פון שיף אַראָפּ, מיט אַ שלעכטן גרוס פון דער היים. די לאַגע איז דאָרטן פאַר די יידן אומדערטרעגלעך: די פּאָליאַקן שלאָגן, פייניקן גייסטיק און פיזיש. דער אַלטער טאַטע, יונהס, בעט הילף, שטיצע. „ער שיקט און שיקט און ס'איז אים אַלץ ווייניק" — האָט ער געטראַכט און איז אַ גאַנצן טאָג געווען צעררודערט. „אין דעם סעזאָן פון אַזוי פיל אַרבעט, קען מען זיך נישט צערייסן אויף אַלץ"... — האָט ער געזאָגט דעם גרינעם, און פון רחמנות וועגן אים געגעבן אַ „סאָרטידע" פון זיינע טריקאָטאַזש־אויסאַרבעטונגען צום פּעדלען.

ווען דער גרינער איז אַוועק, האָט ער ווידער דערפילט די שטאַרקע קעלט אין די ביינער. ער האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן צו דער קאַלטער נאַכט, וועלכע האָט זיך באַהעפט צו זיין שלעכטער שטימונג. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיינע קראָם־טישן, וואָס זיינען פול געווען מיט אָנגעוואָרפענע פרויעשע און מענערישע סוועטערס, סעקלעך און אַנדערע מינים, וואָס זיינען געווען צעלעכערט, צעצויגן און צעפליקט. דאָס איז די סחורה, וואָס די אַמבולאַנטן און קלאַפּער האָבן צוריקגעבראַכט, אויס־געטוישט אויף גאַנצע זאַכן, אָן חסרונות. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַרקן גרימצאָרן. „מער וועט ער די שלעפּערס קיין סחורה נישט אויס־טוישן" — האָט ער פעסט באַשלאָסן. ער איז אויך געווען אַ שטיק

צייט א גאסן־הענדלער, נאָר קיין חזרה דעם קרעמער קיינמאָל נישט געבראַכט. אים האָט אַ קונה קיינמאָל נישט געוואגט דורכצולעכערן אַ שטיקל סחורה מיט אַ פינגער...

אמת, זיין טריקאָטאַזש איז אַ ביסל שיטער. אָבער בייטן וועט ער זיי מער נישט — האָט ער געוואָלט מיט עפּעס פאַרטרייבן די מרה־שחורה.

יונה האָט גענומען שפּרייזן הין און צוריק און זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן קראָם. פאַרוואָס איז ער היינט אַזוי שלעכט געשטימט? — האָט ער זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען. ער האָט גענומען אויפמישן אויף צוריק די פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן, ביז ער איז דערקראָכן עט ווייט צו דער קינדהייט. ביי די פרומע, אַלט־מאָדישע עלטערן האָט ער געליטן נויט און דחקות. פון קינדוויז אָן געאַרבעט שווער. פונדעסטוועגן האָט ער פון זיין קינדהייט איינגעזאַפּט עפּעס אַן אינפעריאָריטעט־געפיל; אומבאַוואוסטזיניק אַ פאָרשטעלונג ,אַז ער איז עפּעס אַ נישטיקייט, אויף אַ נידעריקער מדרגה.

דאָ אין אַרגענטינע האָט ער אויך געאַרבעט פון אָנהייב שווער, עבודת פּרך. געאַרבעט אין פאַבריק, דערנאָך געהאַנדלט אין גאַס, געזוכט צו ווערן אַ לייט, זיך אַרויפאַרבעטן. ער האָט בכלל געקריגן אַ שטאַרקן דרך־ארץ פאַר רייכקייט, גבירים און געלט. ער האָט זיך פון זיינע לאַנדסלייט די קבצנים פאַרבאָרגן, דערווייטערט...

ווען יונה שטיינהאָלץ איז אָבער רייך געוואָרן, מיט אַן אייגענער פאַבריק אויפגעקומען, האָט ער זיך געוואָלט ווייזן פאַר דער וועלט, באַזונדער פאַר זיינע בני־עיר. ער האָט גענומען פּראַווען גבירישקייט, זיך קהלן, „טאָן טובות” זיינע אָרימע ברידער „גרינע חיות” ; זיי צו־נעמען צו דער אַרבעט, פאַרקויפן זיי זיין סחורה, מאַכן פון זיי לייט. אָבער יענע האָבן נישט געהאַט קיין דרך־ארץ, נישט געווען דאַנקבאַר און ער האָט זיי געמוזט אָפּזאָגן, איינס נאָך איינס, פון דער אַרבעט.

און איצטער זיינען כפוי־טובה אויף די קלאַפּער. זייער עזותדיקייט, חוצפה און בטול צו אים (ווייל זיי קענען אים צופיל פון אמאָל), האָט נישט קיין נאָמען. ער וועט שוין, יונה, מער נישט האָבן קיין רחמנות, קיין איינזעעניש מיט זיי. באַלד ווי זיי קומען אָן, ברענגען זיי גלייך גרוסן. זיי דערמאָנען אויך די קינדער־יאָרן : „געדענקסט, יונה, ווי מיר האָבן געגנבעט עפּל... געדענקסט דאָך ווי מיר האָבן זיך געשלאָגן פאַר אַ געפונענער קאָפּיקע... האָסט דען פאַרגעסן, ווי מיר האָבן ביידע גע־רוימט, אַרויסגעטראָגן דאָס מיסט פון פאַבריק”.

יונה שטיינהאַלץ האָט געזוכט אין זכרון מיט עפּעס זיך צו פאַר־ענטפערן, פאַרגיטיקן; אַפּוואַשן די „פלעקן" פון עבר, אָבער אויף צו להכעיס האָט ער זיך דערמאָנט נאָך ערגערע זאַכן.. אפשר נעמט זיך דער ביטול, די גרינגשעצונג, צו אים, ווייל ער איז נישט געלערנט, כמעט אַן עם־הארץ. „נישט געווען קיין צייט צו גיין לערנען זיך — האָט ער באַדויערט — איצט וואָלט דאָס אים צונוץ געקומען"... ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרגעסן דעם עבר, פאַרניכטן די אַמאָליקע, היי־מישע צייטן... אָבער איז דען מעגלעך, אַז אַלע טאָג קומען זיי, די לעבעדיקע עדות, די גרוסן?

„שטיצע, הילף, געלט און געלט!" — האָט ער אויסגערופן און גענומען שפּרייזן גיכער. זאָל אים דאָס אָנהייבן אָרן. ער איז געוואוינט צו געבן, שיקן מיט דער ברייטער האַנט. זאָלן זיי אַלע וויסן, אַז יונה שטיינ־האַלץ איז אַ גרויסער פאַבריקאַנט, אַ גביר אדיר!

איבערטראַגן איז אים שווער נאָר דאָס, וואָס באַלד קומען זיי, די עמיגראַנטלעך, מיטן „דו", מיטן „יונה". „מען זאָגט, יונה, אַז דו ביסט אַ מיליאָנער". „מען זאָגט, יונה, אַז דו ביסט אַזאַ און אַזאַ"... אַנדערע ווילן אים נעמען פּשוט מיט פאַלשער חניפה: „מען לייגט אויף דיר גרויסע האָפענונגען, יונה, טייערער, ביסט אַזאַ גרויסער... און די פאַלשע חניפה קאָסט אים אָפּ אוצרות!

ער איז ווידער פאַרביי די טישן און לאַנג געקוקט אויף דער געלע־בערטער, בראַקאַוונער סחורה, וואָס האָט זיך געוואַלגערט ווי מיסט אָנ־געוואָרפן אין קופּעס און אַ וואָרעם האָט געלעכערט זיין האַרץ.

„די אומדאַנקבאַרע צעטאַכלעווען, פאַרניכטן זיין פאַרמעגן. זיי ווילן אים בכיוון, צוליב שנאה־קנאה, אומברענגען, רואינירן, אָפּווישן פון מאַרק, ווי זיי טוען אים דערנידעריקן, באַשמוצן מאָראַליש"...

באַלד האָבן די אָנגעשטעלטע אריינגעבראַכט פּעק מיט פרישע זאַכן פון טאַזשער: מענער און פרויען סוועטערס, סאַקן, קליידער און און כל־המינים אַנדערע וואָל־געשטריקעכץ.

די פאַרשיידענע קאָלירן האָבן געמיניעט פאַרן עלעקטרישן ליכט. אַ וואַרעמקייט האָט זיך געשפּרייט פון די אַלע סחורות; אַן אָנגענעמע פרישקייט, נייקייט, האָט דערפרישט דאָס אויג. קאָלירטע בלוזעס, מיידלשע אָנצוגן, קינדערישע הייזעלעך, מענערישע קאַמזוילן, סוועטערס, האָבן מיט די באַזונדערע קאָלירן געשפּילט געשמאַקפול פאַרן אויג.

די פאַבריק פון יאָנאַס שטיינהאַלץ, ווי מען רופט אים אין דער

כוחרישער וועלט, האָט זיך קונה שם געווען מיט די שיינע אויסאַרבע־טונגען. (דאָ ליגט מען מער אַכט אויף דער שיינקייט פון בגדים ווי אויף זייער שטאַרקייט און דויערהאַפטיקייט). יונה האָט אַ סך דערפאָלג ביים עולם, ווייל ער קען גוט זיין געשמאַק.

קונים זיינען אַריינגעקומען, זיך באַדונגען און געמאַכט באַשטע־לונגען. דער באַלעבאָס איז געשטאַנען פון דער ווייטן, געגעבן באַפעלן, מען זאָל אָפּרוימען די פעלערהאַפטע סחורה. ווען דער פדיון איז ווייטער אַנגעגאַנגען, האָט ער אַליין גענומען באַדינען די קונים און עס האָט זיך געענדערט זיין שטימונג.

ווען ער האָט אַ סך געלט אָפּגעלייזט, האָט ער אַנדערש גענומען טראַכטן: „אַלץ קען מען פאַרדעקן, פאַרשמירן אַלע חסרונות: אפילו עם־הארצות קען מען פאַרדעקן מיט געלט"....

ער איז איבערגעלאָפן מיטן געדאַנק צו דער געזעלשאַפט, וואו ער איז קאַסיר. ער קען צו יעדער צייט די קאַסע פון דעם פאַראיין אָנפילן מיט געלט, און די איראָנישע בליקן אויף זיין חשבון, וואָס באַדייטן: „געוועזענער, אַמאָליקער יונה — געוואָרן אַ לייט", וועלן פאַרשווינדן. יאָ, ער קען דאָס צו יעדער צייט באַווייזן!... — — — אָבער דאָס אַלץ האָט אים נאָך פּאָרט עפּעס נישט באַרואיקט.

יונה האָט זיך געזעצט ביים ביוראָ־טיש אָפּרוען. ער איז געווען מיד פון טראַכטן און ספקות. זיין בלייך פּנים מיט די מאַטע, קאַלטע אויגן איז היינטיקן טאָג נאָך מער בלייכער געוואָרן. פאַרביילויפנדיק מיטן געדאַנק זיין פאַרגאַנגען לעבן, מער פון אַ יאָר פערציק, האָט אים דאָס אַ ביסל אויפגערעגט; און די ביטערע לאַנדסלייט, די בני־עיר, מיט זייער שלעכטער אויפפירונג האָבן אים היינט, מער ווי שטענדיק איינגעמאַטערט, צעבראָכן, דענערווירט.

די שפּורן פון דער אָרימער פאַרגאַנגענהייט שניידן דורך זיינע וועגן, צייטן פון דערפאָלג און אויפשטייג. עפּעס אומהאַרמאָנישעס אין זיין וועזן צעמישט אים די געפילן: גאווה, גרויסקייט און אויפשטייג ראַנגלען זיך מיט די געשפּענסטער־שאָטנס פון עבר, וואָס ווילן אים דערנידעריקן, צוריקשלעפּן אין אַ פאַרלאָזטער חורבה...

אַ מרה־שחורה באַפאַלט אים אָפטער, וואָס זוכט אַ שולדיקן, אַ קרבן.

ער איז געזעסן אַ ווײַלע פאַרגליווערט, פאַרטעמפּט, אויסגעהוילט. באַלד האָט ער זיך אַ הייב געטאָן, געגעבן אַ פּאָר טריט פאַראויס. ער האָט געקוקט צו דער ערד, אויסמיידנדיק די בליקן פון די מענטשן. און

באַלד זיך צוריקגעצויגן, זיך ווידער פאַררוקט אין זיין שטול הינטערן ביוראָ־טיש.

עס איז אַריינגעקומען אַ פרוי. זי איז געגאַנגען גיך, גלייך צום פּלאַץ, וואו יונה איז געזעסן. די פרוי האָט אויף גיך צו אים גענומען ריידן:

— יאַנאַס, היינט דאַרף קומען דער נייער לערער צו די קינדער. אויך דער טאַפּיצירער דאַרף קומען; די באַשטעלונג אויף דעם נייעם מעבל וועל איך מאַכן. די מאָדיסטקע איז געווען, אַ מאָס גענומען; די וועשן וועט מאָרגן קומען. מען דאַרף זיי אַלע געבן עפּעס געלט.

זי האָט זיך אויסגערדרייט, פּערלאַ, זיין ווייב, געקוקט צו די פולע פּאָליצעס מיט סחורה, אויף די קונים און אָנגעשטעלטע. און ווי גלייכגילטיק צו דער גאַנצער שפע פון הויז, וואָס זי האָט אַרומגעכאַפּט מיט איר בליק, האָט זי זיך ווידער אומגעקערט צו איר מאַן זאָגנדיק:

— יאַנאַס, קום באַלד אַרויף אין שטוב, וועסטו טרינקען טיי, דו וועסט זיך דערוואַרעמען.

ווען זי האָט נאָר אויסגערעדט די פּאָר ווערטער, האָט זי גיך גענומען אַוועקגיין.

— קום נאָר אַהער! — האָט יונה זי צוריקגערופן — זאָלסט נישט וואַגן, דו הערסט, זאָלסט נישט וואַגן! — האָט ער אויסגעשריען אויף אַ קול, איבערחזרנדיק עטלעכע מאָל די ווערטער מיט רציחה.

די פרוי האָט מיט שרעק אויפגעהויבן אירע הענט, פאַרשטעלנדיק מיט אירע דלאָניעס דעם חלל אַנטקעגן זיין געזיכט, ווי ווועלנדיק, אַז דער טאָן פון זיין בייזער שטימע זאָל נישט דערגרייכן צו די אויערן פון די אָנגעשטעלטע און קונים. די באַפעלערישקייט פון זיינע רייד האָבן איר נישט געקלונגען פרעמד, נאָר דאָך האָבן זיי אין דער רגע זי צעטומלט. די עמפּינדלעכקייט פון אַ פרוים אויער, פון איר גאַנצן וועזן, ווערט שטאַרק פאַרשאַרפט אין דער אָנוועזנהייט פון פרעמדע מענטשן.

וועלנדיק איינהיטן די סודות פון איר אינטימען פאַמיליען־לעבן, האָט זי מיט שרעק אין די אויגן אַ קוק געטאָן אויפן קאַלטן, בלייכן פּרצוף פון איר מאַן. זי האָט שטיל, אויסשטרעקנדיק די ליפּן צו זיין פּנים איינגעהאַלטן געפרעגט:

— וואָס נישט וואַגן, וואָס? שאַ, קענסט נישט ריידן שטיל? — האָט זי צוגעלייגט אַ פינגער צו אירע ליפּן.

יונה האָט אַ ווייַלע איינגעהאַלטן דעם אָטעם. מיט אויסגעגלאָצטע, גרויס געוואָרענע אויגן, האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס ער

טאָר זיך נישט האַלטן פריי אין זיין אייגענעם הויז. ער האָט זיך אויפ־געשטעלט, אָנגענומען זיין געוויינלעכע, גאווהדיקע פּאָזע, זיך אָנבלאָזנ־דיק, מיט די הענט אויף אַהינטער, האָט ער דורכגעזייט דורך זיינע פאַר־קריצטע ציין:

— פּערלאַ, זאָלסט די מענטשן נישט דערלויבן אָנהייבן די אַרבעט, וועלכע דו באַשטעלסט, איידער דו באַדינגסט זיך מיט זיי דעם פּרייז. דו, איידעלע שמאַטע, אַפּריער וויים וואָס דיך דאַרף קאָסטן און וויפל איך דאַרף צאָלן... פאַרשטאַנען, גרויסע בר־דעת מיינע? — האָט ער גע־וואָלט זיין ווייב איבערצייגן אין זיין שטאַרקן שכל און אייגענער חכמה.

אין דעם פאַרעקשנטן בליק צו זיין פרוי איז געלעגן בטול און טריומף צוזאַמען. ער האָט געוואָרט, קוקנדיק אויף דער בלייך געוואָרענער פרוי, וואָס איז געשטאַנען נאָך אַלץ אַ דערשלאָגענע, מיט פולע אויגן טרערן, מיט וואָס פאַר אַ נארישקייט זי קען אים, דעם קלוגן, פראַקטישן מאַן, אָפּענטפערן.

— אָבער דער לערער איז דאָך רעקאָמענדירט פון פּרעזידענט פון דיין פאַרבאַנד, די שניידערין פון דער פּרעזידענטין, און דער טאַ־פּיצירער אויך... — האָט זי ווייך געזאָגט, ווי אַ פאַרשולדיקטע.

— רעקאָמענדירטע?! — איז יונהן דאָס בלוט פאַרלאָפן צום מוח — נאָך וויניק די אַמבולאַנטן, די שלעק, די אומפאַרשעמטע קלאַפּער, קווענטעניקעס, פּעדלערס, שלעפּערס... אַלע, אַלע אָנגעשטאַנען אויף מיר. זיי ווילן מיך אומברענגען, רואינירן גייסטיק און מאַטעריעל, אַראָפּ־שליידערן אין תהום!

— גיי אַ היים, — האָט ער נישט מיט ווערטער, נאָר מיט אַ האַנט־באַוועגונג, מיטן גאַנצן אָנגעזאַמלטן צאָרן באַפוילן דעם ווייב. ער האָט אָבער גלייך צוגעגעבן, ווי מורא האָבנדיק פאַר דעם ווייבס נארישער צונג: — זאָג זיי גאָרנישט, די לייט, די רעקאָמענדירטע פאַרשווינען. איך וועל... ג־ג־יי־יי. — האָט ער דאָס לעצטע וואָרט אויסגעשפּיגן, זיך פאַראיקענדיק, ווי זיין טבע איז געווען.

יונה איז געבליבן זיצן פאַרשטאַרט, ווי נאָך אַ שווערן געראַנגל, פּאָרשנדיק מיט די אויגן צו דער גאַס־טיר.

אין טיר האָט זיך באַוויזן שמערקין, אַן אַמבולאַנט מיט אַ וואַליזע אין האַנט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט צעשראָקענע בליקן. די קעלט, וואָס ער האָט געליטן אַ גאַנצן טאָג, האָט אים געמאַכט קלענער אין וואוקס. שמערקין האָט זיך וויניק געטויגט צום „קלאַפּן". דער סאָרט

מסחר איז אַנדערע געראָטן, אים נישט. אָן איידעלער בחור, האָבן אים די קונים מער געמאַטערט, ווי געגעבן צו לייזן. ער האָט זיך פאַרגרינגערט די בזיונות, באַליידיקונגען און שלימזלדיקייט מיטן געדאַנק, אַז ער אַרבעט אין גאַס צייטווייליק. ער האָט געחלומט וועגן אַ שענערער באַשעפטיקונג.

שמערקין איז געווען יונהס אַ יוגנט־חבר. ער איז געגאַנגען מיט יונהן אין איין חדר. יונה האָט געהאַט אַ גראָבן קאָפּ. דאָס לערנען איז אים בשום אופן נישט אַריין אין קאָפּ. ער איז דערצו נאָך געווען אַ כבד־פּה, און די קינדער האָבן געלאַכט פון אים. שמערקין האָט ווייניקער פון אַלע קינדער געלאַכט. אָבער אַמאָל נישט ווילנדיק האָט ער אויך אַ לאַך געטאָן.

צו 13 יאָר האָט שוין יונה בכלל אויפגעהערט לערנען און זייערע וועגן האָבן זיך צעשיידט. שמערקין האָט ווייטער געלערנט. ער האָט אַזוי לאַנג שטודירט, ביז עס איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז אין פּוילן וועט ער גאָרנישט דערגרייכן. ער איז געבליבן אין מיטן וועג, ווי דאָס רוב יידישע יוגנט אין יענער צייט.

אין בוענאָס איירעס האָט שמערקין געטראַכט צו ווערן אַ לערער. נאָר דערווייל איז ער ווי אַ סך אַנדערע בני־עיר און חברים, אַריינגעפאַלן צו יונה שטיינהאַלץ נאָך פּראַטעקציע און טובות. ער האָט גענומען סחורה אויף באָרג... היינט האָט שמערקין געהאַט אַ שלעכטן טאָג. יונהס טריקאָטאַזש האָט נישט אויסגעהאַלטן קיין צו ברייטע פּלייצע, נישט קיין צו ברייטע היפּטן פון אַ דיקער באַלעבאָסטע, אָדער אַ פּאָר גראָבע הענט פון עפּעס אַ דינסט־מויד. עס האָבן אַ סך טריקאָטאַזש־זאַכן אים היינט געפּלאַצט, צעלעכערט געוואָרן. און ער האָט נישט געלייזט, נישט געמאַכט קיין „אַנהייב"...

גייענדיק אַהיים, אָן איינגעקורטשעטער פון קעלט, איז ער אַריין צו שטיינהאַלצן אין קראָם איבערצוטוישן די שלעכטע, צעלעכערטע און צעטרענטע סחורה אויף גאַנצע, כדי ער זאָל כאָטש קענען שלאָפן רואיק די נאַכט...

פאַר יונהן האָט שמערקין זיך שטענדיק געשראָקן, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס. און נישט וויסנדיק דעם טעם, דעם פאַרוואָס, האָט ער נאָך פאַר אים אַ מאָדנע עקלהאַפטן דרך ארץ... (כאָטש ער קען אים פון יינגלווייז).

ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט פאָרויס, אַ שטעל געטאָן די וואַליזע,

זיך אַרומקוקנדיק, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן פאַר אַ פאַרברעכן, אָדער עפּעס אַן עבירה, וואָס ער איז באַגאַנגען...

פלוצלינג, נישט באַמערקנדיק יונהן, האָט ער שנעל צעעפנט זיין „קראַם" אויפן לאַנגן געשעפטס־טיש. אַ זשמוט צעוואָרפענע, צעדרייטע, טריקאָטאַזש־אָנטועכץ מיט חסרונות איז באַלד געלעגן אויפן טיש צע־שפּרייט, ווי נאָך אַ שרפה.

— טוישט מיר אוים די פעלערהאַפטע סחורה, — כדי נישט צו זאָגן צעטרענטע, צעלעכערטע אָדער געפּלאַצטע — האָט שמערקין געבעטן מיט הכנעה דעם אָנגעשטעלטן.

און אין איין אויגנבליק איז דאָס מאָדנעסטע געשען: ווען יונהס פּויסט איז נאָך אַראָפּגעהאָנגען פאַרקלעמט און אַ צופרידנקייט האָט צע־עפנט זיין מויל, ווייזנדיק זיינע געלע ציין, האָט שמערקין, אַ צעטומלטער פון ווייטיק, געטאַפּט זיך צו אים פעלט נישט אַ פּאָר פון זיינע ציין. אין דעם מיט פּליסיקייט אָנגעפילטן מויל...

אין דער זעלבער רגע האָט אים אימעצער שוין אריינגעשטעקט די וואַליזע אין האַנט און געפירט צום טיר.

שמערקין איז אַוועק מיט גיכע טריט, שעמענדיק זיך אַרומצוקוקן. ער האָט צוגעהאַלטן דאָס מויל מיט אַ טיכל און געשפּרייזט, כדי וואָס גיכער קומען אין זיין צימער, אויסוואַשן דאָס מויל פון דער געזאַלצן־זיסלעכער פּליסיקייט, זיך לייגן, צוגעדעקט איבערן קאָפּ אין זיין בעטל, און נישט זען מער אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט די וועלט און די מענטשן...

יונה שטיינהאָליץ איז געגאַנגען עפּעס טרינקען. מיט געמיטלעכקייט, פאַר זיין ווייב אומדערוואַרט, האָט ער געטרונקען די טיי. ער האָט ווי פאַר זיך אונטערגעברומט: „רעקאָמענדירטע, לאַנדסלייט, „חברים", אַ גוט יאָר אויף זיי"... אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן מיט גרויס באַפרידיקונג, ווי ער וואָלט זיך באַלעקט פון אַ גוטן מאכל: „זיי וועלן מיך שוין האָבן צו געדענקען, און האָבן דרך־ארץ, די שנאָרער... זיי וועלן זיך שוין צעלויפן די אַלע מיזעראַבלע שלעק"...

זיין ווייב האָט געקוקט אויף זיין צופרידן פּנים און נישט געקענט פאַרשטיין, פון וואָס איר מאַן האָט נאָך איר אַ ועקגיין געקראָגן אַזאַ מין סאַטיספאַקציע און באַפרידיקונג...

„געפאלן פאריז" געפאלן בערלין

א גאנצע נאכט האָט עס געשטורעמט. דער ווינט האָט געבראָכן צווייגן פון דיביימער. ער האָט זיך פארמאָסטן די מויערן איינצואוואלגערן, אָבער נישט געקענט — האָט ער געוואָיעט, געגרעוועט מיט צאָרן אין צעשטורעמטן ים. דער וואסער־גיגאנט האָט זיך צעכוואליעט מיט שוים אויפן ראנד, אָננעמענדיק דעם ארויסרוף פון דעם טייוולשן שטורעם־ווינט.

און ווער שיקט אָן די ווינטן צו שטערן אים, דעם אלמעכטיקן ים, אין זיין רו? זיכער איז, אז דאָס איז דער מענטש־באשעפעניש, דאָס זיינען די ברואים, וואָס דרייען זיך ארום אויף דער יבשה און קומען צו זיינע ברעגן ארויסכאפן זיינע פיש; פאָר׳ן מיט שיפן איבער זיין רוקן און מאכן אים צו שפאָט... איצט, אין מלחמה־צייט, באלעסטיקן זיי גאָר א סך. אזויפיל שיפן זיין פאלמעסן זיין אויבערפלאך און אזויפיל אונטערוואסער־שיפן טרייבערן זיינע געדערים. א שלאכט־פעלד איז ער געוואָרן פאר דעם מאָדערנעם מענטש־באשעפעניש. ס׳איז זיי נאָך ווייניק צו גרונטעוועון אין זיינע וואסערן, פליען זיי און רוישן ארום אין זיין אטמאָספערע. זיי שיסן, שלאָגן זיך, ווארפן באָמבעס, באפארבן אויף רויט זיינע קילע שטראָמען, שיקן צום אָפגרונט אזויפיל שטאָל און אייזן און פארפעסטן זיין געלעגער מיט מאסן פגרים. דעם ים ווערט אומבאקוועם אין זיין „בעט". ער פארשטייט נישט, וואָס זוכן זיי דאָרט, די מענטשעלעך־קאָמעדיאנטן, אויף זיינע וואסער־פלייצעס און אין זיינע אינגעווייד, סיידן צו שפייזן מיט זייערע גופים די פיש און קראָקאָדילן?

דער ים האָט זיך נישט געקענט בארואיקן אין זיין מאכטלאָזן צאָרן:

פאַרוואָס זאָל ער זיין פאַרמשפּט אויף אַלע אייביקייטן צו פוילן אין גרוב? ער האָט געשיקט זיינע וואַסערן צום ברעג, כדי אַרויסצושפּרינגען פון טיפן מולטער און זיך אָפּרייסן פון די וואַסער־קייטן, מיט וועלכע ער איז פאַראַנקערט, זיך אַ שפּאַציר טאָן איבער דער יבשה און יען די מאַסע מענטשן־ברואים און צי זי פאַרנעמט זיך דאָרטן אויך מיט אַזוינע נאַרישע און זעלבסטמערדערישע „שפּילערייען"? רייסן זיי זיך דאָרט אויך אַרום, ווייל זיי קענען זיך נישט איינטיילן מיטן ביסן, ווי זיינע פיש, און שלינגען איינער דעם אַנדערן, דער שטאַרקער דעם שוואַכערן? איז ער, דער ים, דאָך באַרעכטיקט און מסוגל צו הערשן איבער דער גאַנצער וועלט, אָפּמעקן אַלע גרענעצן און בלייבן אַליין צווישן ברעג און ברעג! ער האָט זיך געראַנגלט מיט ווינט און מיט זיך אַליין, זיך אַלץ שטאַרקער צעשטורעמט און צעהוידעט, ווי וועלנדיק מאַכן דעם לעצטן פּרואוו און געבן דעם גיגאַנטישן שפּרונג, כדי צו ווייזן דעם ווינט, וועלכער פּייפט אויף אים, איז לייכט און שוועבט ווי אַ פויגל איבער דער גאַנצער וועלט, ווער ס'איז שטאַרקער. איינמאָל פאַר אַלע מאָל ווייזן זיין אמתע גבורה אַלעמען, דעם שטורעם און דעם מענטש, וואָס שיקט אָן אַלע בייזע רוחות און וויל הערשן סיי איבער דער יבשה און סיי איבערן וואַסער. וואַסער איז שטאַרקער פון פייער, פון ווינט און פון מענטש. וואַסער איז דער בראשיתדיקער עלעמענט פון אַלץ וואָס עקזיסטירט, פון אַלע בעלי־חיים און שפּראָצונגען. דער ים איז דער גאָט פון דער וועלט!

האָט זיך באַלד אַריינגעמישט דער הימל, זיך שטאַרק צעקנאַלט און אָנגעכמורעט, צוקוקנדיק זיך פון אויבן צו דער שפּיל פון די נאַטור־כוחות: צום געראַנגל פון ים און ווינט און זיי באַגאָסן מיט גרויסע וואַסער־טראָפּנס, איינשטילנדיק אַזוי זייערע אויפגעברויזטע געמיטער און ווי וועלנדיק אָפּקילן זייערע פאַרלאַנגען פון הערשאַפט און פאַרכאַפּונג פון זיין הימלישן קעניגרייך. אָבער נישט אַזוי לייכט איז עס דעם הימל און זיינע וואָלקנס אָנגעקומען. דער ווינט־שטורעם האָט נאָך געבושעוועט, זיך געדרייט און געצאַפּלט ווי אַ שלאַנג. דער ים האָט געשלאָגן זיינע כוואַליעס און זיי געטריבן צום ברעג, און זיי האָבן צעקרישלטע און מאַכטלאָזע זיך צוריקגעקערט, צוריקגעפאַלן אָפּגעשוואַכטע און געפּאַטשטע פון רעגן. אַזוי איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישן די נאַטור־כוחות אַ גאַנצע נאַכט.

די מענטשן זיינען זיך געשמאַק געשלאָפן אין דער נייטראַלער שטאָט

בוענאָס־איירעס. ווייט פון די פראָנטן, פון באָמבעס און סירענעס האָבן זיי געחלומט זיסע חלומות. פאַרוויגטע פון ווינט און רעגן האָבן זיי געשנאָרכט שטאַרק און געשמאַק. אַ קינד האָט זיך געוועקט פון צייט צו צייט און אַ מוטער, אַ פאַרשלאָפענע, האָט עס פאַרשטאָפּט דאָס מײַלעכל מיט דער ברוסט אָדער צוגעוויגט האַלב דרימלענדיק און ווידער אײַנגעשלאָפן.

נאָר נישט אַלע מענטשן זײַנען אַזוי גליקלעך אויף דער וועלט צו קענען איבערשלאָפן אַלע שלעכטע צײַטן און שטורעמס. אָט איז פאַראַן אַזאַ פאָלק אויף דער וועלט, וואָס הייסט „מילכיקערס". צווישן אַנדערע שלימזלדיקע מענטשן, וואָס דאָס פאַך גזלט אַוועק בײַ זיי די נאַכט־רו, זײַנען די מילך־צעפירערס אויפן ערשטן פּלאַן. זיי, די מילך־צעפירערס, קען נישט אָפּהאַלטן קיין רעגן, קיין שטורעם־ווינט, נישט אפילו קיין ערד־ציטערניש. די עופהלעך לײַדיקן אויס איבערנאַכט אַלע זאַפּאַסן פון די מוטערס בריסטן. די קינדערלעך דאַרפן וואַקסן און די גרויסע האָבן ליב הייסע קאַווע מיט מילך צום אָנבײַסן. האָבן זיך די מענטשן אין בוענאָס־איירעס אײַנגעטיילט זייערע פאַכן לויט נאַציאָנאַליטעטן. די יידן האָבן אויסגעקליבן פאַר זיך די מעבל־בראַנזשע; די איטאַליענער בויען הײַזער, פאַרקויפן פרוכט און גרינס; יאַפּאַנטשיקעס רייניקן און פרעסן קליידער און וועש; די ענגלענדער האָבן פאַר זיך „געגומען" די טראַמווייען און באַנען; די שפּאַניער האָבן פאַר זיך פאַרכאַפּט די מילכיקערייען; די פראַנצויזן טוען פון אַלץ צו ביסלעך. נאָר נישט אַלע מעבל־פאַרקויפערס אָדער סטאָליאַרעס זײַנען יידן און נישט אַלע מילכיקערס זײַנען שפּאַניער, נישט אַלע ענגלענדער האָבן באַנען...

* * *

אין דעם שטורעמדיקן פאַרטאָג איז דער מילך־פירער, פאַנדאַפּאָן, אַליין געפאָרן אויף זײַן מילך־וועגעלע און האָט געקלערט וועגן די שלאַכט־שטורעמס, וואָס טראָגן זיך איבער פראַנקרײַך. אַ פראַנצויז, אַ מילכיקער, פאָרט אין אַ שטורעמדיקן פאַרטאָג איבער די בוענאָס־איירעסער גאַסן. פאָרט און טראַכט. ער טראַכט וועגן זײַן לאַנד, וואָס די דײַטשן זײַנען באַפאַלן; וועגן די גרויליקטאַטן וואָס זיי באַגייען דאָרט און ער פילט נישט די נעץ פון דעם שלאַקסרעגן, נישט דעם ווינט אין זײַן פּנים. נאָר ער אַליין ווייסט און פילט דעם ווייטיק פון זײַן איצט אַ

פראַנצויז. דאָס קען זיך כמעט פאַרגלייכן מיטן טעם פון זיין א ייד... יאָ, אַז ער איז אַ פראַנצויז ווייסן, הוץ אים אַליין, אויך זיינע יידישע קונים, מיט וועלכע ער רעדט וועגן פּאָליטיק און מלחמה. זיינע דייטשע און איטאַליענישע קליענטן קען ער זיין אָפּשטאַם נישט אַנטפּלעקן — ער האָט פּשוט מורא פאַר זיין חיונה. זיין מילך איז אָפּטמאָל געמישט מיט בלוטיקע טרערן פון אַן איבערגעגעבענעם פראַנצויז, די דייטשן טרינקען עס און האָבן פון מילך הנאה.

מיט וואָס די דייטשן אין בוענס־איירעס באַשעפטיקן זיך, ווייסט נישט פּאָנדאַפּאָן, נאָר איינס איז ער זיכער, אַז זיין פרישע מילך געפעלט זיי און דערפאַר מישט ער זיי צו וואָס אַ מאָל מער וואַסער אין דער מילך. נאָר זיי ווערן באַלד צוגעוויינט צו דער וואַסערדיקער מילך און זיי טרייבן אים נישט אַרויס. פּאָנדאַפּאָן וואָלט זיכער חשק געהאַט זיי אָנ־הייבן פונאַנדערטיילן ריינע וואַסער אָנשטאָט מילך, אפשר וואָלט ער אויף אַזאַ אופן געשטילט זיינע ליידן...

נאָר דאָס איז ביי אים פאַררעכנט פאַר נארישע מחשבות און פון זיין פינסטערער און ביטערער פרנסה קען ער נישט פּטור ווערן.

עס איז שוין געווען געגנוג ליכטיק, ער זאָל דערזען היטלערס און גערינגס בילדער אין פּאַדערצימער פון דייטש האַנס היינדריך, וואו ער איז אַריינגעקומען מיט דער מילכקאַן און קווערטל אין דער האַנט. ער האָט אויפן גאַנצן וועג געטראַכט וועגן אויסמיידן היינט די פּנימער. די שלאַכט האָט זיך דערנענטערט צו פּאַריז און זיינע קאַנען זיינען אים מיטאַמאָל אַזוי שווער געוואָרן, ווי זיי זאָלן זיך האָבן אָנגעפּולט מיט בלוט. נאָר ווי מאָדנע, זיין פערדל האָט זיך אָפּגעשטעלט אַליין פון זיך ביי היינדריכס טיר. ער איז אַראָפּגעקראָכן פון וועגעלע, אָנגעקלונגען און מיט שרעק איבערגעשפּרייזט די שוועל, ווי ער וואָלט אַריין אין דעם שונאס לאַגער.

דערזעענדיק היטלערס שרעקלעך פּנים און גערינגס פעטן האַלדז מיט זייערע מינעס פון זיגער, האָט זיך אים אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע דאָס האַרץ. די הענט האָבן אים געציטערט. געקוקט האָט ער, דוכט זיך, אויפן מילך־שטראַם, וואָס האָט זיך געגאָסן פון קאַן אין קווערטל, נאָר געזען האָט ער אַ שטראָם רויט פריש בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן און געגאָסן אָן אויפהער, ביז עס האָט זיך אַריבערגעגאָסן אויף דעם דיל און ס'איז געוואָרן אַ בלוטיקער טייך. די דינסט, וואָס האָט געהאַלטן

גרייט דאָס מילך־טעפּל, האָט געגעבן אַ קוויטש, דערזעענדיק ווי דער „לעטשערא" גיסט אַריבער און עס ווערט איר נאָס אונטער די פּיס.

פּלוצלינג האָט זיך געעפנט די טיר פון אַנטקעגנדיקן צימער און ס'האָט זיך באַוויזן היינדריכס הויכע פיגור מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויפן רויטן פּנים. אַ שטימע האָט זיך דערהערט פון צימער אַרויס, וואָס האָט אַרויסגערעדט פון ראַדיאָ און איבערגעגעבן די מלחמה־נייעס. פּאַנ־דאַפּאַן האָט זיך אָנגעשטרענגט צו כאַפּן אַ וואָרט, נאָר ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז מען רעדט אין אַ פרעמדער שפּראַך. די דינסט האָט זיך געפּאָרעט ביים אויסווישן דעם דיל פון דער אויסגעגאָסענער מילך. ער האָט צוגעמאַכט די קאַן מיטן דעקל און זיך אויסגעדרייט צום אַרויס־גאַנג, זאָגנדיק דערביי דעם שפּאַנישן „ביז מאָרגן". אַנשטאָט אים צו ענטפערן ווי געוויינלעך, האָט דער דייטש איצט אויסגעשריען:

— מיר האָבן גענומען פּאַריז!

פּאַנדאַפּאַן האָט זיך נישט אויסגעדרייט, כדי נישט צו ווייזן זיין בלייך־געוואָרן פּנים. מיט אונטערגעהאַקטע פּיס האָט ער זיך קוים אַרויס־געשלייכט אויף יענער זייט פון דער גאַסטיר. ער איז קוים אַריינגעקראָכן אין װעגעלע, אַ שטאַרקן צי געטאָן מיט די לייצעס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דער דייטש קומט באַלד אַרויס און וועט אַ בליק טאָן אויף זיין געזיכט, אין די אויגן און דערזען, אַז אין בוענאָס־איירעס איז פּאַראַן אַזאַ מין אויסנאַם — אַ מילך־צעפירער, אַ פראַנצויז. דאָס פערד האָט ווי פאַרשטאַנען זיינע געדאַנקען און איז געלאָפן שנעל, געבראַזגעט מיט די קאָפּיטעס איבערן גאַסן־ברוק, זיך אַלע ווײַלע אויסגעגליטשט און צו־ריקגעשטעלט.

שווערע וואָלקנס האָבן זיך נאָך געצויגן, נאָר מאָמענטנווייז האָט זיך אַ ווייז געטאָן אַ שטראַל פון דער זון, וואָס איז אַפּירגעקראָכן פון צווישן די וואָלקנס איבער די נידעריקע הייזער. פאַר שרעק אָדער דרך־ארץ פאַר דער אויפגייענדיקער זון האָט זיך דער רעגן־שטורעם אַ ביסעלע איינגעשטילט. פּאַנדאַפּאַן האָט געאײַלט צו זיין קונה, דעם ייד אַבראַם, זיך אַראָפּצורײדן פון הארצן פאַר אים. געטרייסלט פון זיין װעגעלע מיט די הויכע רעדער און אייזערנע רייפן אין זייער אָנשלאָגן זיך אָנעם ברוק, האָט ער זיך אַ ביסל באַרואיקט. די מורא, אַז דער דייטש יאָגט אים נאָך איז פאַרשוואונדן. ער איז געווען זיכער, אַז דער דייטש ווייסט װעגן זיין אָפּשטאַם. ער וועט עס אים ביי אַ געלעגנהייט אַליין זאָגן בקול־רם, אַז ער איז דאָס וואָס ער איז, נאָר איצט אין דעם שרעקלעכן

מאָמענט, האָט ער נישט געקענט ווייזן זיך אזוי נעבעכדיק און געפאַלן.

— און אפשר איז דאָס גאָר אַ ליגן: פּאַריז איז נישט געפאַלן, פּאַריז קען נישט פאַלן, ווייל פּאַריז איז די הויפּטשטאָט פון פרייהייט פאַר אַלע מענטשן אויף דער וועלט. אויב זי איז יאָ געפאַלן, וועט זי צוריק אויפשטיין תחית־המתים — האָט ער געטראַכט.

ער האָט גענומען קלערן וועגן נקמה, זיך אָפּסילוקן מיטן דייטש היינדריך, וועלכער איז איצט געווען פאַר אים די פאַרקערפּערונג אָדער שליח־ציבור פון אַלע דייטשן. דערוויילל האָט ער מיט שוועריקייט ביי זיך געפּועלט אָנצוגיין ווייטער מיט דער מילך־צושטעלונג דעם דייטש היינ־דריך און זיינע איבעריקע קליענטן פון דעם מין. אין די אויערן האָבן אים כסדר געקלונגען די ווערטער „מיר האָבן גענומען פּאַריז״, אָבער אַ שטימע האָט צוריקגעשריען: „פּאַריז איז נישט געפאַלן, פּאַריז וועט לעבן אייביק און וועט באַזיגן אירע שונאים״.

זיין גייסטיקע פעסטקייט האָט געהאַלטן אין שטייגן און צעשטערן די ווירקונג פון אַ וואָרט, וואָס איז אזוי שרעקלעך געפאַלן פּלוצלינג אויף זיינע געהירן. עס איז אַרויסגעקומען פון מויל פון אַ מענטש, וואָס זיין באַדייטונג איז גאָר פּשוט: „אונדזער ראַסע האָט באַזיגט אייערע גייסטיק און פיזיש. אונדזער אידעע פון עגאָאיסטישן „אויבערמענטש״ האָט באַזיגט אייער אידעע פון אוניווערסאַליזם, טאָלעראַנץ און גלייכ־הייט. אונדזער ראַסיסטיש פאָלק וועט הערשן איבער אייער שטאָלצן פּאַריז און אייער פאָלק נידערט אַראָפּ צו דער שטופע פון שקלאַפן, וואָס וועלן האָבן דאָס איינציקע רעכט צו זיין אונטערטעניק און לעקן דעם שטויב פון אינוואַזאָרס שטיוול...״

זיין געדאַנק און געמיט זיינען נאָך נישט געווען אויסגעגלייכטערט פון דעם קאָשמאַר, וואָס האָט אים באַהערשט, אפילו ווען ער האָט זיך שוין געפונען ביי דער וואוינונג פון אַבראַמען און האָט געדריקט דאָס גלעקל פון דער טיר. ביי אַבראַמס טיר דאַרף ער שטענדיק שטיין לענגער ווי געוויינלעך, נאָר עס איז אים איצט אָנגענעם דאָס וואַרטן און דאָס דערוואַרטן צו טיילן זיך מיט אַ פריינד וועגן דער געשעעניש און אויפּ־דעקן פאַר אים זיין וואונד. ער טראַכט, אַז איצט דאַרף ער אפשר אַנ־דערש אָנהייבן צו לעבן, אַנדערש זיך אפשר אויפפירן און אַנדערש דענקען. אַ מענטש איז אין אַ שטורעמדיקן באַגינען מיט איין מאָל גע־וואָרן אויסגעוואָרצלט, פּלוצלינג געוואָרן אַ פּאַטערלאַנדלאָזער. איצט וועט ער שוין נישט זיין מער קיין גאַסט, אַז אויסלענדער אין אַרגענטינע,

נאָר אַן אימיגראַנט, אַ באַדנלאָזער אין גלות... ווער וועט אים איצט קענען לערנען בעסער ווי דער ייד, זיין פריינד, אַבראַם, ווי זיך צוצופּאַסן צו דער נייער לאַגע זיינער? אפשר וועט מען אים איצט אויך נעמען פאַרהאַסן און פאַרפאָלגן ווי די יידן? און אפשר נאָך ערגער, ווייל די יידן האָבן פון לאַנג זיך שוין צוגעפּאַסט צו זייער גורל; זיי האָבן שוין אויסגעפורעמט זייער שטייגער און אַרט לעבן אין גלות און ער וועט זיך גאָר פילן איצט ווי אַ ציגיינער נישט מער. ווי גוט עס איז געווען צו זיין אַ שטאָלצער פראַנצויז!

איצט וועלן אים אַלע באַקלאָגן און באַדויערן, נאָר קיין אַכטונג קען שוין קיינער צו אים מער נישט האָבן... און ווי אָנגענעם ס'איז געווען, ווען דער געדאַנק פלעגט פאַרפליען אהין, צום ליבן פאָטערלאַנד. די שטראַלן פון יענער ווייט־נאָענטער זון פלעגן אַריינדרינגען אין זיין האַרץ און וואַרעמען דאָרט אין אַלע שלעכטע צייטן, אין אַלע רעגנדיקע און פינצטערע פאַרטאָגן אין זיין אַרומפאָרן מיטן מילך־וועגעלע.

די פאַנטאַזיע האָט זיך שטענדיק אַריבערגעטראָגן אין יענעם געבורט־שטעטל אין פראַנקרייך: צוריק נאָך אַ מאָל זיך באַהעפטן מיט יענער ערד, וואָס איז דוכט זיך די זעלביקע ווי אין דער גאַנצער וועלט, נאָר איז אָבער פאָרט עפּעס זיסער און ליבער, עפּעס אַזוי טייער, ווען די בענקשאַפט באַפאַלט און אין האַרץ טליעט אַ האָפענונג, די דאָזיקע ערד נאָך אַ מאָל צו באַטרעטן און מיט דער זעלביקער לאַנדשאַפט זעמיקן דאָס אויג. און אָט דעם פאָדעם־שטראַל האָט מען פּלוצלינג ווי מיט אַ שאַרף מעסער איבערגעשניטן אין זיין מוח. די אויסשטראַלונג פון אַזאַ לעבנס־ענערגיע איז פאַרגאַנגען ווי די זון הינטער די הויכע בערג, הינטער די הרי־חושך. יענע ליכטיקע זון, וואָס האָט געוואַרעמט דאָס געמיט, וועט שוין מסתמא קיינמאָל נישט אויפגיין, וועט בלייבן פאַרזונקען אין אַ טיפן שמוציקן אָפּגרונט און אַלע האָפענונגען זיך צו וואַרעמען ביי אירע שטראַלן, אויף דער עלטער באַטש, ווען ס'וועט שוין קיין כוח נישט זיין צו שלעפּן די קאַנען מילך און אויפשטיין אין האַלבער נאַכט — זיינען אויף אייביק פאַרשוואונדן...

די אַלע פינצטערע געדאַנקען זיינען פאַנדאַפאַגען געקראָכן ווי ווערעם אין מוח. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געוואָלט זיך אַריבערטראָגן אין געדאַנק קיין פּאַריז, וואו ער האָט אין דער יוגנט אַ געוויסע צייט געלעבט. ער האָט געוואָלט אין דער פאַנטאַזיע זיך פאַרבינדן מיט דער שטאָט דורך דער אומזעבאַרער, דראָטלאָזער ליניע, ווי

שטענדיק, וואָס האָט געהאַט איר צענטראַלע אין אַ ווינקל פון זיין נשמה. נאָר געזען האָט ער גאָר אַ פינצטער־חרובן יאָמערטאָל, באַפאַלן פון אַ ווילדן מענטשן־היישעריק. די נעץ פון זיינע בגדים איז צוגעקו־מען און דורכגענומען זיין לייב. אַ וואַרעמע מידקייט האָט אים באַ־דערשט. אַלץ אין אים האָט גענומען גליווערן און ער האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף די קני. ער האָט פאַרוואָרפן זיין קאָפּ אויף דער קאַן פון מילך, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, אויף דער שוועל. אָט ליגט ער שוין אויף דער ערד מיט צונויפגעקנוילטע פיס ווי אין אַ סדום־בעטל. ער איז אַריינגעפאַלן אין פאַרגעסנקייט — — —

איצט איז פאַנדאַפאַן געלעגן אין די טראַנשייען ביי ווערדון, פאַר־טיידיקנדיק ווידעראַמאָל, ווי בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיין פראַנק־רייך. דעמאָלט האָט ער פאַרטיידיקט די פעסטונג ווי אַ 20־יעריקער בראַ־ווער וואָלונטיר אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. ער האָט דעמאָלט געצילט מיט זיין קוילנוואַרפער, געטויט אַ סך שונאים, איז אַ פּאָר מאָל פאַר־וואונדעט געוואָרן און באַקומען אויסצייכענונגען פאַר העלדישקייט. שפּע־טער, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט און ער איז פון שפּיטאָל אַרויס מיט גאַנצע ביינער, איז אַלץ געבליבן ווי געווען.

פראַנקרייך האָט געזיגט. מען האָט געפייערט דעם נצחון און ער איז געווען זיכער, אַז ער און זיין גלייכן האָבן פאַרזיכערט פאַר זייערע קינדער און קינדסקינדער שלום, וואוילשטאַנד און זיכערקייט. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די פּאַריזער גאַסן אַן אַרבעטלאָזער, גאַנץ געשמאַק געהונגערט און האָט אָנגעהויבן צווייפלען אין זיין פּאַטריאָטיזם. ס'איז אין יענער צייט געוואָרן אַ מישמאַש אין זיין מוח: ציוויליזאַציע, הונגער און פאַטערלאַנד. פאַנדאַפאַן איז דעמאָלט אוועק אויף „שלעכטע וועגן". אין די לינקע קרייזן, וואו ער איז אַריינגעטראָטן, האָט ער געקראָגן מאַטעריעלע שטיצע און אויך גייסטיקע שפּייז. ער דאַט געקעמפט פאַרביטערט קעגן רעגירונגען און קעגן דער גאַנצער אָרדענונג, אויסגעפירט געפערלעכע שליחותן און איז אַריינגעפאַלן אין תפיסה איינמאָל, אַ סך מאָל. באַלד האָט ער קיין פּלאַץ נישט געהאַט אויף זיין אייגענער ערד און ער האָט אָנגעהויבן וואַגאַבונדעווען, ביז עס האָט זיך דערוועקט דער רחמנות ביי זיינע פריינד און מען האָט אים געגעבן אויף הוצאות.

— פאָר אין דער וועלט, ווער אַ מענטש — האָבן אים אַריינגע־

טענהט זיינע פאמיליאנטן. אָט אזוי האָט ער זיך דערשלאָגן קיין אר־גענטינע צו ווערן א מילך־פירער.

די שלעכטע פראנקרייך, וואָס האָט אים אויסגעשפיגן, פּאַרטריבן, ווי ער האָט געמיינט, האָט זיך ווידער באַזעצט אין זיין הארץ. אַ פייער פון ליבע און בענקשאַפט האָט זיין געמיט געצערט, ווען אפילו א פּאַר־ביטערונג צו די געמיינע און שלעכטע פירער האָט געטליעט אין זיין אינגעווייד. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אים אין גאַנצן דערשלאָגן. דער סאָלדאַט האָט זיך אין אים דערוועקט, זיך געריסן גיין קעמפן, נאָר ער איז שוין נעבעך געווען א מטופל. און ווייב און קינדער זיינען, זעט אויס, שטארקער און בילכער...

אזוי ליגט זיך א מענטש אויף א שוועל פון א הויז אין א געסל פון בוענאָס־איירעס פאַרטאָג און קעמפט געשמאַק מיט די דייטשן אויפן פראָנט. ער רעוועט, ברומט ווי א לייב און לויפט אין אטאַקע צוריק אָפצונעמען פּאַריז.

— פּאַריז מוזט באַפרייט ווערן — מונטערט ער זיינע חברים אין קאַמף. און פלאַי פלאַים! ווי לייכט און פלינק דער קרוב פּופּציקער פּאַנדאַפּאַן מאַנעווורירט מיט זיין געווער. ווי גרינג עם ליגט אויף זיין פּלייצע די לאָדונג מוניציע. אָט זעען זיך שוין ווייטער די פּייערלעך פון די פּאַריזער בולוואַרן. פון אייפל־טורעם גייט אויף א פלאַם און באַלייכט דעם גאַנצן שלאַכט־פראָנט. די דייטשן אַנטלויפן ווי פּאַרוואָונדעטע חיות. אַלע און אַלץ יאָגט זיך נאָך די דייטשן. די מענטשן, די וועלדער, די טייכן — אַלץ באַוועגט זיך פאָראויס און פּאַריז איז שוין מיט דער האַנט צו דערגרייכן.

— הורא, הורא, אין אטאַקע — קאָמאַנדעוועט פּאַנדאַפּאַן.

אָט גייט דער קאַמף שוין אָן אין די גאַסן פון פּאַריז. נאָר פּלוצלינג ווערט אים שווער צו פּעכטן מיט דער שווערד. די כוחות שעפּן זיך אויס. פאַר די אויגן שוועבן פייערדיקע רעדער. איינער שטעכט דעם צווייטן און בלוט גיסט זיך. אַלץ ווערט אויפגעקנוילט אין א שרעקלעכן קנויל פון א צעבראָקטער מענטשן־מאַסע. אוי, ווי שרעקלעך אָבער ווי גוט עס איז צו פּאַלן און צו ליגן פאַרוואָונדעט אויף די פּאַריזער גאַסן. אַלע בענקשאַפטן און פּיינען און זיין ענערגיע גייען אויס מיט אזא זיסן ציטער ווי א וואַרעמער שטראָם בלוט וואָלט גערונען פון אַלע אברים. אַלץ שטילער און מנוחהדיקער ווערט דער ווירוואַר. דער קאַמפּס־געשריי הערט אויף און נאָר די ליפּן באַוועגן זיך שטיל, תפילהדיק: פּאַריז, מיין

פייערע, מיין ליבע מאמע און קינד, ביסט ווידער מיינע, מיינע אויף אייביק...

— —

אברהם איז געשמאק געשלאָפן אין דעם פרימאָרגן און האָט נישט געהערט קלינגען דאָס גלעקל פון דער טיר. רחל, זיין ווייב, האָט געמורמלט פון שלאָף: „אברהם, דער לעטשעראָ" — און איז ווידער אריינגעפאלן אין פארטאָגיקן זיסן דרימל. שפעטער האָט זי זיך אומרואיק גענומען וועקן און ווידער מיטן זעלביקן געמורמל: „אברהם, דער מילכיקער, גיכער, דאָס קינד וועט באלד אויפשטיין". דערביי האָט זי ביי אים אראָפגעצויגן דעם צודעק.

— גיי, דו ביסט איבער מיר א גזלן, ראַקעל, — און ער האָט זיך ווידער איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע.

— דו וועסט פארשפעטיקן צו דער ארבעט, אברהם, — האָט זי אים צוריק אָפגעדעקט און דערביי, מיט איר געטאָקטן פיסל, אים א שטויס געטאָן אין הינטער־חלק.

ער האָט זיך איבערגעדרייט, א קוק געטאָן אויף איר נאַקעטן ווייסן פוס, וואָס האָט אים באשטראָפט ווי א קליינעם יינגל, האָט זיך א בייזער געטאָן אָבער באלד געגעבן א פארשלאָפענעם, שעלמישן שמייכל און גענומען פויל אראָפקריכן פון בעט.

— שוין שפעט, באמת — האָט ער זיך געכאַפּט, א קוק טוענדיק אויפן זייגער — ביסט א גזלן, רחלע, היינט גיי איך נישט צו דער ארבעט, פארשפעטיקט. איך האָב זיי ערגעץ אנדערש מיט דער ארבעט. גענוג, זאָלן זיי אליין ארבעטן אין אזא טאָג.

ער האָט שוין געהאלטן אין ארויפציען די הויזן און זיין צארט ווייבל האָט זיך אלץ געבייזערט:

— גיי שוין, ריר זיך „גיכער־פאמעלעך", דער מילכיקער וואַרט. שוין ווידער פארלוירן א טאָג ארבעט. ווי איז מיר, וואָס טראַכט זיך דער מענטש? פון הימל וועט אים אראָפפאלן?

זי האָט זיך אויפגעזעצט, צוגעגלייכט די צעוואָרפענע האָר און וואַרפנדיק א קרומען בליק צו איר „שלימזל", האָט זי ווידער גענומען טענהן:

—קינדער באשאפן דאָס קענסטו, אָבער פארדינען פאר זיי — א נעבעכטיקער טאָג. דיינע אלע לאַנדסלייט האָבן זיך ארויפגעארבעט, זיך צו עפּעס דערשלאָגן און דו פּוילסט אין פאבריק ביי דעם בלוט־זויגער, מאַכסט אים רייך, דיין „ברויט־געבער", און מיר פעלט א מאָל די פּעזע

אין מארק אריין... גיי שוין, מענדל מיינער, מיין באשיצער, ווען וועסטו שוין ווערן א מענטש?...

— סארא מענה־לשון דו האסט באקומען, ראקעל, ביסט היינט שלעכט געשלאפן? צי אפשר אויף דער לינקער זייט אויפגעשטאנען? די ווילסט רייך ווערן, איך דארף נישט קיין געלט. מען וועט סיי ווי סיי צונעמען. ארויסגעווארפן! זעסט דאך, רחלע, וואס היטלער האט געטאן און דו רעדסט נאך. שעמען מעגסטו זיך אין דיין ווייטן האלדז. זאלן זיי ראבעווען, שארן מיט לאפעטעס. איך וויל יגיעת־כפיך. ווייסט וואס עס באטייט? — „האנט־פראצע", מיט די אייגענע צען פינגער.

— בארימער איינער — האט רחל אויפגעהויבן איר שטימע — דו ווילסט ארבעטן? אט פארלירסטו אומזיסט און אומנישט היינטיקן טאג. ווער וועט פאר דיר ארבעטן, ווער?

— דאס איז עפעס אנדערש, מיין טייבעלע, ארבעטן איז טאקע שווער, נאר שווינדלען, דרייען, אפנארן, מאכן געלט דאס איז נישט פאר מיר, דאס איז גאר עפעס, ווי זאל איך דיר זאגן? א פאסקודנע מלאכה, א טייוולשער פלאן צו פארפירן די מענטשן אין אפגרונט...

— יא, א שיינער בעל־דרשן — האט זיך רחלע פונאנדערגעלאכט

— דו רעדסט אזוי, ווייל דו טויגסט נישט, ביסט א שלימזלניק. יענע, לעאן און כאימע, זיינען געבוירענע סוחרים, אויסטויגער איז אזוי וואויל צו זייערע ווייבער און קינדער. נאר וואס שטייסטו ווי א גולם, דער מיל־ביקער איז שוין אוודאי אוועקגעפארן, ריר זיך, לעמעשקע...

— אויסטויגער, אויסטויגער! צום טייוול מיט דער גאנצער ארדע־נונג — האט א ברום געטאן אבראם, און איז ארויסגעלאפן פון צימער.

רחל, וואס האט חתונה געהאט מיט אברהמען אוים ליבע און האט שוין געהאט מיט אים צוויי קינדער, איז נישט געווען צופרידן פון איר לעבן. זי האט שטענדיק שטאלצירט מיט איר שיינקייט. בחורים האבן זיך געריסן צו איר פון אלע זייטן, רייכע בחורים, סוחרים, פאבריקאנטן און זי איז גאר פארבלענדט געווארן און האט חתונה געהאט מיט דעם „שלימזל", מיט א פראסטן ארבעטער. די פאמיליע ווערט גרעסער. דער יקרות שטייגט און די שכירות שטענדיק די זעלביקע. מען קען נישט מאכן א נייע קלייד, ארויסגיין אין א טעאטער, אין א קאנפיטעריע און אפילו נישט ארייגשטעלן א ביסל לייטיש מעבל. פונדעסטוועגן טוט איר וויי דאס הארץ אויף איר אבראמען, וואס איז אזא גוטער צו איר, נאר זי קען זיך נישט באהערשן און דערגייט אים די יארן. יעדן פרימארגן

גייט ער אוועק פרי צו דער ארבעט און לאָזט זי שלאָפן, וויפל זי וויל נאָר אליין. ווען ער קומט א מידער פון דער ארבעט, האָט זי נישט דאָס האַרץ מיט אים זיך צו קריגן. דערפאַר אָבער אין טאָג, ווען ער גייט נישט צו דער ארבעט, קריגט זי דעמאָלט די געלעגנהייט אויסצוגיסן איר ביי־טער האַרץ צו זיין קאָפּ. איבערהויפּט פאַרדריסט זי, וואָס איר מאַן חברט זיך מיט דעם פראַנצויז, דעם מילכיקן, וואָס איז לויט איר מיינונג אויך אַזאַ שלימזל ווי איר אבראַם. ביידע ריידן זיי שעהן־לאַנג וועגן פּאָליטיק, וועגן דער מלחמה, וועגן אויסבעסערן די וועלט און קיין תכלית קומט פון דעם נישט אַרויס...

רחל באַמערקט, אַז איר מאַן זאַמט זיך אַ ביסל צופיל מיטן פראַנ־צויז. זי האָט געכאַפּט אויף זיך אַ קלייד און איז אַרויס פון שלאָפצימער אויסצוגיסן אַלע בייזע חלומות צו זייערביידנס קעפּ. זי האָט פאַרלייגט אַ האַנט אויף אַ האַנט און האָט אָנגעשטעלט די פּיסקעס, נאָר די ווער־טער זיינען פאַרגליווערט געוואָרן צווישן אירע קלאָרע ציין.

אבראַם האָט געהאַלטן אין מונטערן דעם האַלב־פאַרחלשטן מילכיקן מיט לימענע־זאַפט. רחל האָט באַלד געכאַפּט אַ נאַס האַנטוך און אים אַרומגעבונדן דעם קאָפּ.

— וואָס איז מיט אייך געשען — האָט רחל מיט אַ מוטערלעכער שטימע געפרעגט ביים מילכיקן, וואָס איז ביסלעכוויז געקומען צו זיך

— דער שטורעם האָט אייך געווים פאַרכאַפּט, אַרעמער מילכיקער.

— יאָ, דער שטורעם — האָט פּאַמעלעך געענטפערט פּאַנדאַפּאַן — דער שטורעם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער פראַנקרייך...

— אָרעמער מענטש, וואָס רעדט ער? — האָט זיך רחל באַאומרו־איקט — אבראַם, רוף אַריין אַ דאָקטער.

אירע אויגן זיינען פייכט געוואָרן און אברהם האָט געשמייכלט מיט פאַרגעניגן פון זיין ווייבס ווייכהאַרציקייט. ער האָט איר געראָטן צו מאַכן אַ גלעזל קאַווע. פּאַנדאַפּאַן האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן פון שטול און אויסגערופן מיט אַ פעסטער שטימע:

— איר ווייסט, מיינע פריינד, פּאַריז איז געפאַלן!

די אינערלעכע אויפרעגונג האָט פון אים אַרויסגעשאָסן די ווערטער ווי פון אַ ראַקעטע. ער איז מאַכטלאָז צוריק צונעפאַלן צום אָנלען פון שטול און געבליבן זיצן אָן כוחות. באַלד האָט רחל געהאַט פאַרטיק הייסע קאַווע. פּאַנדאַפּאַן האָט לאַנגזאַם געזופּט די הייסע קאַווע פון רחלס

דאַנט ווי אַ קינד און דאָס פּאָרפּאָלק האָט אים געקוקט אין די אויגן מיט שרעק און פאַרוואונדערונג.

— פּאַריז איז נישט געפאַלן און וועט קיינמאָל נישט פאַלן — האָט האַלב מורמלענדיק און נאָך אַ ביסל פאַרשלאָפן זיך אָנגערופן אבראַם, צווייפלענדיק דערביי, צי זיינע ווערטער זיינען איצט אויפן פּלאַץ.

ביסלעכווייז האָבן אבראַם און רחל גענומען צעקייען די ווערטער און אריינדרינגען אין זייער זין: „געפאַלן פּאַריז". דער באַטייט פון דעם פאַר די יידן און פאַר אַלע מענטשן האָט אויסגעמאָלן אַ שרעקלעך באַשעפעניש, וואָס האָט נאָך נישט קיין נאָמען, אָבער דריקט שוין דאָס געמיט, נעמט אָפּ דאָס לשון און טרייסט־ווערטער טרעטן אָפּ פאַר אַ שטילשווייגן.

אזוי האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע פייערלעכע ווײַלע. פּאַנדאַפּאַן, שוין אַ צענומענער פון דער הייסער קאַווע, האָט אַדאָפּגעריסן דאָס נאַסע טוך פון זיין קאָפּ און האָט גענומען פאַרלייגן זיין פּלאַן פון נקמה: ווי נאָר פּאַריז וועט צוריק ריראָבערט ווערן, גייט ער גלייך מעלדן דעם ערשטן וועגן דער ידיעה — דעם דייטש היידריך...

— ניין — האָט אבראַם ספּאָנטאַן רעאַגירט — איר האָט געדולד, מיין פריינד, ביז ס'וועט פאַלן בערלין, וועט איר דעמאָלט לויפן צו אייער דייטש. האָט געדולד און איר וועט שניידן די פרוכט פון אייער צאָרן און ליידן. די נקמה דאַרף זיין אַ פולשטענדיקע, אַ גאַנצע: אַ צאָן פאַר אַ צאָן... אַן אויג... ניין, ביידע אויגן פון די מערדער!

אבראַמען אַליין האָט גענומען פינקלען פאַר די אויגן, ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס פאַלן פון בערלין. ער האָט איצט ריכטיק באַנומען דעם פּסוק „אַ צאָן פאַר אַ צאָן, אַן אויג פאַר אַן אויג" אין וועלכן ער האָט נישט געהאַט אזא אמונה.

— ניין, אזויפיל וואַרטן איז נישט פאַר אונדז, פראַנצויזן. מיר האָבן נישט אייער יידישע טויזנטיאָריקע געדולד. מיר קענען נישט אַרומ־גיין מיט אינערלעכן פאַרצערונגס־גייסט. מיר מוזן קעמפן און אויך דער חשבון מיט אונדזער שונא מוז שנעל געסילוקט ווערן. איר יידן — האָט פּאָנדאַפּאָן ווייטער געצויגן זיין שמועס — טראָגט איבער שנאה, האַס, פאַרפאָלגונגען און פאַרניכטונג. איר זייט פאַרהאַרטעוועט און פאַרפאַנ־צערט מיט געדולד און אויסדויער. עס איז אָבער דאָ אַ סכנה, עס זאָל זיך פאַרוואַנדלען ביסלעכווייז אין גלייכגילט, בעת וועלכן אויך די גע־פילן ווערן אַטראָפירט. אונדז רעגט אויף און צעטרייסלט יעדע שלעכטע

האָט קענן אונדז, אפילו איין וואָרט, איין שלעכטע כוונה און באַ־
ליידיקונג. מיר קענען נישט וואַרטן... ליידער בין איך נישט אין דער
לאַגע צו נעמען געווער אין דער האַנט אריין, איך וואָלט עס גערן געטאָן...

פּאַנדראַפּאָן האָט גערעדט גיך מיט אָפּגעהאַקטע פראַזן און צעצויגענע
געדאַנקען, וואָס האָבן אין אים אויפגעטויכט און אין זיין אויפרעגונג גע־
שטויסן זיך אין דרויסן אַרויס. אָבער באַלד האָט ער זיך געווענדט צו
אַבראַמען און צו רחלען מיט אַ ווייכער שטימע:

— זאָגט מיר, מיינע ליבע פריינד, ווי אַזוי דאַרף איך איצט אָנהייבן
צו לעבן? ווי אַזוי קען מען לעבן אָן דעם אָנשפּאַר פון אַ פּאַטערלאַנד,
פון אַ היים? איך פיל מיך דערנידעריקט, אַ וואַגאַבונד... זיי האָבן
מיר צונערויבט מיין לאַנד, מיין ערע... איצט בין איך גלייך מיט אייך,
יידן... לערנט מיך, ווי מען דאַרף זיך פירן און האַלטן אין אַזאַ לאַגע,
אין אַזאַ צושטאַנד...

— גערולד — האָט דאָס פּאָרפּאָלק גלייכצייטיק אויסגערופן.

— גערולד ביז בערלין וועט פאַלן — האָט אַבראַם צוגעגעבן.

* * *

דער טאָג, ווען פּאַריז איז צוריק דעראָבערט געוואָרן איז פאַר פּאַנ־
דראַפּאָנען געווען דער גליקלעכסטער אין זיין לעבן. די שטאָט בוענאָס־איי־
רעס האָט געיובלט. אַלע מענטשן האָבן זיך געפרייט און מאַסנווייז גע־
שטראָמט צו דער פּלאַסאַ „פראַנסיאַ". פּאַרנדראַפּאָן האָט זיינע מילך־
קאַנען פאַררוקט און פאַרדעקט — יום־טוב זאָל זיין! ער האָט זיך אויסגע־
פוצט אין זיין נייעם אָנצוג און איז געלאָפן צום מיטינג אויף דער
פּלאַסע מיט אינערלעכער באַגייסטערונג, וואָס האָט אַנטהאַלטן פרייד און
גדלות מיטאַמאָל. נאָר עפּעס האָט אין אים געצערט ווי אַ פּלאָם אַ פּאַר־
טייטער, וואָס איז נאָך נישט אויסגעלאָשן געוואָרן אין גאַנצן.

לויפנדיק צו דער דעמאָנסטראַציע, האָט ער פאַרגעסן, אַז עס איז
אַ גענוג גרויסער שטח און מען דאַרף נעמען אַ טראַמוויי און ער האָט
געשפּאַנט און געשפּאַנט, ביז ער האָט זיך דערזען שטיין פאַר דעם
דייטש היינדריכס טיר. ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט־צו. דאָס ערשטע
מאָל ווי ער האָט אָנגעקלונגען אין דעם הויז אַז די קאַנען מילך. ער איז
אריין אין הויז אין זיינע יומטובדיקע בגדים און געבליבן שטיין גלייך,

אויסגעצויגן. היינדריך איז אים אנטקעגנגעקומען און אים אָנגעקוקט מיט צעעפנטע גרויסע אויגן.

— וואָס ווילט איר? — האָט ער געשטאַמלט.

— מיר האָבן גענומען בערלין! — האָט פּאַנדאַפּאָן אויסגערופן מיט איינגעהאַלטענעם כעס און הנאה, שטייענדיק גלייך, פּנים אל פּנים מיט היינדריכן.

— בערלין איז געפאַלן?...

היינדריכס פּנים האָט זיך צעקרימט און בלייך געוואָרן, ווי ער זאָל פאַר זיך פלוצלינג דערזען דעם מלאך המות. ער איז געקומען צו זיך און האָט אַ פאַרקריץ טוענדיק די ציין זיך צעשריגן:

— אַרויס, ליגנער! איך דאַרף מער נישט דיין וואַסערדיקע מילך. אַרויס פון שטוב, איך רוף שוין פּאָליציי! דו הינטישער פראַנצויז!...

— פּאַרדאָן, הער היינדריך, — האָט פּאַנדאַפּאָן קאַלטבלוטיק געזאָגט — פּאַריז האָבן מיר צוריקגענומען און בערלין איז געפאַלן אויף אייביק... איצט — איז ער שיר נישט אַרויף אויף היינדריכן, טייטלענדיק אים מיט די פינגער אין פּנים אַריין — איצט גייען מיר נעמען בערלין!...

היינדריך איז געשטאַנען פאַרגליווערט, אָן לשון, באַזיגט פון די איבערצייגנדיקע ווערטער פון דעם מילכיקן, פּאַנדאַפּאָן. ער האָט אים שוין מער נישט געטריבן, נאָר מיט פאַרביסענע ליפּן און שטשירענדיקע ציין אַרויסגעלאָזט די ווערטער, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן הויז:

— „בערלין איז געפאַלן”... פּאַריז איז צוריקגענומען... אַלץ, אַלץ איז פאַרלוירן...

פּאַנדאַפּאָן האָט אַ פרייליכער פאַרלאָזט דאָס הויז. ער איז אַרויס אין גאַס און האָט יעדן פאַרבייגייער גערופן: — קומט, קומט אַלע פעלקער צו דער שמחה. „בערלין איז געפאַלן”!...

קומט, קומט צו דער דעמאָנסטראַציע, אַלע ווי איינער צו דער פּלאַסאַ פראַנסיאַ.

— מיר האָבן גענומען פּאַריז! איצט גייען מיר אויף בערלין, אויף בערלין — האָבן אים אָפּגעענטפערט אַלע מענטשן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויפן וועג צו דער פייערונג לכבוד דער באַפרייאונג פון פּאַריז.

ווען ער האָט שפּעטער געטראָפן אַבראַמען, אים דערציילט וועגן זיין נקמה פון דעם דייטש היינדריך, האָט אַבראַם געמורמלט שטיל:

— דיר פעלט א ביסעלע געדולד, חבר, נאַר — האָט ער פאַר־מראַכט ווי פאַר זיך צוגעגעבן — אפשר ביסטו גערעכט? אפשר?

פאַנדאַפאַן האָט אבראַמס ווערטער נישט געהערט. ער איז געווען דורכגענומען מיט א געפיל, וואָס האָט זיך אפשר צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן פאַר אים אַנטפּלעקט: דאָס געפיל פֿון נצחון און נקמה־פרייד. ער האָט זיך געפילט, ווי איינער וואָס האָט פאַרלוירן די טייערסטע זאַך אין זיין לעבן און זי צוריק געפונען. עס האָט אים עקזאַלטירט און דער־הויבן. עס איז געווען דער גליקלעכסטער טאָג אין זיין לעבן. די ווערטער, היינדריכס „מיר האָבן גענומען פאַריז" האָבן איצט אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן מיט א גאַנץ אַנדער קלאַנג, ווי בעת יענער האָט זיי אים אין דעם שטורעמדיקן פרימאָרגן אָנגעזאָגט. אַן אינערלעכע שטימע האָט אים איצט באַשטעטיקט פייערלעך:

פאַריז איז נישט געפאַלן, געפאַלן איז בערלין!...

45 — 12־9.

די פאָטאָגראַפיע

דאָס בילדל איז געלעגן צעריסן אויף שטיקלעך. א פּאָר מענטשלעכע הענט האָבן די שטיקלעך צונויפגעזאַמלט און צונויפגעשטעלט. דער מענטש האָט עס געטאָן מיט אינערלעכער אויפרעגונג. דאָס האָט זיך נעמערקט אין דעם צוקן פון די ווינקלען פון זיין מויל און פאַרקריצטע ציין. א קינד איז געשטאַנען אין א ווינקל פון צימער פאַרשעמט און מיט שרעק נייַקוקט אויפן פאָטער.. די מוטער האָט זיך איבערגעבויגן צום קינד, וואָס האָט געהאַלטן ביים אויסברעכן אין א געוויין און האָט עס א גלעט געטאָן איבערן קעפּל. די פרוי האָט געוואָרפן א זייטיקן בליק צו איר מאַן, א בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט ביטול און וואָס האָט באַדייט: „פון וואָס א מענטש נעמט זיך צום האַרצן?"

— לאַזאַר — האָט די פרוי שטיל געזאָגט צו אים — וואָס ביסטו אויפגערעגט? זע ווי דאָס קינד איז צעשראָקן. אַלע מאָל איז אַן אַנדער זאַך: די פאָטאָגראַפיע צעריסן — דאַרפסט עס נייטיק צו פרנסה! דאָס קינד האָט דיר אַמאָל א בוך צעריסן וואָס האָט מער די ווערט, האָסטו דעם קינד דעמאָלט אפילו קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט! דו פאַרנאַכלעסיקסט די שטוב, די אַרבעט...

— שטוב, אַרבעט — האָט לאַזאַר נאָכגעזאָגט זיין ווייב סאַראַ — מער גאָרנישט? יאָ, די ביכער? .איך קען זיי אויף אויסנווייניק, אָבער דאָס בילד וועט שוין גאַנץ נישט ווערן, ווי א צעפּיצלט לעבן...

— כ'ווייס, לאַזאַר, אַז דיר זיינען די טעג שווער מיט מיר. בענקסט איביק נאָך יענער, דער פון דער פאָטאָגראַפיע, דערפאַר איז דיר אַלץ נמאס — האָט סאַראַ מיט א שלוכצן פון פאַרשטיקטע טרערן געזאָגט.

דאָס קינד האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ שטאַרק געוויין און זיך גע־טוליעט צו דער מוטער, וועלכע האָט צוגעלייגט די ליפּן צום קינדס אויגן און שטיל אַריינגעוויינט אין קינדס קעפּל. דערנאָך האָט זי אָנגענומען דאָס קינד פאַרן הענטל און אָפּקערנדיק דאָס געזיכט אַרויסגעפירט עס פון צימער. דאָס שלוכצן האָט זיך אָפּגעהאַקט מיטן פאַרמאַכן די טיר. לאַזאַר האָט פאַרנומען דעם לעצטן אָפּקלאַנג פון אַן איבערגעריסן גע־וויין, וואָס האָט פון דער טיף און פון דער ווייטקייט וויברירט ווי אַ לעצטער אַקאָרד און איז אויסגעגאַנגען, ווען דאָס זשומען אין דער שטיל־קייט האָט זיך געשטאַרקט. זיינע אָנגעשטרענגטע חושים און די אָנגע־שפּיצטע אויערן, וואָס האָבן אַ ווײַלע פאַרגליווערט זיין יעדן געדאַנק, האָבן מיט אַן אויפשוידער פון גאַנצן קערפּער ווי דערוואַכט פון אַ היפּנאָז און די שפּאַנונג האָט ביסלעכווייז נאָכגעלאָזט. אַ פינטל טועַנדיק מיט די אויגן, האָט ער צוריק דערזען פאַר זיך זאַכן, צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויסגעטיילט די צעשטיקלטע פאָטאָגראַפיע. ווי דורך אַ צויַ־בער האָט פון זיך אַליין זיך גענומען אויסטיילן פאַר אים, צום טויזנטסטן מאָל, די געשיכטע פון דער פאָטאָגראַפיע.

אַ קינד פון אָרימע עלטערן, וואָס האָט זיך געלערנט און געחברט מיט רייכע קינדער. ער איז אויסגעשטאַנען, ווי כמעט שטענדיק אין אַזוינע פאַלן, שווערע נשמה־ליידן, באַליידיקונגען, וואָס האָבן גורם געווען אַ מינדערווערטיקייט־געפיל וואָס האָט אים שטענדיק באַגלייט און גע־מאַכט אומדרייסט. די ליבע צו דער שול־חברטע ראָזע איז געבליבן פאַרגראָבן טיף אין זיין יונגער נשמה. אויך זי האָט אים ליב געהאַט. ער פלעגט עס פילן פון איר צערטלעכן בליק, פון איר רויטלען זיך און שע־מעוודיקייט, ווען זייערע ביידנס בליקן פלעגן זיך באַגעגענען. ס'איז אָבער געווען אַ שטענדיקע מחיצה צווישן זיי — די מחיצה פון שטאַנד, פון רייך און אָרים — וואָס וועגן דעם האָט מען נישט געטראַכט, ווי וועגן אַן אומזעבאַרע זאַך, וועגן וועלכער קינדישע מוחות האָבן נישט קיין ריכטיקע און דעפינירטע פאָרשטעלונג. די אומזעבאַרע וואַנט האָט אָבער עקזיסטירט. זיי האָבן געבליקט איינער צום אַנדערן ווי דורך אַן אַטמאָס־פערישן פאָרהאַנג, ווי דורך אַ נעפּל. און ווייל עס איז נישט רעאַל איז עס אוממעגלעך צו צעשטערן, אוממעגלעך די מחיצה צו צעוואַרפן...

ער געדענקט: דאָס איינציקע מאָל, ווען זייערע אָרעמס האָבן זיך באַרירט און זיך צוגעדריקט איינער צום צווייטן, איז געווען בעת זייער גרופּע האָט זיך פאָטאָגראַפירט און זיי האָבן זיך „צופעליק" אוועקגעשטעלט

איינער לעבן צווייטן. אַן אָנגענעמער זיסער ציטער איז אַדורך זיין לייב און ער איז אַרויסגעקומען אויפן בילד מיט פאַרחלומטע און צעשראָקענע אויגן. ער האָט איצט דערפילט דעם שטראָם, וואָס איז דעמאָלט אַדורך זיין לייב און האָט זיך צוריקגעכאַפּט פון דער ליידיקייט, אין וועלכער ער האָט זיך אָנגעשלאָגן, וועלנדיק — ווי דעמאָלט — זיך צודריקן מיטן גאַנצן קערפּער צו ראָזען. ער האָט פאַרגעסן אין דער דיסטאַנץ פון אָרט און צייט, זיך גלייך געכאַפּט, וואו ער געפינט זיך און געבליבן זיצן פאַרשעמט פאַר די פיר ווענט פון פוסטן צימער.

ער פאַרטראַכט זיך אַ רגע און שפּינט באַלד ווייטער דעם פאָדעם פון די איבערגעריסענע מחשבות. ער דערמאָנט זיך, ווי ער האָט נישט געקענט קויפן די פאָטאָגראַפיע און פאַרן אויסוואַנדערן איז ער געגאַנגען צו זיינע חברים בעטן ביי זיי אַן עקזעמפּלאַר כדי צו מאַכן פאַר זיך אַ קאָפּיע.

בערל, זיין אַמאָליקער שול־חבר, האָט געטאַפּט ביי אַ פּויער אין וואָגן און זיך מיט אים געדונגען וועגן פּרייז פון אַ פּאָר זעקלעך תבואה.

— לאַזאַר — האָט ער געזאָגט נישט גערן — וואָס ליגט דיר אין זינען? די פאָטאָגראַפיע האָב איך שוין לאַנג פאַרלוירן.

אָנכאַפּנדיק דעם פּויערס האַנט, האָט ער גענומען פּאַטשן אין זיין לינקער דלאָניע מיט זיין רעכטער:

— איך גיב דיר, איוואַן, נאָך אַ זלאָטע פאַר די זעקס פודן האָבער. זאָג „פאַר מיר", פאַרפּאַטשט. וועסט קיין בעסערן סוחר נישט קריגן אפילו זאָלסט שטיין ביז האַלבער נאַכט דאָ אויפן מאַרק. וועסט צעפּענ־קעט ווערן, דער האָבער וועט זיין מיינער, איך צאָל אַ פּרייז!

בערל האָט דעם פּויער אַלץ שטאַרקער געפּראַסקעט אין דער דלאָניע און דער פּויער איז אַזש רויט געוואָרן פון ווייטיק.

— בערקע, לאָז אָפּ, אַך יעזוס ליבינקער, איך קען דיר נישט פאַר־נאַרן די זעקסטלעך האָבער. איך דאַרף קויפן זייף, זאַלץ, שוועבעלעך, קעראָסין. איך לאָז דיר אַראָפּ נאָך אַ גילדן, טשעפּע זיך אָפּ, הייליקע מאַריאַ!

— ניין, איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, זאָג פאַר מיר, קום, איוואַן, ביי מיר אין קראָם קריגסטו אַלץ: פון הערינג, שמאַלץ, צוקער, בראָנפן, עסיק ביז אַ ווייסער חלה און טאַבאַק. איך וועל דיר אָנלייגן אַ פולן וואָגן ביז צעזעצט ווערן.

— נו, גוט, בערעטשקע, לאָמיר פאָרן. ביי דיר דאָרט וועלן מיר

זיך א ביסל דערוואָרימען מיט א גלעזעלע און מיר וועלן פאָרן אהיים צו דער באָבע מיט אַלדאָס גוטס.

ער האָט אַרויסגענומען זיין האַנט פון דעם סוחרס און מיט איר געפאָכעט אין דער קאַלטער האַרבסטיקער לופט, כדי עס זאָל אים אָפּגיין דער ווייטיק.

— האָסט אייזערנע הענט, בערקע, דער רוח זאָל דיך נעמען!

בערל האָט א כאַפּ געטאָן די לייצעס, א שמיץ געטאָן דאָס פערד און זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן, בלייבנדיק זיצן מיט די פיס אַרויס־געהאַנגען אין דרויסן. דער פויער, וואָס האָט נישט באַוויזן זיך אַרויפ־צוזעצן, איז נאָכגעלאָפן, געשאָלטן און געזידלט ביז ער האָט אים אָנ־געיאָגט און, אָנהאַלטנדיק זיך ביי דער צווייטער זייט פון וואָגן, האָט ער זיך אַריינגעקאַטשעט מיטן קאָפּ אַראָפּ אין וואָגן אַריין.

לאַזאַר איז געבליבן שטיין אַליין און קוקנדיק אויפן פאַרשוואונדע־נעם וואָגן מיטן חבר און פויער, האָט ער געקלערט, אַז ווען ער זאָל קענען זיין אַזאַ גוטער הענדלער, וואָלט ער איצט נישט געדאַרפט זיך אַוועקלאָזן, אַן עלנטער, אין דער ווייטער וועלט אַריין.

די פאָטאָגראַפיע האָט ער קוים באַקומען ביי איינעם פון די שול־חברים, וואָס האָט ליב געהאַט צו קאָנסערווירן אַלץ, וואָס האָט א שייכות צו זיין עבר. זעליק האָט, אָפּרייסנדיק דעם קאָפּ פון דער גמרא, און אָפּהאַקנדיק דערביי דעם ניגון, אים גלייך אָפּגעזאָגט:

— איך קען דאָס בילד פון האַנט נישט אַרויסגעבן, לאַזאַר, ביי מיר איז דאָס א זכר פון מיין יוגנט. דאָס בילד איז פאַר מיר הייליק ווי די גמרא להבדיל.

די ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען אין דעם פוסטן בית־מדרש און האָבן ווי מיט שפּיזלען געשטאָכן זיין האַרץ. נאָך א סך געבעט האָט זעליק מסכים געווען נישט אַרויסצולאָזן די פאָטאָגראַפיע פון דער האַנט, ביז די קאָפּיע וועט פאַרטיק ווערן. דער אָריגינאַל וואָלט אים געווען ליבער, נעגטער, נאָר ער האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט דער קאָפּיע, וואָס איז אַרויס זייער געלונגען. ער איז געווען זייער דאַנקבאַר זעליקן, וואָס האָט פאַרלוירן זיין בעסטע יוגנט־צייט אין בית־המדרש, ביי דער גמרא, אָבער ער איז געווען בעסער און מענטשלעכער פאַר זיין חבר דעם סוחר. ווי גוט איז אים, לאַזאַרן, איצט געווען מיט דער פאָטאָגראַ־פיע אין בוזעם־קעשענע, נאָענט פון האַרצן. א וואַרימקייט האָט איינגע־הילט זיין גאַנץ וועזן, ווי אַרומגענומען מיט א וואַואַל פון זכרונות פון

קינדער־יאָרן, פון א שאָטן פון עפּעס א ליבע, וואָס האָט געשפּילט אין זיין בלוט ווי א דערפרישנדיקע לעבנסנייטיקע סובסטאַנץ.

— פאַרסט טאַקע אויך אַוועק, לאַזאַר? האָט ראָזע אים אויסגע־שטרעקט אירע צאַרטע ווייסע פינגער, נישט אויפהייבנדיק זיך פון דער סאָפע, אויף וועלכער זי איז געלעגן און געקוקט מיט א מידער גלייכגילטיקייט צו דער גאַנצער וועלט. עס איז אים דורכגעלאָפן א געדאַנק, אַז אַלע אירע נאָענטע חברים האָבן אויסגעוואַנדערט און ווען איר פאָטער איז געוואָרן א יורד, און איר לעצטער אינטימער חבר יוסף איז אַוועק צו אַן אַנדערער, א רייכערער, איז איר נישט געבליבן קיין ברירה, אָדער אפשר להכעיס אַלעמען, ווי חתונה האָבן מיט אַן אַלטן גוטן און רייכן בחור. עס האָט אים באַהערשט א געפיל פון חרטה: אפשר האָט ער, לאַזאַר, פאַרזעען און דורכגעלאָזט א גוטע געלעגנהייט? — אפשר ווען ער רעדט מיט איר פריער, וואָלט זי אים נישט אָפּגע־שטויסן? — אָבער ער איז דאָך געווען אַזוי ווייט פון איר און די שול־חברשאַפט איז געווען נישט מער ווי א ווייטע דעראינערונג. פאַרבייר־פאָרנדיק די שטאָט, ווען ער איז געפאָרן צו דער שיף, איז לאַזאַר, ווי א נאַטירלעכע זאַך, אַריינגעגאַנגען צו ראָזען זיך מיט איר געזעגענען. נאָר צו וואָס האָט ער עס געדאַרפט, האָט ער דאַן שוין געקלערט, מאַכן פון א ליבטיקער פאַרגאַנגענהייט א בייזע ווירקלעכקייט? ער האָט דערפילט איר האַנט אין זיינע און געוואָלט זיך איבערבייגן איבער איר שיין און צאַרט געזיכט און צולייגן זיינע ליפּן צו אירע אומעטיקע אויגן. ער האָט געוואָלט אַרויסציען פון זיי דעם ווייטיק, וואָס אויך ער, ווי אים האָט זיך אויסגעדאַכט, האָט אין דעם א חלק... ער האָט עס נישט געטאָן. א חתונה געהאַטע פרוי איז געלעגן פאַר אים און ער איז דאָך נישט מער ווי א פרעמדער, אַ־מאָליקער חבר, וואָס קען גאָרנישט ענדערן און נישט ברענגען קיין טרייסט און האָפענונג.

— יאָ, ראָזאַ, איך פאָר אויך אַוועק. דער לעצטער פון אונדזערע אַמאָליקע חברים, נאָר נישט דער לעצטער דיך נישט צו פאַרגעסן.

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, כדי אים נישט צו ווייזן אירע טרערן און געמורמלט:

— פאַרגעס בעסער, לאַזאַר, פאַרגעס. איך בין נישט ווערט, דו זאָלסט זיך פון מיר דערמאָנען און פון מיר טראַכטן.

לאַזאַר האָט די גאַנצע צייט פון דער רייזע זיך געפּייניקט: צו וואָס איז ער נעגאַנגען זיך מיט איר געזעגענען און פאַרשאַפן איר אומזיסטיקן

ווייטיק? און ער אליין פארט אין א ניי לאנד צו בויען א ניי לעבן, איז געווען נייטיק אפצופרישן און נאך מער אויפלעבן א חלום וואס איז פארגאנגען? ער דארף איצט פון אלץ פארגעסן. ער וועט דאס בילד פון הינטער זיין הארץ ארויסשלעפן און אין ים ווארפן. עס וועט פארזונקען ווערן אין די טיפענישן פון ים זיין גאנצער עבר און א נייער מענטש וועט געבוירן ווערן... ער האט ארויסגעצויגן פון קעשענע דאס בילדל און מיט א שנעלער באוועגונג א שליידער געטאן מיט זיין רעכטער האנט, מאכנדיק א באוועגונג ווי איינער ווארפט עפעס אריין אין ים. ער איז געבליבן שטיין אויפן מיטן דעק פון שיף מיט אן אויפגעהויבענער האנט אויסגעשטרעקט אין דער לופטן, מיט דער פאטאגראפיע צווישן די פינגער, וועלכע האבן זיך נישט געוואלט צעעפענען און דאס בילד ארויסלאזן. ער איז געבליבן שטיין ווי א סטאטוע, ווי א סימבאל פון א מענטשן, וואס פארט זוכן זיין ברויט און גליק מעבר לים און קען זיך נישט שיידן מיט זיין פארגאנגענהייט, וואס וועט אים שוין נאכגיין ווי א שאטן און נעסטן אין זיין הארץ זיין גאנץ לעבן. ער איז געשטאנען אזוי אין דער זעלביקער פאזע א ווײַלע פארגליווערט. דערנאך האט ער זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן, צוגעלייגט דאס בילד צו זיינע ליפן און עס אויף גיך צוריק פארשטעקט אין בוזעם.

ניין, ער וועט עס שוין מער קיינמאל נישט טאן — האט ער באשלאסן. אייביק וועט ער עס טראגן ביי זיך, ביי זיין הארץ. פארקערט, דאס בילד וועט אים געבן מוט צו גיין ווייטער אויפן שווערן וועג פון נייעם לעבן. וועגן אירע לעצטע ווערטער, וואס האבן אים תחילת פארשאפט ווייטיק, האט ער איצט גענומען טראכטן מיט זעלבסטבאפרידיקונג: ער האט זיך שטענדיק געפילט מינדערווערטיק, נידעריקער און זי האט אים אליין געשטעלט העכער פון זיך. „איך בין נישט ווערט זאלסט פון מיר טראכטן" — די ווערטער האבן אים געקלונגען ווי די רייד פון א געטין. ווערטער, וואס קענען אים ברענגען דערלייזונג, וואס קענען אים באוועגן דעם קאפ אויפצוהייבן, וואס האבן אבער נישט געקענט מאכן פארגעסן די פערזאן, וואס האט זיי ארויסגעזאגט.

אין דעם נייעם לאנד האט ער געזוכט א פרוי, וואס זאל זיין ענלעך צו ראזען. ער האט געקוקט אויף דער פאטאגראפיע און פארגליכן צו אלע זיינע באקאנטע מיידלעך פון פאבריק, פון פאראיין און סתם פארבייגייענדיקע פרויען אין גאס. ער האט נישט געטראפן קיין פרוי מיט אזוינע קינדיש־צערטלעכע בליקן, מיט אזא שמייכל ווי ביי ראזען און

קיין פרוי מיט אַזעלכע אומעטיקע און מיט אומענדלעכן ווייטיק אָנגע־פילטע אויגן, ווי ער האָט זי געזען ביים געזעגענען זיך. ס'איז צומאָל פאַרטושט געוואָרן איר אויסזען אויף דער פאָטאָגראַפיע און איר פּלאַץ האָט פאַרנומען אַן אַנדערע, — אַ ראָזע וואָס האָט זיך אויסגעמאָלן אין זיין פאַנטאַזיע, אין זיין פאַרשטעלונג און וואָס איז געווען נאָר איין־איינציקע און קיין אַנדערע — האָט ער געטראַכט — וועט ער אויף דער ערד נישט געפינען. ס'האָט זיך ביי אים געשאַפן אַ סינטעז פון דער שול־חברטע ראָזע און דער פון דער סאָפע בעתן געזעגענען זיך. צומאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ דריטע ראָזע. די ראָזע פון דער פאָטאָגראַפיע, האָט צו אים שטענדיק צערטלעך און ליב־לעך געשמייכלט. ראָזע פון דער סאָפע האָט צו אים געקוקט מרה־שחורה־דיק, פאַרטראַכט. די דריטע פון זיין פאַרשטעלונג האָט אַ געלאַכט אַ געוויינט. זי האָט צו אים געשמייכלט מיט רויטע, רובינען־טרערן און פון דער מרה־שחורהדיקייט האָט זיך אויסגעטיילט אַ קינדישער ווייסער שמייכל, וואָס האָט צעשאָטן שטראַלן, פאַרביקע שטראַלן ווי פון אַ רעגנבויגן מיט אַ זון צוזאַמען. אַ פרוי זאָל פאַרקערפערן דאָס אַלץ — האָט ער געמיינט — קען עס נאָר זיין ראָזע. ער האָט געבענקט נאָך ראָזאַן, דאָס צאַרטע קינד און נאָך ראָזאַן, די פאַרטראַכטע און אומע־טיקע פרוי. ער האָט געבענקט נאָך דער דריטער ראָזאַ, וואָס איז אַלץ צוזאַמענגענומען, וואָס איז אַ באַהעפטונג פון פרייד און טרויער, פון צערטלעכקייט, ליבע און בענקשאַפט, פון יוגנט און רייפקייט, — אַ סינטעז פון קינד, פרוי און מוטער...

לאַזאַר האָט חתונה געהאַט. פאַראַן מענטשן, וואָס פּאַסן זיך גלייך אַריין אין דער ווירקלעכקייט. ביי אים האָט עס לאַנג געדויערט און צום סוף, אין „אַ שוואַכער מינוט”, איז ער ניכשל געוואָרן. עפּעס איז אין סאַראַן געווען ענלעכס צו ראָזאַן, נאָר דאָס איז נישט געווען אַלץ: דער עלנט האָט אים באַזיגט. וואָס ווייטער נאָך דער חתונה, אַלץ פרעמדער איז אים סאַראַ געוואָרן. ס'איז אויך אַלץ מער פאַרשוואונדן געוואָרן זיין אילוזיע, אַז ער זעט אין סאַראַן אַ שאָטן פון זיין יוגנט־פריינדין ראָזאַ. וואָס מער עס האָט זיך אויסגעוועפּט זיין איינבילדונג, אַלץ מער גיהנום איז געוואָרן זייער צוזאַמענלעבן. — — — —

לאַזאַר איז נאָך אַלץ געזעסן אַן אויפגערעגטער און האָט צונויפגע־שאַרט די שטיקלעך פון דער פאָטאָגראַפיע אין איין קופּקעלע, וואָס האָט אים אויסגעוויזן ווי אַ קליין בערגעלע. דאָס בערגעלע איז ביסלעכוויין

אויסגעוואקסן פאַר זיינע אויגן אין אַ גרויסן באַרג, וואָס איז אוממעגלעך דורכן גאַנצן לעבן אַריבערצושפּאַנען. פון פאַרצווייפלונג האָט ער מיטן גאַנצן כוח אַ שטויס געטאָן דעם באַרג, וואָס שטעלט זיך אין וועג פון זיין לעבן. די שטיקלעך פון דער פאָטאָגראַפיע זיינען זיך צעפלויגן איבערן גאַנצן טיש. עס זיינען געלעגן שטיקלעך הענט, פיס און אויגן; שטיקלעך גלידער פון אַ צעריסענעם קערפּער. דער באַרג איז אָבער פאַרשוואונדן און ער האָט דערפילט אַ דערלייכטערונג. אפשר איז דאָס גאָר געווען אַן אומזיניקע איינרעדעניש און מען קען דעם וועג געפינען? פאַרוואָס זאָל ער פאַרביטערן זיך, זיין פרוי און קינד דאָס גאַנצע לעבן?

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּרייזן הין און צוריק, ווי ער וואָלט זוכן אַן אויסוועג. די רעשטלעך פון בילד דאַרף מען איז גאַנצן פאַרניכטן — האָט ער געטראַכט. — און עס וועט אַלץ פאַרגעסן ווערן. אָבער צי איז דען שולדיק דאָס בילדל, דאָס שטיקל פּאַפּיר? ווען ער וואָלט דעמאָלט, ביים געזעגענען זיך מיט ראָזען, זי געווען שטאַרק געקושט און צוגעדריקט צו זיין האַרץ — אפשר וואָלט ער זי דערנאָך פאַרגעסן. עס וואָלטן דעמאָלט איבערגעריסן געוואָרן די אייביקע נישט באַפרידיקטע, נישט געזעטיקטע פאַרלאַנגען צו איר און די בענקשאַפט וואָלט אפשר פאַרשוואונדן. וועט דען העלפן דאָס פאַרניכטן די שטיקלעך פאָטאָגראַפיע, די שאָטנס אויפן פּאַפּיר? וועט ער נאָך אַמאָל נישט ערגער דערמיט מאַכן? צי איז דען נישט דאָס גאַנצע לעבן אַ שטיק איינבילדונג פון זאַכן, וואָס עס דאַכט זיך, אַז אָן זיי טויג כלל נישט דאָס לעבן און ווען מען דערגרייכט זיי, זוכן מיר ווידער דאָס נישט דערגרייכבאַרע? אָבער ווי באַפרייט מען זיך פון איינבילדונג, ווען דאָס ליגט אין אונדזער בלוט. און מיטן פאַרניכטן די קעגנשטאַנדן, וואָס דערמאָנען אין די געגאַרטע זאַכן וועט דען געשטילט ווערן דער דורשט נאָך זיי?

לאַזאַר האָט דאָס אַלץ געטראַכט און נישט געקענט אַרויסקריכן פון דעם ווירבל, פון דעם פאַרכישופטן געדאַנקען־קרייז, אין וועלכן ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט. אויטאָמאַטיש איז ער צוגעגאַנגען צו אַ קליין אַלמערל, אַרויסגענומען אַ קליין פלעשעלע מיט גומי־קליי און אָוועקזעצנדיק זיך ביים טיש, האָט ער זאָרגפעליק צוזאַמענגעקלעפּט די שטיקלעך פון דער פאָטאָגראַפיע. ווען די אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט, האָט ער געקוקט אויפן בילד פון זיין יוגנט־געליבטע, ווי דער שטח פון יאָרן און גרויע האָר וואָלטן פאַרשוואונדן, און אַ צופרידנקייט איז אויסגעגאָסן געוואָרן

אויף זיין פנים. מיט א גליקלעכן שמייכל, ווי פון א יינגל א פארטראכטן, א טרוימער, וואס מאלט זיך אין דמיון זיין פאנטאסטיש וועלטל, האט ער געקוקט אויף ראזען און זי האט אים צוריקגעשמייכלט מיט קינדערשער מילדקייט.

דער חלום פון זיין יוגנט האט זיך פאר אים ווידער אנטפלעקט...

וואַגאַבונדן

(דערציילט פון אַ פריינד)

אין איינעם אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט בין איך געזעסן פּנים אל פּנים מיט אַ פריינד ביי אַ קליין טישל אין קאַפּע־הויז „על מונדאָ". צוויי ווייסע בעכערלעך שוואַרצע קאַווע זיינען געשטאַנען לעבן אונדז, ווי די איינציקע עדות פון אונדזער שמועס בלחש. די געדיכטע, אָנגע־רויכערטע און מיט זשום אויסגעמישטע לופט פון קאַפּע איז געשטאַנען ווי אַן אומדורינגלעכע, הערמעטישע וואַנט, וואָס האָט פאַרשטעלט אונ־דזערע ווערטער, זיי איינגעשלונגען און נישט דערלאָזט, זייער קלאַנג זאָל דערגיין צו אַ פרעמד אויער. די קעלט אינדרויסן האָט געמאַכט אָנגענעם די געדיכטע, וואַרעמע לופט, פון קאַפּע. ווען די אינטימקייט האָט אונדז אַלץ מער דורכגענומען, האָט מיין פריינד, וועלכער איז אַ פיינער דער־ציילער בעל־פּה, געזוכט אַ טעמע פאַר אַ לענגערע, באַלערנדיקע גע־שיכטע, אָדער „מעשה־שהיה", ווי ער רופט עס. און, ווי וואונדערלעך, די געלעגנהייט איז אונטערגעקומען, ווי זיין מזל, אָדער אינטואיציע וואָלט אים שטענדיק צוגעשפּילט.

אין קאַפּע, צווישן די טישלעך, האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ בעטלער־וואַגאַבונד. זיין אויסגעשטרעקטע האַנט האָט ער באַוועגט רונד אַרום יעדן טישל און עפּעס געמורמלט צו יעדן איינעם פון די געסט. די לייט האָבן געקוקט אין זייערע בעכערלעך קאַווע פאַרעקשנט, כדי נישט צו

באַגעגענען זיך מיט זיינע בליקן. ווען איינער האָט צופעליק אים אָנגע־קוקט, איז ער געבליבן שטיין מיט זיין אויסגעשטרעקטער דלאָניע יענעם אין פּנים, הכנעהדיק ווייטער אויסגעשעפּטשעט זיין פאַרלאַנג און גע־וואַרט. נאָר דער טישל־זיצער האָט דאַן גלייך צוריק אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן, זיי איינגעגראָבן נאָך טיפער אין זיין אויסגעליידיקטן בעכער און מיט אַ סאַרקאַסטיש זויערער מינע אים געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער קען שוין גיין ווייטער. קיינער האָט דעם בעטלער נישט נאָכגעקוקט, קיינער פון די געסט האָט אים נישט באַפרידיקט. איך בין אפשר געווען דער איינציקער, וואָס האָט דעם וואַגאַבונד אָבסערווירט, ביז ער איז צוגעקומען צו אונדזער טישל.

שטייענדיק אָנגעשפּאַרט מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנט ביים ראַנד פון אונדזער טישל, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט איצט צו הערן זיין פאַרלאַנג. מיט איראָניע, רחמנות און באַדויערונג, האָב איך געהערט ווי זיינע פאַרשמאַכטע, פאַרברענטע גראָבע ליפּן האָבן אויסגע־בעטלט טרוקן: שענקט מיר עפּעס אויף שנאַפּס. די הכנעה, וואָס איז געלעגן אין זיינע האַלב שכורע אויגן, האָט נישט באַווירקט זיין שטימע, וואָס האָט גאָרנישט געציטערט, ווי ס'וואָלט געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע, געוויינלעכע זאַך זיין געבעט. איך האָב אַביסל פאַרשעמט, און אפשר נאָכטוענדיק די איבעריקע קאַפע־געסט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אָבער מיט איבעראַשונג האָב איך מיינע בליקן באַלד אָנגעשטעלט אויף מיין פריינד, ווען איך האָב באַמערקט, אַז ער נעמט אַרויס געלט און גיט דעם וואַגאַבונד. די ערנסטקייט, וואָס איז געלעגן אויף מיין פריינדס פּנים, האָט נישט אַרויסגערופן קיין ספק, אַז ער ווייסט אויף וואָס ער גיט זיין געלט.

ווען דער בעטלער איז שוין געווען אין דרויסן, האָט מיין פריינד סאַראָקין פאַררויכערט און לאַנגזאַם, מיט אַ קלוגן שמייכל, אָנגעהויבן ריידן וועגן זיין אומפאַרשטענדלעכער טאַט:

„איך זע אין דיינע אויגן דעם פראַגע־צייכן, מיין ליבער יאָזעף. איך טו אפשר שלעכט מיט מיין געבן געלט איינעם אויף זיך אָנשכורן, נאָר איך טו דאָס שטענדיק נאָך יענער „מעשה שהיה". און די פּאַסירונג איז געווען אַזאַ:

אין אַ ווייטער פּראָווינץ־שטאָט פון דעם אַרגענטינער גרויסן לאַנד, וואו איך בין מיט אַ צייט צוריק געווען צוליב געשעפטלעכע ענינים, האָב איך איינעם אַ גוט באַקאַנטן מענטשן, וועלכער איז פאַרשוואונדן

פון דער היים מיט א סך יאָרן צוריק, געטראָפן אין א שרעקלעכן צו־שטאַנד און אים גלייך דערקענט לויט געוויסע שטריכן פון זיין געזיכט, וואָס האָבן זיך ביי אים נאָך איינגעהאַלטן נאָך א פּאָר צענדליק יאָרן פון וואַגאַבונדעווען. איך האָב געהאַט עטלעכע פרייע שעה, בין איך געווען נייגעריק צו באַקענען זיך מיט דער שטאָט און אירע איינוואוינער. איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער שיינע פּלעצער, גאַסן און געסלעך. ווען איך בין שוין געווען גוט מיד און דורשטיק, האָב איך געזוכט א פּלאַץ זיך אָפּצורוען. נישט ווייט פון דעם אָרט, וואו איך האָב זיך גע־פונען, האָט זיך א קלויסטער שפּיץ אַרויסגעהויבן איבער די נידעריקע שטיבער. א גלאָק האָט זיך מאָנאָטאָן צעקלונגען. דער קלאַנג האָט ווי גערופן אַלע מידע, פון דער ברענענדיקער זון פאַרשמאַכטע מענטשן, זיי זאָלן קומען אין שאָטן פון דעם קלויסטער זיך אָפּרוען, אָפּקילן... אַזא מאָדנער געדאַנק איז מיר אין קאָפּ געקומען. אפשר האָט מיך אינסטינקטיוו געצויגן אַהין נישט די שרעקלעכע היץ פון דעם זומער־טאָג, נאָר דאָס פאַרגעפיל, די וואונדערלעכע באַגעגעניש.

מיט מידע טריט בין איך צוגעקומען צו דעם קלויסטער און זיך דערפרייט, ווען איך האָב דערביי דערזען א פרעכטיקע „פּלאַסע" מיט שאָטן־ביימער, וואָס האָבן פאַרדעקט מיט זייערע געדיכטע צווייגן און בלעטער באַקוועמע הילצערנע בענק צום זיצן. איך בין געזעסן און געקוקט צום קלויסטער; אָבסערווירט די פרויען וואָס זיינען אַריינגע־קומען אין הייליקן הויז צום פאַרנאַכטיקן גאָטעס־דינסט. איך האָב אין רעיון זיך פאָרגעשטעלט די הייליקע קילקייט, וואָס רוט אין קלויסטער, און כאָטש איך בין נישט קיין פרומער און פון אַן אַנדערער רעליגיע, האָב איך חשק געהאַט אַריינצוגיין אינעווייניק. איך בין אָבער געווען שטאַרק דורשטיק, האָב איך זיך גענומען אַרומקוקן, צי ס'איז פאַראַן דערביי עפּעס א קאַפע, א שענק.

און אָט איז פּלוצלינג פאַר מיר אויסגעוואַקסן, ווי פון די ביימער אַראָפּגעפאַלן, אָדער פון הינטערן קלויסטער אַרויסגעשפּרונגען, א באַ־וואַקסענער, אָפּגעריסענער מאַן. ער האָט זיך פאַרנייגט, זיך געגריסט און געפרעגט, צי איך וואָלט אים וועלן איינלאַדן אויף עפּעס צו טרינ־קען... ווען די ערשטע איבעראַשונג איז ביי מיר אַריבער, האָב איך אים אָנגעקוקט מיט אויגן וואָס נישט זיי זיינען מסכים, נישט זיי זאָגן אָפּ. ער איז געשטאַנען, געקוקט מיט אויסגעלאָשענע אויגן מיר אין מויל אַריין, געוואַרט אויף אַן ענטפער. זיין באָרד גרוי, באַוואַקסן און

צעשפרייט איבערן גאנצן פנים, די האָר פון קאָפּ לאַנג נישט פאַרקעמט, די הענט נאַכלעסיק אַראָפּגעהאָנגען; די טיפע גזעיכטס־שטריכן, וואָס האָבן צעאַקערט זיין פנים, האָבן ווי אַראָפּגעשריען פון אים אַנטוישונג, פאַרלאָזנקייט, רעזיגנאַציע.

איך האָב אַלץ מער זיך איינגעגראָבן אין זיין געזיכט מיט מיינע אויגן און געדאַנק. פּלוצלינג איז פון מיין האַלדז, פון זיך אַליין ארויס דער אויסגעשריי: לואיס צ... (זיין פאַמיליע־נאָמען). ער האָט אויפגע־שוידערט, דערוואַכט פון זיין פאַרגליווערונג, זיך אויסגעדרייט און גע־נומען אַוועקגיין. איך האָב זיך באַלד אויפגעשטעלט, זיך אויסגעגליכט מיט אים און געשפּרייזט מיט אים באַנאַנד, איין וועג. ער האָט אָנגע־הויבן שפּרייזן שנעלער. איך נאָך אים. דאַן האָב איך זיך אָפּגערופן:

— איך צאָל אַ שנאַפּס, מירן גיין טרינקען. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיר אַנטקעגן. זיין פנים האָט ווי אויפגעשיינט. גלייך האָט ער מיך אָנ־געכאַפּט פאַר ביידע אַקסלען און געזאָגט:

— איך דאַנק אייך, סעניאָר. איך גיי מיט אייך עפּעס טרינקען. אָבער איך פאַרשווער אייך, אַז אונדזער באַגעגעניש וועט בלייבן בסוד. איך ווייס נישט, ווער איר זייט, נאָר ווי איך זע, ווייסט איר, ווער איך בין געווען...

און באמת האָב איך דעם לואיס צ... געקענט. ווען ער איז שוין געווען רייך און באַקאַנט, בין איך דאַן נאָך געווען אַ גרינער אומבאַ־קאַנטער מענטש. איך האָב געוואוינט נאָנט פון זיין געשעפט־הויז, אַ סך מאָל אים געזען, ביי אים געקויפט סחורה פאַר מיין געוועלבל. איך האָב געענטפערט:

— איך זאָג אייך צו. אַלץ וועט בלייבן אָפּגעווישט, ווי גאָרנישט זאָל האָבן פּאַסירט. איר קענט האָבן פולן צוטרוי, פאַרטרויען...

מיר זיינען אריין אין אַ שענק, זיך געזעצט אין אַ ווינקל ביי אַ טישל. ווייניק מענטשן זיינען אין דער שעה געווען אין שענק. די זון האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּזעצן. אַ ווינטל האָט אריינגעבלאָזן דורך דעם אָפענעם פענצטער. מיר האָבן ביידע געשוויגן.

די נייגעריקייט זיך צו דערוויסן אַלץ פון זיין לעבן; אויפדעקן נאָ־קעט זיין נשמה האָט מיך באַהערשט, ווייל מיט אריבער צוואַנציק יאָר צוריק, ווען ער איז פון זיין היים פאַרשוואונדן, איז דאָס געווען אַ סענ־סאַציע און מיסטעריע. פאַרשיידענע קלאַנגען, השערות, מיינונגען, האָבן זיך געטראָגן, איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, נאָר די אמתע סבה פון

זיין נשמה־צערודערונג, פון דעם שטורעם אין זיין רייך הויז, האָט קיי־נער נישט געוואוסט.

איך האָב אים אָנגעגאָסן איין גלעזל נאָכן צווייטן. ער האָט פּאַמע־לעך געטרונקען, און ביסלעכווייז געוואָרן אַלץ מונטערער. פּלוצלינג האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

— איר קענט מיר זאָגן, ווער איר זענט און פון וואַנען איר קענט מיך?

איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען און ווי אַזוי איך קען אים. (כאָטש אַזויפיל יאָרן זיינען פאַרביי, בין איך אַ מענטש, וואָס האָט די פעאיקייט בכלל, לויט דער פיזאָנאָמיע צו דערקענען אַ מענטש אפילו נאָך אַ סך יאָרן אים נישט זען). לואיס האָט זיך פאַרטראַכט; געקוקט דורכן אָפענעם פענצטער אין דער ווייטקייט, ווי ער וואָלט פון דאָרטן, פון ווייט, ווייט איבער אַ סך יאָרן פאַרגאַנגענע, איבער גרויסע שטרע־קעס, וואָס טיילן אים איצט אָפּ פון יענעם אָרט וואו ער האָט אַ היים געהאַט, געזוכט די דעראינערונג, די דערמאָנונג. ער האָט באַלד מיך ווידער אָנגעקוקט, געהיימניספול געשמייכלט מיט זיינע מרה־שחורה־דיקע אויגן, וועלכע האָבן איצט אָבער מער געגלאַנצט פון דעם שטאַרקן טרונק. צום סוף האָט ער זיך פאַרענטפערט:

— ליידער קען איך מיך נישט דערמאָנען. די שטימע אייערע קלינגט מיר אָבער באַקאַנט, ווי פון אַ פריינד... אַ לעבן־לאַנג ווי איך זוך אַ פריינד, אַ פריינד...

ער האָט ווידער זיך גענומען צום גלעזל. ער האָט ווייטער געשוויגן. איך אַנענדיק, אַז ער קריגט צו מיר צוטרוי, האָב אים האַרציק, ווייך געבעטן:

— דערציילט עפּעס פון אייער לעבן, דערציילט דאָן לואיס. איך וועל וויסן ווי צו האַלטן אַ סוד...

— נאַרישקייטן. נישט אינטערעסאַנט. די געשיכטע פון אַ סך נאַ־ראָנים... — האָט ער די ווערטער אַרויסגעזאָגט אָפּגעהאַקטע, כלאחר־יד. דאַן בין איך צוגעשטאַנען צו אים: — „ער וועט זיך אַביסל אַראָפּ־ריידן פון האַרצן פאַר אַן אמתן פריינד. ס׳וועט אים אפשר ווערן גרינגער אויף דער נשמה".

איך האָב אים זייער מיטגעפילט. אָבער דער ווילן צו הערן פון זיין מויל זיין לעבנס־דערציילונג, האָט מיך געמאַכט אומדיסקרעט, צו־דרינגלעך. איך האָב אַלע מיטלען גענוצט אים צו מאַכן זיך אַראָפּריידן

און אַלץ דערציילן. ער זאָל נישט פילן די צודרינגלעכקייט האָב איך געמאַכט לאַנגע פויזעס, אים געלאָזן רואיק טרינקען, גערעדט נאָר וועגן פריינדשאַפט און מיט אומעדולד געוואַרט.

ווען לואיס האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען אַ היפּשע צאָל גלעזלעך בראָנפן, זיינען פאַרשוואונדן פון זיין פאַרוויטיקטן פּנים די טיפע קנייטשן, נאָר איך האָב באַמערקט, ווי זיינע אויגן ווערן אַלץ מער אָנגעפילט מיט גלאַנציקע טרערן, וועלכע ער גיט יעדער ווײַלע אַ וויש אויס מיט דער דלאָניע פון זיין האַנט. איך האָב אים צוגעזען, ער זאָל עסן, טרינקען, רויכערן און געקוקט אויף אים מיט פּאַטערלעכע אויגן, כאָטש איך האָב מסתמא געקענט זיין זיינער אַ זון. מיט קיין רחמנות, מיטלייד אויסדרוקן, באַדויערונגס־געפילן, האָב איך אים נישט באַלעסטיקט. ער האָט זיכער געפילט מיין טאַקטישקייט. ער האָט מיך אויך, פון צייט צו צייט, אָנגעקוקט מיט גוטע, דאַנקבאַרע אויגן. אָבער, פונדעסטוועגן, האָט ער אַלץ געשוויגן.

איך מוז מודה זיין: זיין טיף שווייגן האָט מיך פאַרצווייפלט און נעוועקט אין מיר אַלץ מער די נייגעריקייט. איך האָב געטראַכט: דער מענטש מוז האָבן אין זיך מי־יודע וואָס פאַרא סודות, פאַרבאָרגענע געהיימענישן; אויסטערלישע סבות, וועלכע האָבן אים געטריבן צו אַזאַ פאַרצווייפלט, פאַרשפילט לעבן, אויף אַזאַ פאַרלאָרענעם דערנער וועג.

מיין פריינד סאַראָקין האָט שוועד אָפּגעזיפצט, ווי ער וואָלט איצט איבערגעלעבט יענע פאַרצווייפלונג, יענעם שווערן געראַנגל מיט דעם אַלטן וואַגאַבונד. ער האָט ווידער געזופט זיין קאַלט געוואָרענע קאַווע, פאַררויכערט און פאַרגעזעצט:

„ווען מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך האָב גאָרנישט דערגרייכט, שוין אינגאַנצן פאַרשפּילט, האָט דער אַלטער שכור־וואַגאַבונד, מיך פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, ליבער פריינד, מיין פרוי האָט איר געקענט?

— יאָ, טייערער, אַ סאַך מאָל זי געזען. געווען זייער אַ שיינע, סימפּאַטישע פרוי. — האָב איך גלייך געענטפערט. נאָך אַ ווײַלע שווייגן, זיך קווענקלען, האָב איך צוגעגעבן: — ס'איז געווען באַוואוסט, אַז אייער פרוי האָט דעמאָלט אויסעגעבן אַ סך געלט, אַ פאַרמעגן, אייך אַרומצוזוכן, אויסצוגעפינען...

— יאָ, איך ווייס דאָס, — זיינען ביים אַלטן די אויגן נאַס געוואָרן פון עמאָציע — ניין, ניין... האָט ער תוך כדי דבור דאָס געוואָלט פאַר־

באָרגן. ער האָט די אויגן צוגעמאַכט, מיט דער דלאָניע דאָס פּנים פאַרשטעלט, זיך געמאַכט, ווי ער דרעמלט פון דעם שטאַרקן שנאַפּס. באַלד האָט ער מיך אָבער אָנגעכאַפּט פאַרן אַקסל מיט דער לינקער האַנט, זיין רעכטע האַנט, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, האָט ער מיר אויסגעשטרעקט:

— שווערט מיר, אַז איר וועט, כּל־זמן איך לעב, מיין לעבנס־סוד נישט אַנטדעקן, וועל איך... — האָט לואיס נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. האָב איך פאַרשטאַנען: ער וויל מיר אַלץ דערציילן. איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, גלייך געשוואָרן, אַז אפילו אונדזער באַגעגעניש וועל איך האַלטן בסוד.

— איז ווי אַזוי דערציילסטו דאָס מיר אַלץ, מיין ליבער סאַראָקין?

— האָב איך זיך געוואונדערט.

— גאָר פּשוט: זייענדיק ווידער אַ מאָל אין יענער געגנט, האָב איך נאָכגעפאָרשט; זיך דערוואוסט פּאָזיטיוו פון מיינע באַקאַנטע קליענטן און פריינט, אַז ער לעבט שוין נישט. ער איז אין יענער פּראָווינץ געווען באַליבט, כאָטש אַ שלעפּער־וואַגאַבונד, צוליב זיין גוטסקייט. ער פלעגט זאַמלען ביי די קלויסטערס געלט; דאָס געלט צעטיילן קינדער, אָרימע פרויען. פאַר זיך פלעגט ער גאָרנישט איבערלאָזן. דערפאַר האָט אים תמיד קיינער נישט אָפּגעזאָגט מכבד צו זיין מיט אַ שנאַפּס און צורבייסן. אַזוי האָט ער געלעבט: אַ מאָדנער מענטש געווען. מען האָט אים דאָרטן, אין יענער געגנט, גערופן: „דער מלאך".

„...ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט לואיס דערציילט, פּרטימדיק פון זיין קינדהייט ביז זיין אַנטלויפן פון זיין איינעפּונדעוועט הויז און פאַמיליע. ער האָט דערציילט מיט אַ פאַרשטיקט קול, מיט אָפּגעהאַקטע פראַזן.. ער האָט זיך אַראָפּגערעדט. ווען ער האָט זיך נאָר דעצידירט האָט ער שוין זיך אויסגעליידיקט אינגאַנצן. איך וועל דיר בקצור, פון „דער געשיכטע פון אַ סך נאַראָנים", נאָר דעם קווינט־עסענץ איבערגעבן. — האָט סאַראָקין איצט שוין דערציילט אויף מיין פאַרלאַנג אַביסל שנעלער, ווי ער וואָלט פון אַ בוך געלעזן.

„ער איז געקומען קיין אַרגענטינע יונג, נאָך אַ יינגל, אַן אָרימער עמיגראַנט. מיט אַ סך יאָרן צוריק — נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — האָט ער אָנגעהויבן זיין ביטער עמיגראַנטן־לעבן. געטאָן כּל עבודת פּרך. געאַרבעט ביי שוואַרצער אַרבעט, אין פאַבריק, ביים פּאָרט. ער איז געווען שפּאָרזאַם, איינגעהאַלטן. ווען ער האָט געהאַט אַביסל

געלט אָפּגעשפּאָרט, און די אַרבעט ווי אַ שוואַרצער אַרבעטער האָט אים קראַנק געמאַכט, האָט ער זיך גענומען צו מסחר. ער האָט אַמבולאַנטע־ווײַט איבער די לאַנגע און ברייטע בוענאָס־איירעסער גאַסן. אַ מענטש אַ שטילער, אַ געדולדיקער, האָט ער געהאַט דערפֿאָלג. עס האָט אויסגע־זען, אַז עס שײַנט פֿאַר אים אַ שיינע, רייכע צוקונפֿט. נאָר דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט. ווי לואיס איז נאָר געזונט געוואָרן האָט ער דאָס פּעקל סחורה אַוועקגעשענקט אַן אָרימען חבר! און ער, לואיס, איז ווידער אַוועק אין פֿאַבריק. לואיס האָט דאָס געטאָן צוליב אידעאַליזם. אין יענער צײַט האָט ער פֿאַרקערט אין סאָציאַליסטישע קרייזן. ער האָט אַ סך געלייענט, געגאַנגען אין „פֿאָלקס־הויז" אויף די פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונגען, געלערנט מיט התמדה די סאָציאַליסטישע תורה פֿון די ביכער. בקיצור: ער איז געווען באַלעזן, אויפֿגעקלערט, באַוואוסטזי־ניק; הכּלל, אַ מענטש מיט אַ קוק אויפֿן לעבן און אַלע אירע דער־שײַנונגען, אַ מענטש אַ פֿיינע אידעאַלע פּערזענלעכקייט.

און לואיס איז געגאַנגען זײַן אייגענעם וועג. בטבע אַ גוטער, אַ פֿיינער כאַראַקטער, הויכער, שיינער מאַן, האָט ער געהאַט דערפֿאָלג ביים שיינעם מין. ער האָט זיך צופֿעליק באַקאַנט מיט איינער אַ מיידל בעטי, אַ ביורא מיידל, וועלכע האָט געאַרבעט נאָר צוליב צײַט־פֿאַר־טרייב. (זי איז געווען פֿון זײַנע סאָציאַליסטישע קרייזן, נאָר געשטאַמט פֿון זייער אַ רייך הויז). דאָס מיידל האָט זיך אין אים זייער שטאַרק פֿאַרליבט. ער האָט מיט דעם מיידל אַ סך פֿאַרבראַכט, געשמועסט, דיסקוטירט. צום סוף האָט ער אין אירע מאַנירן, האַלטונג און רייד, דערקענט אַ סך אומאויפֿריכטיקייט, פֿאַרשטעלטקייט, געמאַכטקייט; הכּלל, אַ פֿרוי ווי אַלע לײַכטע פֿרויען פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָס האָט אַרויפֿגעצויגן אויף זיך אַן אַנדער פֿעל, מי־יודע צוליב וואָס פֿאַר אַ סיבה. (אפֿשר טאַקע צוליב קענען פֿאַנגען לואיסן). ער האָט צוריק־געוויזן אירע ליבע־דערקלערונגען און איבערגעריסן מיט דעם מיידל אַלע באַציאונגען.

לואיס האָט אין יענער צײַט געאַרבעט ביים קאָנפֿעקציע פֿאַך. אין דעם טאַזשער האָבן געאַרבעט אַ סך פֿרויען. די מאַשינען האָבן גע־רוישט מיט זייערע עלעקטרישע מאָטאָרן. לואיס איז געשטאַנען ביי זײַן טיש אַלס צושנײַדער און געטראַכט וועגן סילוואַ. סילוואַ וואָס איז אָרים, אַרבעטסזאַם, באַשיידן, געפֿעלט אים. און ער איז טאַקע שטאַרק פֿאַרליבט אין דעם מיידל, אָבער זי בעטלט נישט ביי אים קיין

ליבע, ווי יענע ביורא־פריילין, זי איז שטאָלץ און צוריקגעהאַלטן. און פאַרקערט ווי לואיסן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז סילוואַס ליבע איז באַר אים אומדערגרייכבאַר, איז אים לייכט אָנגעקומען זי צו „נעמען". ווי אַ ציטיקע, זאַפטיקע פרי, האָט ער זי גרינג איינגעביסן.

און אָט ווי פּשוט, ווי ער האָט געשילדערט, איז דאָס פאָרגעקומען. איינמאָל אַרויסגייענדיק פון דער אַרבעט האָט לואיס זיך אָנגערופן צו סילוואַן:

— איך מעג אייך באַגלייטן אַ שטיקל וועג, סעניאָריטאַ ?

— אַ דאַנק. באַמית זיך נישט סעניאָר... — האָט סילוויאַ נאַאיוו אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס פאַר אַ נייס האָט איר עפּעס ?... — איז לואיס נישט אַוועק, נאָר צופרידן אונטערגעטאַנצט.

— גייט עס אייך אָן... ווי שטענדיק...

— אַזוי ? איז נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין. דאָס לעבן דאַרף גיין פאָרויס !...

— איר מענער זייט פּראָגרעסיוו. מיר זיינען אָפּגעשטאַנען...

— גראָד מיט אַ פרוי אַן „אָפּגעשטאַנענע", וואָלט איך חתונה געהאַט...

— זאָגט עס נישט... — איז סילוואַ געוואָרן רויט.

לואיס, וואָס איז געווען אַ באַוואוסטזיניקער, אויפגעקלערטער מענטש, האָט דאָך עפּעס ווי מורא געהאַט פאַר אַ פרוי, וואָס זאָל זיין צופיל פּראָגרעסיוו, ווייל עס איז אַריין אין דער מאָדע... ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם ביורא־מיידל, בעטי.

— איך האָב אייך ליב, סילוואַ. איך גלויב, אַז איר פילט דאָס שוין לאַנג. — האָט ער פּלוצלינג געזאָגט.

— אָבער איך בין נישט אַזאַ אָפּגעשטאַנענע ווי איר מיינט...

— דאָס וויים איך אויך... זייט איר מסכים מיט מיר חתונה צו האָבן ?...

— לואיס, איך האָב אייך אויך ליב. נאָר איך דאַרף פרעגן די מאַמען...

— בראַוואָ! דאָס געפעלט מיר זייער. גייען מיר גלייך צו דיין מאַמען...

ער האָט זיך פאַר דעם מיידל קאַוואַליריש פאַרנויגט. זי האָט זיך געפּאַכעט דאָס פּנים מיט אַ טיכל. און אַזוי איז דער שידוך געשלאָסן

געוואָרן. לואיס האָט געפּאָלגט זיינע געפילן. ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין געטין דאָס אָרימע, שיינע מיידל סילוואַ.

דאָס פּאָרפּאָלק, לואיס און סילוואַ, האָבן זיך געלעבט גליקלעך און צופרידן. זיי האָבן ביידע ווייטער געאַרבעט אין פאַבריק, ווי פריער. זיי האָבן זיך ליב געהאַט, און די צופרידנקייט האָט אויך פאַרמאָגט אַן אינהאַלט: זיי האָבן געגלויבט, אַז עס וועט קומען אַ בעסערע, שענערע וועלט פאַר אַלעמען. „נישט אין רייכקייט שטעקט דאָס גליק, — האָט שטענדיק לואיס צו זיין סילוואַן געטענהט. „דאָך, ווען מיר פאַרמאָגן אַן אייגן פאַבריקל, וואָלסטו עס נישט אַרויסגעוואָרפן"... — פלעגט סילוואַ ענטפערן איר מאַן אין שפּאַס. לואיס האָט זיך מיט זיין פרוי נישט געשפּאַרט, ווי עס פלעגט אַמאָל אין פאַריין טרעפן: אַלץ וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט פון איר מויל האָט אין זיינע אויערן געקלונגען ווי די שענסטע מוזיק. ער האָט זי פּשוט פאַרגעטערט.

די צייט איז געשוואומען ווי אַ שטיל וואַסער. ביים פּאָרפּאָלק האָט דאָס לעבן זיך נישט צעבראָכן, נישט צעשטורעמט, נאָר זיס געשטראָמט מיט זיין נאַטירלעכן גאַנג. סילוואַ האָט געבוירן אַ קינד, אַ יינגל. זיי האָבן אַריינגעשטעלט אַ וויגעלע פאַר דעם קינד. אין צימער איז געוואָרן ענגלעך (זייער וואוינונג איז באַשטאַנען פון איין צימער מיט אַ קיך) סילוואַ האָט אַרבעטן מער נישט געקענט גיין.

ויהי היום, איינמאָל אין אַ פאַרכמאַרעטן פרימאָרגן, ווען לואיס האָט זיך אויפגעכאַפּט, כדי זיך נישט צו פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט זיך גענומען איילן, נישט געוועזן קיין צייט אפילו עפּעס אין מויל צו נעמען, האָט סילוואַ שטיל, ווי פאַר זיך גערעדט: וואָס איז דער תכלית. איך קען צוליב דעם קינד נישט פאַרדינען. די וואוינונג איז צו קליין געוואָרן. באַלד וועט קומען נאָך אַ נפש... פאַרטראַכט זיך, לואיס...
— האָט זי שטאַרקער גענומען וויגן דאָס קינד.

לואיס האָט גענומען שפּרייזן הין און צוריק איבערן ענגן צימער, אומרואיק, צעטראָגן, ווי אַ שטורעם וואָלט זיך אין אים צעשפּילט. און ער האָט באַלד אָנגענומען אַ באַשלוס: ער וועט זיין ליבע סילוואַן פאָלגן. ער נעמט זיך צו מסחר, געשעפט. ער קען שוין די מלאכה...

— זאָל דיר גאָט געבן כוח. איך ווינטש דיר, טייערער, אַ סך הצלחה... — האָט צופרידן באַשטעטיקט סילוואַ.

— איך גלויב אין מיינע אייגענע כוחות, ליבע סילוואַ, איך בין

יונג, געזונט, האָב איך מיר צוטרויען, ווי איך אין דיר. צוליב דיר און אונדזער קינד וועל איך אַלץ טאָן. עס וועט זיין תכלית...

אויפן צווייטן טאָג איז שוין לואיס געזעסן אין באַן, וואָס האָט אים געטראָגן איבער די אַרגענטינער פּליינען, רחבותדיקע פעלדער, צו די ווייטע פּראָווינץ שטעט אין לאַנד. ער האָט געקוקט דורכן פענצטער פון וואַגאָן און געמאַכט פּראָפּיט קאַלקולאַציעס פאַר זיין קעשענע. ווייל אין בוענאָס־איירעס האָט ער זיך געשעמט צו „האַנדלען״, האָט ער בעסער אויסגעוויילט די פּראָווינץ און ער האָט זיך אין חשבון נישט גענאַרט.

לואיס האָט דורכגעשניטן דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט. ער האָט אין יעדן שטעטל, טשאַקרע, אומעטום באַהאַנגען די פרויען פון די איינגעבוירענע מיט קראַנצן „פּערל״. בלישטשענדיקע שפּילקעס, באַזעצט מיט „ברילִיאַנטן״, אוירינגלעך, פינגערלעך, בראַז־לעטן, פון ריינעם „גאָלד״. ער האָט די פרויען באַקליידט מיט פאַרביקע זאַכן פון יאַפּאַנישן „זייד״, די מענער פאַרקויפט שטאָפן פון „ענגלישע״ פאַבריקאַציע; אַלץ בחצי־חינם... די מענטשן פון די קאַמפּן זיינען געווען צופרידן און ער האָט זיך אומגעקערט מיט אַ פולן בוזים געלט צו זיין משפחה.

לואיס האָט אין דער הויפּט שטאָט געעפנט אַ גרויס הורט־געשעפט. ער האָט אויך ווייטער געדרייזט איבערן לאַנד, אומעטום געעפנט אָפּטיי־לונגען פון זיין הויפּט־הויז. ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ רייכער, זיינע געשעפטן אַלץ מער פאַרגרעסערט. ער האָט זיך אריינגעטאָן מיטן גאַנצן כוח און מוטיקייט פון אַ צופרידענעם יונגנמאַן אין דעם אין־סוף: אין דעם ווירבל־שטורעם פון אויפשטייג, אויפן זאַטל פון דעם עגל־הזהב. ווען ער האָט, טאַקע צוליב זיין סילוואַן, נאָר דערפילט דעם „טעם״ פון רייכקייט, געלט, איז שוין פאַר אים נישט געווען קיין אָפּ־האַלט.. ער איז געפאָרן, געפלויגן, אָן אַ סוף, אַליין אומעטום דורכפירן זיינע עסקים. און ווען זיין סילוואַ האָט אים געבוירן נאָך אַ קינד, אַ מיידל, האָט ער דאָס גאָר נישט באַמערקט...

סילוואַ, וואָס איז אַמאָל געקומען פון פּראָווינץ אַן אָרים קינד צו אַרבעטן אין אַ פאַבריק, איז איצט שוין געוואָרן אַ „גראַן מאַדאַם״. זי האָט זיך איינגעאָרדנט אַ לוקסוס וואוינונג. די שענסטע זייד פון פאַר־שיידענע קאָלירן האָט באַצירט די ווייכע שטולן און כאַפּעס; זשיראַנ־דעלן פון קריסטאַל האָבן באַשיינט און באַלויכטן די שיינע זאַלן פון איר הויז; די סאַלאָנען זיינען געוואָרן אויסגעשפּרייט מיט טערקישע

און כינעזישע טעפּיכער; די הויכע פענצטער באַהאַנגען מיט די טייערסטע קרעפּ־פּאַרהאַנגען; פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט די בעסטע קונסט־בילדער; סערוויזן פון קריסטאַל און זילבער־געפעס האָבן אַרויסגעבליש־טשעט פון די בופעט־קרעדענצן. לואיס האָט זיך געוואונדערט אויף דעם גוטן געשמאַק פון זיין סילוואַן און איז געווען צופרידן, גליקלעך.

סילוואַ, וואָס איז פריער געווען אַן אָרים, פּשוט מיידל, האָט זיך מיט דער צייט אַריינגעפּאַסט אין די רייכע סאַלאָנען. איר שיינקייט און חן האָבן אויך פאַרדעקט איר אָרימע בילדונג. די דערציאונג, וואָס זי האָט באַקומען אין איר היים, איז געווען אַן אויבערפלעכלעכע. ווען די אומ־שטענדן האָבן זיך געענדערט, האָט דער אינסטינקט אַלץ מער גענומען דאָמינירן איבער איר שכל. זי האָט אָנגעהויבן פירן אַ ברייט לעבן: אין דעם זין, ווי די פרויען, וואָס ווערן אין זייערע היימען צוגעגרייט צו זיין מער פרוי־ווייב, ווי פרוי־מוטער. זי האָט זיך גענומען יאָגן נאָך די שטאָטישע תענוגים, פאַרווייַלונגען, געזעלשאַפט פון לייַדיק־גייער, שפּילערייען; די קינדער איבערגעלאָזט אויף די הענט פון די דינסטן.

און עס האָט פּאַסירט, ווען לואיס איז איינמאָל צוריקגעקומען פון אַ נסיעה. ער איז געווען גליקלעך צו זען ווידער זיין פרוי און די צוויי „ברילייאַנטן", ווי ער האָט גערופן זיינע קינדער. (אַלץ וואָס ער האָט געטאָן פאַר סילוואַן, האָט זיך אים געדאַכט, איז ווייניק. ער האָט פאַר זיין פרוי און קינדער געבראַכט די שענסטע זאַכן, מתנות פון די רייזעס.) סילוואַ, ווי ער האָט באַמערקט, איז דאָס מאָל געווען נישט גוט געשטימט, צעטראָגן.

— וואָס איז דיר, מיין ליבע סילוואַ, ביסט נישט צופרידן?... אזוי לאַנג ווי מיר האָבן זיך נישט געזען...

— אָ, וואָס פעלט דיר איין, טייערער, „נישט צופרידן". איך וועל מיט דיר ביינאַכט ריידן...

ווען זיי זיינען געלעגן ביינאַכט אין בעט, האָט סילוואַ געזאָגט צו לואיסן שטיל, ווי אַ סוד:

— גענוג, מיין ליבער מאַן, מיר האָבן איין זון און איין טאָכטער. איצט דאַרפן מיר אַליין לעבן...

לואיס האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס מיינט: „אַליין לעבן". ער האָט גראָד ליב געהאַט קינדער. ער האָט געטראַכט, אַז סילוואַ וועט אים נאָך באַגליקן מיט אַ סך „ברילייאַנטן".

— ווי דו ווילסט, מיין ליב ווייב, איך האָב וועגן דעם נישט קיין

צייט צו טראַכטן... — האָט ער געענטפערט מיט אַ נאַרישן שמייכל פון אַ פאַרליבטן אין זיין שיין ווייבל — איך האָב בילעכערע געשעפטן... ער האָט באמת זיך נישט אומגעקוקט אויף אַזוינע נאַרישקייטן: שטוב־זאַכן, קינדער־דערציאונג. ער האָט קיין צייט פּשוט נישט געהאַט דערצו. ער האָט זיך פאַרלאָזן, אין די ענינים אויף זיין סילוואַ. (זי האָט בכלל אַלץ אויסעפּירט...).

די יאָרן זיינען געלאָפן, פאַרלאָפן לואיסן דעם וועג. די קינדער זיינען אויסגעוואַקסן. ער האָט געשאָטן מיט געלט: אויף בילדונג, שיינע קליידער, לוקסוס. ער האָט נישט געוואוסט פון קיין קאַרגן פאַר זיין הויז־געזינד. ווייל לואיס האָט ליב געהאַט זיין פרוי און קינדער, האָט ער גאַרנישט געזען, גאַרנישט באַמערקט... ער האָט געוואוסט איין זאַך: געלט מאַכן.

„איך האָב נישט געזען, וואָס הינטער מיינע פּלייצעס טוט זיך" — האָט לואיס מיט גרוים עגמת־נפש רעזיגנירט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האַלב שכור מיט פאַרמאַכטע אויגן ווייטער דערציילט. ער האָט מער נישט געטרונקען. ער האָט גערעדט ווי פאַר זיך.

„איינמאָל, ווען ער איז געווען אין אַ פּראָווינץ־שטאָט צוליב זיינע געשעפטן, האָט ער געטראָפן זיין אַמאָליקע באַקאַנטע, דאָס ביורא־מיידל, בעטי. זי האָט נאָך נישט חתונה געהאַט. אין דער שטאָט ביים ים־ברעג האָט זי „פאַרבראַכט אירע וואַקאַציעס". ווען זי האָט לואיסן דערזען, האָט אַ שטראָם בלוט באַפאַרבט איר פּנים. באַלד איז זי בלייך געוואָרן, נישט געקענט פאַר אויפרעגונג אויסריידן אַ וואָרט. (דאָס האָט פּאַסירט ביים אָוונט־ברויט אין אַ גרויסן האָטעל, וואו זיי זיינען ביידע „צופעליק" איינגעשטאַנען.) לואיס האָט זי באַגריסט מיט דער זעלבער היימישקייט, ווי אַמאָל. זיי זיינען אַמאָל געווען אין גאָר אינטימע באַציאונגען, זיי זיינען געווען אויף „דו". לואיס האָט געזאָגט אין שפּאַס:

— פאַרוואָס האָסטו זיך, בעטי, אַזוי דערשראָקן? איך בין דען אַזאַ שלעכטער?... קום, אויב דיר איז אָנגענעם, וועלן מיר שפּאַצירן אַביסל און שמועסן. — האָט לואיס זי איינגעלאַדן. אין דרויסן, שפּאַצירנדיק, האָט בעטי געזאָגט שטיל:

— יאָ, לואיס. צו מיר ביסטו זייער שלעכט געווען... און דיין מיינונג וועגן מיר איז געווען אַ טעותדיקע...

— אַנטשולדיק מיר, אויב איך האָב דיר ווי געטאָן... איבעריקנס זיינען דאָך שוין אַ סך יאָרן פאַרלאָפן...

— פאַר מיר זיינען די יאָרן נישט פאַרלאָפן... אַ גיהנום... איך האָב דיך אַזוי אויפריכטיק געליבט... — האָט בעטי מיט אַ ציטערדיקע שטימע גערעדט פון הארצן.

— אָבער, טייערע, גוטע בעטי, צו וואָס דערמאָנסטו דאָס... אין לעבן טרעפט זיך... פאַרפאַלן... — האָט לואיס זי געוואָלט באַרויקן, ווערנדיק גערירט פון אירע רייד.

— אין לעבן טרעפט זיך. יאָ, לואיס... אָבער דעם פאַטאַלן טעות, וואָס דו האָסט געמאַכט... מיין לעבן איז צעבראָכן... דיינס אויך...
— האָט בעטי קוים פאַרענדיקט דאָס וואָרט.

לואיס האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט. ער האָט אָבער מער גאָרנישט געפרעגט. „זי איז היסטעריש", האָט ער אַ קלער געטאָן. די יאָרן מאַכן די פרויען נישט קליגער... זיי זיינען שווייגנדיק צוריקגעגאַנגען.

ווען לואיס איז אריין אין האָטעל־צימער, האָט ער געפילט אַ שווערע מידקייט. ער האָט זיך גלייך געלייגט שלאָפן. ער איז געווען געוואוינט צו לייענען פאַרן שלאָף, נאָר דאָס מאָל האָט ער נישט געקענט. מטושטשע געדאַנקען וועגן זיין היים, וועגן בעטין האָבן אים גענומען מאַטערן, פייניקן. ווען ער איז קוים לייכט איינגעשלאָפן, האָט ער דערהערט אַ קלאַפּן אין זיין טיר. דרימלענדיק האָט זיך אים געדוכט, אַז ער הערט: עפן, לואיס, בעטי...

... בעטי איז געזעסן לעבן זיין בעט אין אַ שלאָף־ראָק האַלב צעשפּילעט, פון וועלכן עס האָבן זיך ארויסגעזען אירע שיין פאָרמירטע בריסטן, הויכער שלאַנקער האַלדז און אַנטבלויזטע רונדע אָרעמס. זי האָט עפּעס שטיל געמורמלט, ווי זי וואָלט געזאָגט אַ תפילה, אָדער גערעטן זיך ליבע... זי האָט זיך פּלוצלינג אָנגעבויגן און לואיסן ארומגעכאַפּט מיט די אָרעמס, אים גענומען קושן און האַלדזן.

— אָבער, בעטי, באַרואיק דיך... איך האָב דיר די טיר געעפנט... דו האָסט געוואָלט נאָר איין וואָרט...

— לואיס, ליבינקער, איך וויל מיט דיר די גאַנצע נאַכט זיין... איך ליב דיך... איך מוז... איך קען נישט מער... שווייג, שווייג...
— האָט זי מיט אירע בריסטן אים דאָס מויל פאַרשטעלט. לואיס האָט זיך מיט מי פון איר באַפרייט. ער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט און זי לייכט אָפּגעשטויסן, זאָגנדיק:

— איך בין אַ חתונה געהאַטער מאַן! קען איך דען פאַרראַטן מיין ליבע פרוי, זאָג אַליין, חברטע?...

— יאָ, דו קענסט! דו מעגסט... — האָט בעטי מיט צאָרן אויסגעשריען — זי פאַרראַט דיך אויך... ווייס דאָס!...

— וואָס פלאַפּלסטו, בעטי, מיין סילוואַ וועט מיך קיינמאָל נישט פאַרראַטן! פאַרלאָז גלייך דאָס צימער! דו באַליידיקסט מיך און מיין פרוי... אָ, איך האָב אין דיר קיין טעות נישט געהאַט!...

בעטי האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך צונויפגעשפּילעט דעם בוזעם, און מיט איינגעהאַלטענעם וויטיק צווישן די ציין געערדט:

— דו האָסט מיך, לואיס, שטענדיק אָפּגעשטויסן... איך בין דיר מוחל... נאָר זיי ווייסן, דו גרויסער, גוטער נאַר, אַז דיין סילוואַ פאַרראַט דיך! גיי און זע, וואָס ביי דיר אין דיין שטוב קומט פאָר אין די נעכט... גיי, און נעם פאַרן קאָלנער דעם סימאָן בעדני... וואַרף מיך אַרויס פון דיין צימער... יאָ, איך בין אַ קליינבירגערין, אַ פאַרשטעלטע, אַ ליגנערין... און דיין ליבע סילוואַ איז אַ מלאך... איך האָב דיין פרוי נאָכשפּיאָנירט, געווען אין אירע קרייזן, געזען, געהערט... איך קען זיי אַלע דאָרט... איך ווייס אויך וואָס פון דיינע קינדער וועט ווערן... זיי זעען וואָס די מאַמע איז... זיי זיינען שוין פאַרדאָרבן... שוויג, לואיס, שוויג... ווילסט אַ סקאַנדאַל דאָ אין מיטן דער נאַכט...

— האָט זי אים נישט געלאָזט אויסריידן אַ וואָרט. לואיס איז געוואָרן אויפגערעגט, זיך געריסן די האָר, פאַרשטאָפּט די אויערן, נאָר בעטי האָט ווייטער גערעדט, ווי אַ קוואַל פון שנאה און נקמה וואָלט אין איר זיך געעפנט:

— איך בין דאָ אין דער שטאָט נישט צופעליק... דאָס מאָל האָב איך דיך גענאַרט... זיי ווייסן, אַז איך האָב דיר דאָס אַלץ אנטדעקט נישט צוליב שנאה... איך בין דיר אַ פריינד... דו וועסט מיך נאָך אין דיין לעבן דערמאָנען! עס וועט שוין אָבער זיין צו שפּעט!...

לואיס האָט זיך מער נישט געקענט באַהערשן און אויסגעשריען: אַרויס, אַרויס! זי האָט נאָך איין בליק געוואָרפן צו אים, מיט באַדויערן אַ שאָקל געטאָן איר צעשויבערטן קאָפּ און פאַרלאָזן דאָס צימער.

לואיס איז אין זעלבן טאָג געפאָרן צוריק אַהיים. ער איז געזעסן אין באַן־וואַגאָן און „געטענהט" צו סילוואַן: „צי דען סילוואַ האָסטו שוין פאַרגעסן דאָס גוטס, וואָס איך האָב געטאָן צו דיר? און אונדזער ליבע, געטריישאַפט, פאַמיליען־גליק, וואו איז פאַרשוואונדן?" „דיר דוכט

זיך נאָר אויס, דו ביסט אומזיסט מיך חושד, מיין ליבער לואיס, האָט זי „געענטפערט", אונדזער ליבע איז אייביק, קיינער וועט זי נישט אוועקרויבן"... „און אונדזערע קינדערלעך, זאָלן לעבן, ווי דערציסטו זיי? איך בין דאָך א פּאַרנומענער, א פּאַריאַגטער"... אויף דעם קיין תשובה קען ער פאר זיין פרוי נישט אויסטראַכטן... ער האָט געווויסנסביסן. אים טוט וויי. צום סוף „ענטפערט" זי: „קוק זיך אום אויף זיי, דיך וועלן זיי בעסער פאָלגן... דו ביסט דאָך א פאָטער... און דו פאָרסט אוועק — לאָזט איבער דאָס הויז אויף הפקר"...

אין באַן איז געווען פריילעך. א בחור האָט געשפּילט אויף א פידל. קינדער האָבן געטאַנצט, געלאַכט, חוזק געמאַכט. דער שפּילער האָט דערנאָך מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט געזאַמלט נדבות. ער האָט זיך צוגעקוקט צום יונג מיטן בלייכן פּנים: ער איז געווען בלינד. לואיס איז געווען אויפגערעגט. „אזוי פיל בלינדע זיינען פאַראַן אויף דער וועלט!" — האָט ער אויסגעשריען אויף א קול. אַלע האָבן זיך אויף אים אומגעקוקט. באַלד זיינען א סך קינדער און דערוואַקסענע געשטאַנען אַרום אים. אייניקע האָבן אים אַנגעקוקט פאַרוואונדערט, אַנדערע האָבן געמיינט, אַז ער וויל קיין נדבה נישט געבן. „ס'איז מסתמא א משוגענער". — איז געוואָרן א מורמלעריי צווישן די פּאַסאַזשירן אויף די בענק זיצנדיקע. לואיס איז געוואָרן רויט, פאַרשעמט און צעטומלט. ער האָט געקוקט מיט שטאַרע אויגן אויף דעם עולם, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, געוואָלט עפּעס זאָגן, זיי זאָלן פאַרשטיין, אַז ער איז נישט משוגע, נאָר נישט געפונען קיין ווערטער. דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ, צום בלינדן זיך דערנענטערט און אים דערלאַנגט א צען פּעזעדיקן באַנקנאָט. ער האָט דערביי צו אים געזאָגט:

— דיר איז שלעכט, מיין זון, וואָס דו זעסט נישט די וועלט, דו ליידסט און פאַרשאַפסט תענוג אַנדערע מיט דיין שפּילן. מיר זעעוודיקע ליידן אויך. מיר זיינען אמאָל די בלינדע מקנא...

דער בלינדער האָט אים געדאַנקט און מאָדנע, אָן ווערטער, געשמייכלט מרה־שחורהדיק. די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו דער סצענע, האָבן שוין אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען לואיסן: נישט געוואוסט וואָס צו טאָן: זאָלן זיי לאַכן אָדער וויינען? אַלע זיינען געוואָרן ערנסט. יעדערער האָט צוריק פאַרנומען זיין פּלאַץ.

דער צוג איז געלאָפן פייל פון בויגן, ווי א ווינט, א שטורעם, וואָלט אים געטראָגן. וואָס מער דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו בוענאָס־

איירעס, אַלץ אומרואיקער איז לואיס געוואָרן. עפּעס אַן אומבאַוואוסטע, אומדערקלערלעכע שרעק האָט ער דערשפּירט. ער האָט געוואָלט, אַז די באַן זאָל גיין לאַנגזאַמער און זאָל נישט אָנקומען צו דער באַשטימטער שעה, פּונקט צוויי אַזייגער פּאַרטאָג, אויפן וואָקזאַל. „אַך, צו וואָס האָט ער איבערגעריסן אינמיטן די רייזע? און ווי קען מען קומען אין מיטן נאַכט, פריער נישט מעלדנדיק אַהיים?"

דער צוג איז אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל פּונקט צוויי. לואיס, אַ מידער, אָן חשק, איז מיט וואַקלדיקע טריט, ווי ביי אַ שכורן, אַפּגעשטיגן פון באַן. ער האָט זיך אַ היפּשע ווײַלע אומאַנטשלאָסן אַרומגעדרייט איבערן וואָקזאַל. זיין וואוינונג איז געווען נישט ווייט פון וואָקזאַל, אין צענטער פון דער שטאָט. ער פּלעגט שטענדיק, קומענדיק פון אונטער־וועגנס, מיט פּעקלעך מתנות פאַר זיין משפּחה, נעמען אַ „טאַקסי". היינט, ווייסט ער אַליין נישט פאַרוואָס, איז ער געקומען מיט ליידיקע הענט. (זיך צופיל געאײַלט, געיאָגט.)

ער איז אַרוים אויף דער גאַס מיט דעם געדאַנק ערגעץ גיין איבער־שלאָפן די נאַכט אין אַ האָטעל, כדי נישט אַריינצופאַלן אַזוי צערודערט, אומגעריכט, ווי עפּעס אַ צרה וואָלט אים געטראָפן, שפּעט אין דער נאַכט צו זיין ווייב און קינדער. און אַזוי טראַכטנדיק, איז ער געגאַנגען פּאַוואָליע, ביסלעכווייז, ווי ער וואָלט שפּאַצירט איבער די פאַרשלאָפענע, פּוסטע גאַסן, וואָס האָבן אים געפירט צו זיין וואוינונג. אָט, באַלד, ער זעט שוין פונוויטן, באַלויכטן פון דעם נאַכט־לאַמטערן, דאָס הויז, דער־נאָך גלייך די פענסטער מיט די מאַרפּיל פאָרהאַנגען, פון זיין אויבערשטן שטאָק. ער האָט אַ ציטער געטון, אַ שווידער־אויף מיטן גאַנצן גוף. תיכף האָט ער זיך אומגעדרייט, אַוועקגעשניטן מיט אַן אַנדערער דער־בייאיקער גאַס. ער האָט זיך, אין אַ ווײַלע אַרום, אין אַ פינסטערן ראָג אַפּגעשטעלט.

„וואָס פאַר אַ משוגעת קריכט אים אין קאָפּ, וואָס פאַר אַ טייוול זיצט אין אים, צערודערט זיין געמיט, מאַכט אים קראַנק?" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. און גלייך האָט אַן אומבאַוואוסטער כוח, ראַפּטאָס, אים אַ שלעפּ געטאָן פון זיין פּלאַץ. ווי געצויגן פון עפּעס אַ כשוף־מאַג־נעט, נישט קענענדיק זיך באַהערשן, איז ער געלאָפן אויף די שטיגן פון זיין הויז אַזוי שטיל, לייכט, ביז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פּערזאָן, וואָס איז אים געקומען אַנטקעגן. די פּערזאָן האָט שנעל אַראָפּגענידערט, ווי אַ שאָטן דורכגעלאָפן. „ווער איז דאָס?" — האָט לואיס אַ געשריי

געטאָן פאַר שרעק. ער האָט נישט געהערט קיין ענטפער. א לייכטער צוקלאַפּ פון דער גאַס טיר, וואָס ער האָט נישט צוגעשלאָסן, האָט אים פון דער שרעק און צעמישונג צום זינען צוריקגעבראַכט. א מאָמענט איז ער געשטאַנען אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט עפּעס איבערגעטראַכט. באַלד האָט ער זיך אָן דעם אָנלען אָנגעכאַפּט און גענומען ארויפשטייגן ווייטער.

ווען ער איז פון פאָדער־צימער אין דעם אויפנאַם־סאַלאָן פון זיין דויז אריינגעקומען, האָט א שטאַרקער גערוך פון בראָנפן, אויסגעמישט מיטן ריח פון טאַבאַק־רויך, אים פאַרכאַפּט, דעם אָטעם פאַרשטיקט. ער האָט די ליכט אָנגעצונדן. א שרעקלעכע אומאָרדענונג, האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט. קיין שטוב־זאַך איז נישט געשטאַנען אויף זיין פּלאַץ. אויפן טיש, האַלב פאַרדעקט מיט דעם טישטוך, — די צווייטע העלפט האָט זיך געשלעפּט אויפן דיל — זיינען געווען אין אומאָרדענונג צע־וואָרפן גלעזער און גלעזלעך, איבערגעקערטע, אויסגעגאָסענע, מיט רעשט־קעס פון רינענדיקע ליקאָרן און אַנדערע געטראַנקען. שטיקלעך פון זיסע געבעקסן, סאַנדוויטשן, זויערע פרוכטן, צוזאַמענגעפלאָכטן מיט שנויצ־לעך פון ציגאַרעטן, ציגאַרן, פּאַפּירן. אַלץ איז געווען צונויפגעקנאָדערט און צוגעקלעפּט צום אויסגעגאָסענעם ליקאָר. איין אייגציקער „מלך", א קאָרט, וואָס איז געלעגן אויפן דיל, ערנסט און סודותדיק געוואונקען צו לואיסן, האָט עדות געזאָגט וועגן דער „שמחה" פון דער נאַכט און אַלע נעכט אין זיין שטוב.

איז דען אָבער געווען ביי דער לחיים־אונטערהאַלטונג נאָר איין מענטש? און ווער איז דער מאַן, וואָס איז אזוי מיסטעריעז אראָפּגע־לאָפן פון די שטיגן אזוי שפּעט פאַרטאָג? און פאַרוואָס האָט ער אים נישט נאָכגעיאָגט, צו זען ווער דאָס איז, פאַרפירן מיט אים א קריג, צעברעכן די ביינער, אָדער לאָזן ארעסטירן, ווי אַן אויסוואורף, א גנב? די געדאַנקען זיינען אים אין מוח געקומען, ווען ער איז א ביסל צו זיך געקומען, פון אויפרעגונג און איבעראַשונג, מיטן לינקן עלנבויגן אָנגע־שפּאַרט אָן א וואַנט, מיטן רייזע־טאַש אין דער רעכטער האַנט און קוקנ־דיק אויף דעם חורבן פון זיין הויז.

דער זייגער האָט געשלאָגן פינף. ער האָט אויפגעשווידערט, זיך אויפגעוועקט פון זיין צעחושטקייט; געקוקט אויפן זייגער, נישט באַ־נעמענדיק דאָס רעטעניש: פאַרוואָס האָט ביי אים גענומען אזויפיל צייט דאָס קומען פון וואָקזאַל.

לואיס איז שטיל אין זיין שלאָף־צימער אריין. אויף די שפּיץ פינ־גער האָט ער צו זיין נאַכט־טישל זיך דערנענטערט און דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפּל אָנגעצונדן. סילוואַ איז געלעגן אין ברייטן בעט אינ־דערמיט מיטן פּנים ארויף מיט אירע געשניצטע, נאַקעטע אָרעמס, ארי־בערגעוואָרפן רונד דעם קאָפּ, ווי אַ קראַנץ, און געשמאַק געשלאָפן. דאָס ליכט איז געפאַלן אויף איר געזיכט. אַ מאַטע שיין האָט באַלויכטן אַ זיסן שמייכל, וואָס האָט געשפּילט אין די ווינקלען פון איר מויל, ווי נאָך אַ צופרידענער איבערלעבונג, וואָלט אַ זיסער טרוים אין איר זיך געוועבט. זי איז געשלאָפן רואיק, טיף, גאָרנישט געהערט. דאָס ליכט האָט איבער איר שיין פּנים געמיניעט. זי איז געווען אין דעם מאָמענט שענער ווי תמיד. (זי האָט אין זיינע אויגן איצט אויסגעזען ווי מלאך און טייפל צוזאַמען.) אין זיין חשד איז נאָך געווען אַ פאַרבאָרגענער צווייפל. ער האָט זיך דערמאָנט: אָט איז זי לעצטנס אַ צייט פון שטוב נישט אַרויס. אָט, דערמאָנט ער זיך אַ מאָמענט, ווי זי גייט אַרום פאַר־טראַכט, ווי עפּעס אַן ענדערונג פון אַ געפיל וואָלט זי געפּייניקט. ער האָט דעמאָלט באַשלאָסן מער נישט צו רייזן — ביז די פאַרשאָלטענע געשעפטן האָבן אים געצוואונגען אויף אַ שטיקל צייט דאָס הויז ווידער צו פאַרלאָזן.

לואיס האָט זיין בליק, אַלץ מער אריינגעשטאָכן אין איר געזיכט, ווי ער וואָלט זי געפאָרשט, כדי עפּעס אַ באַשלוס אָנצונעמען. וואָס מער ער האָט זי באַטראַכט, אַלץ מער איז אין שיין פון ליכט געשטיגן איר רייץ. און דאַן איז אים באַפאַלן, פּלוצלינג, אַ שרעקלעכער גרימצאָרן, אַן אומדערטרעגלעכער פאַרדרוס: כעס און אייפערזוכט האָבן זיך אין אים צעפלאַקערט. ער האָט געטראַכט, ווי אַ מאַשין אָן לאָגיק, אָן שכל. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם כוח, וואָס איז באַלד געווען פעאיק אָפּצוטאָן דאָס ערגסטע פאַרברעכן... — — —

און פּלוצלינג האָט סילוואַ זיך גענומען וועקן, באַוועגן לייכט דאָס געזיכט, די ברעמען; באַלד, באַלד, עפנט זי די אויגן. ער האָט שנעל אויסגעלאָשן דאָס ליכט. אַ ווייַלע איז געווען שטיל. ער האָט איינגע־האַלטן דעם אָטעם. נאָר אָט דערהערט ער קלאָר, ווי זי מורמלט שטיל, זיס: סימאָן, ליבער, נאָך נישט אַוועק... מאָרגן קום... אַליין... די פערלדיקע ווערטער פון אירע ליפּן האָבן לואיסן ווי מיט שפּיזן דורכ־געלעכערט זיין קערפּער. זיין האַרץ איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. ער האָט זיך קוים באַהערשט.

— יאָ, סימאָן איז אוועק... אויף די טרעפּ אים באַגעגנט... — האָט לואיס מיט אַ ציטערדיקער שטים קוים די פּאָר ווערטער אַרויסגעבראַכט און מיט די ציין פּאַרקריצט.

— אַ, ווער? דו, לואיס? אינמיטן נאַכט... פּלוצלינג... — האָט זיך דערהערט אַ באַוועגונג אין בעט, ווי איינער וואָס נעמט זיך אויסטשוכען פון שלאָף. זי האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט. נאָר איידער זי האָט צייט געהאַט ליכטיק צו מאַכן, זען זיין פּנים, האָט לואיס שטיל צוריק פון שלאָף־צימער זיך אַרויסגעשאַרט. ער איז שנעל אין אויפנאַם־צימער אַריין, גענומען זיין רייזע־טאַש און איז פון די שטיגן אַראָפּ. ער האָט קיין זאַך נישט מיטגענומען פון זיין הויז. ער האָט נאָר, אַרויסגייענדיק, די גאַס־טיר צוגעשלאָסן און פון איילעניש די שליסעלעך אין זיין קעשענע צוריק באַהאַלטן. ער איז מיט גיכע טריט, ווי אימעצער וואָלט אים געיאָגט אוועקגעשפּאַנט מיט אַ זייטיקער גאַס צום זעלביקן וואָקזאַל, וואָס האָט אים נישט לאַנג אַהערגעבראַכט. לואיס האָט זיך אויף שטענדיק אָפּגעזאָגט, פרייוויליק, מיט זיין אייגענעם ווילן, פון זיין גאַנצן פאַרמעגן.

„איך וואַגאַבונדעווע. איך פּייניק מיך, — האָט לואיס געעפנט זיינע אויגן, מיך אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך וועלן מיט מיר שוין געזעגענען — אָבער איך וויל דערמיט נישט נעמען קיין נקמה פון מיין הויז־געזינד. ניין. איך וויל נקמה נעמען פון זיך אַליין: באַשטראָפן מיין אייגענעם גוף און נשמה פאַר דאָס אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט צוליב מיין אייגענער שולד"...

ער האָט אויסגעטרונקען נאָך איין גלעזל און צוגעגעבן: „דאָס האַלט מיך אויף: דער ביטערער טראָפּן איז מיין ווייב, קינד און פריינד"...

סאַראַקין האָט פאַרענדיקט זיין מעשה־שהיה אַזוי צו זאָגן:

— פון דעמאָלט אָן, אַז איינער אַ וואַגאַבונד, אַ שלעפּער, אַ בעטלער, בעט מיך געלט אויף אַ „טרונק" — דערמאָן איך מיך גלייך אָן לואיסן. און ווי קען מען אַזאַ זאַך איינעם, אָן אומגליקלעכן, אָפּזאָגן?...

אַן אומשטערבלעכער שמייכל

נאָך שטאַרקער ווי דער ברענענדיקער פראָסט, האָבן געפלאַקערט די נקמה־געפילן אין די הערצער פון די יידן אין דער געטאָ פון דער שטאָט ג. זיי האָבן זיך אָבער ביסלעכווייז געלאָשן אונטער דעם פאַרצערנדיקן הונגער אין די פאַרפייניקטע גופים און געמיטער, לאָזנדיק זיי רעזיג־נירטע און מוטלאָזע. א גישט אויסגעלאָשענער פונק האָט נאָך אָבער געטליעט אין דער טיפעניש פון די פאַרשעמטע, באַליידיקטע, פון גאָט און מענטש פאַרגעסענע און פאַרוואָרלאָזטע יידישע נשמות.

האָט דאָס נקמה־געפיל פון צייט צו צייט אויפגעטויכט און ביז פאַרלענדונג זיך צעכוואַליעט. אין אַזוינע מאָמענטן איז מען גרייט געווען צו גיין מיט די בלויזע הענט אין קאַמף, דערווערגן די פייניקער און זיך אליין — „תמות נפשי עם פלישתים!" אַזוי היילין דעם יידישן נאָמען, זיך מקריב זיין און שטאַרבן ווי א מאַרטירער פאַרן יידישן פאָלק.

די אויפזועער און נאַצישע פייניקער האָבן גוט געזען און געלייענט אין זייערע אויגן דעם פאַרבאָרגענעם געדאַנק און דערפאַר נאָך מער געשלאָגן און געשאָלטן, געפייניקט מיט שווערער אַרבעט פון זון־אויפ־גאַנג ביז שפּעט אין דער נאַכט. געפאַלן פון די כוחות און לעבעדיק באַגראָבן געוואָרן זיינען פון אָנהייב איינצלנע, דערנאָך צענדליקער און הונדערטער. דער הויפּט פון דער געטאָ, דער דייטש האַנס טייפל, איז קיינמאָל נישט געווען צופרידן מיט די רעזולטאַטן. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער, שמייכנדיק אין דער לופט מיט זיין „כליסטיק", פרעגן ביי זיין שטעלפאַרטרעטער, דעם ברוטאַלן שלעגער, דעם נאַצי מיטן רויטן פּרצוף:

— פריץ, וויפל זיינען געפאַלן נעכטן ביי דער ארבעט פון די פאַרפלוכטע יודן?

— צוויי און דרייסיק, פאַרשטונקענע פוילישע יודן, הער הויפטמאַן

— איז געווען דער ענטפער.

— ס'איז ווייניק! גיב זיי ווייניקער צו פרעסן און מער צו ארבעטן. דו פאַרשטייסט? די פאַרניכטונג מוז צוגיין שנעלער. דאָס איז דער באַפעל פון פירער זעלבסט — ברומט ער אויס מיט א הייזעריק־פאַרזשאַווערטער שטימע.

— יאַוואָל, שעף. אייער באַפעל וועט פינקטלעך אויסגעפירט ווערן

— ענטפערט דער שטעלפאַרטרעטער צוקלאַפּנדיק מיט די שטיוול.

האַנס, דער פאַרוואַלטער פון געטאָ, פאַרטראַכט זיך א ווײַלע. מאַכטלאָז פאַלט אים אַרונטער די האַנט, און וועלכער ער האַלט די רוט, ווי מאַכטלאָז ער איז קעגן באַשקען, דער שיינער געטאָ־טאָכטער, מיט די ברענענדיקע פײַנטלעכע אויגן, וואָס קוקן אויף אים מיט נקמה־דורשט. באַשקען קען ער פאַרניכטן ווי אַלע יידן. ער גלוסט אָבער שטאַרק צו איר. ער קען זי ברענגען אין די נעכט צו זיך אויף כוח, נאָר ס'וואָלט זיך וועלן בעסער נעמען זי מיט גוטן... זוכט ער, האַנס, פּלענער ווי זי צו באַצווינגען, ווייך מאַכן איר האַרץ און ווילן. איין שמייכל ביי איר כאָטש אַרויסקריגן, צעשמעלצן דאָס אייז פון איר האַרץ. און פאַרוואָס זאָל ער זי נעמען ברוטאַל? ס'איז דאָך נישט מענטשלעך... ביי חיות און בהמות קען דאָס אזוי געשען. האַנס טײַפל איז א ציוויליזירטער מענטש... „האַנס — רעדט ער צו זיך אַליין — זי דאַרף זיך אַליין וואַרפן אין דײַנע אָרעמס, מיטן אייגענעם גוטן ווילן. ס'וועט זיין בעסער, אָנגענעמער”... ביי האַנסן האָבן זיך אויפגעוועקט זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער שעמט זיך גאָרנישט צו דערמאָנען זיי: ער איז אַמאָל געווען א סאָציאַליסט... געווען מאָדנע צייטן. איצט איז ער אן איבערצייגטער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט. ווי אזוי איז דאָס געשען? נו, וועגן דעם בעסער נישט טראַכטן. פאַטריאָטיזם, פאָטערלאַנד, ראַטעווען דאָס פאָלק דורך פאַרניכטן די יידן — דאָס אַלץ זיינען גרויסע אידייען. דער פירער האָט עס קלאָר פאָרמולירט. הייל היטלער! אָבער אַמאָל דאַרף מען אָננעמען אָמתע כאָציאַליסטישע מעטאָדן און אפילו ריין קריסטלעכע מעטאָדן... בנוגע א פרוי. מיט גוטן, מיט ליבע און גוטסקייט וועט איר האַרץ ווייך ווערן און זי וועט דיר אַריינפאַלן אין די אָרעמס...

ער האָט אַרויסגעגעבן א באַפעל:

— פריץ, אַט דער באַשקען זאָלסטו אַרויסגעבן אַ טאָפּל־פּאָרציע שפּייז, גרינגע אַרבעט און גוטע באַהאַנדלונג. זי דאַרף עס מערקן און פילן, אַז דער באַפעל קומט דירעקט פון הויפּט־פאַרוואַלטער, פאַרשטאַנען?

— יאַוואָהל, הויפּטמאַן, צו אייער באַפעל!

האַנס איז אַוועק אַ באַרואיקטער. זיין „סאָציאַליסטישער געוויסן", וואָס האָט זיך אַריינגעמישט אין זיין ליבע און גלוסטונג צו באַשקען, האָט אים תחילת שיר נישט משוגע געמאַכט. אין זיין מוח האָט זיך אַלץ צונויפגעפּלאָנטערט. זיין שרעקלעכע פאַרגאַנגענהייט, צוליב זיין סאַדיסטישער נייגונג, פאַר וועלכער ער איז אַמאָל אויסגעשלאָסן געוואָרן פון זיין פּאַרטיי, זיינע אַנאָרמאַלע עראָטישע פאַרברעכנס, וואָס האָבן אים דערפירט צו ווערן אַ תלין און פייניקער פון אומשולדיקע מענטשן — דאָס אַלץ איז איצט מיט אַמאָל פאַרגעסן געוואָרן. אַז צוליב דער גוטסקייט, וואָס ער וועט אַרויסווייזן באַשקען — דאָס שענסטע מיידל פון געטאָ — וועט זי אַריינפאַלן אין זיין נעץ, דאָס האָט אים שטאַרק געשמייכלט. זיין איצטיקע פּאַרטיי, די נאַציִשע, וואָלט אים זיכער נישט אויסגעשלאָסן פאַר „עראָטישע מעשים". דאָרט פאַרגוואַלטיקן עפּעס אַ יידישקע און זי דערנאָך דערמאָרדן אַפילו, איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג, אַ טאָג־טעגלעכע פּראַקטיק ביי זיינע לייט. נאָר ער, האַנס, וויל באַשקען אויף אַן אמת. ער וואָלט אַפילו מיט איר חתונה געהאַט, ווען די פּאַרטיי דערלויבט עס אים. טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער געמאָסטן זיינע טריט אַ זיכערער אין זיין דערפּאָלג, אויפן וועג צו זיין רעזידענץ.

דער רויטער פריץ, שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־תלין, האַנס טייפל, האָט נאָכגעוואָרפן אַ פאַרשייטן בליק אויף זיין שעף. אַ פאַרבאָרגענע צופרידנקייט האָט אים באַהערשט. זאָל ער זיך פאַרפּלאָנטערן, דער האַנס, אין אַ ליבע־אַוואַנטורע מיט דער באַשקען און ער וועט פון אים פּטור ווערן. דעמאָלט וועט ער פאַרנעמען זיין פּלאַץ און וועט ווערן הויפּט־פאַרוואַלטער. ער האָט שוין ביי די יידן אַרויסגעקריגן דאָס לעצטע ביסל צירונג און געלט, נאָר ער גלויבט, אַז די יידן האָבן נאָך אַ סך פאַרבאָרגענע אוצרות, און ווען נישט דער הויפּט־פאַרוואַלטער, וואָס ער מוז אויספירן זיינע באַפעלן, וואָס שנעלער, זיי צו פאַרניכטן, וואָלט ער נאָך אויף דעם געביט אַ סך אויפגעטאָן. פריץ האָט שוין אויך לאַנג געוואָרפן זיין בליק אויף באַשקען. ער האָט געהאַט זיינע אייגענע פּלענער, ווי זי צו פאַנגען פאַר זיך אַליין. איצט האָט אים באַהערשט אַ געפיל פון שנאה און איפערזוכט, אַ געפיל, וואָס ער האָט געמוזט דערוויל דערשטיקן

און וואָס האָט אים ווילד געמאַכט ווי אַ צערייצטע חיה. ער האָט געקוקט אַף דער פאַרגייענדיקער, רויטער זון, וואָס האָט געוואָרפן אירע לעצטע שפּיזן אויפן ברענענדיקן פּראָסט. טראַכטנדיק וועגן נייע פּלענער און אופנים ווי צו מאַטערן די יידן, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אין זיין גרויסן צאָרן וואָס ער האָט געוואָלט שטילן, דעם קומענדיקן פינצטערן טאָג פאַר די יידן.

דעם קומענדיקן טאָג, האָבן די נוגשים ונוטרים אַרויסגעיאָגט די יידן צו דער אַרבעט פריער ווי געוויינטלעך. די נאַכט־זאַווערוכע האָט אָנגעיאָגט גאַנצע בערג טרוקענעם שניי. די שטיבער און באַראַקן זיינען געווען פאַרבאַריקאַדירט, נישט אַרויסצוגיין. די וועגן זיינען געווען פאַר־שאָטן נישט צו דערקענען. קיין לעבעדיקן וועזן האָט מען אין דעם טרעסטשענדיקן פרימאָרגן־פּראָסט נישט אָנגעזען, אַ חוץ די יידן, וועלכע זיינען געשטאַנען אין די רייען און געציטערט אין זייערע לייכטע, צעריסענע מלבושים. די פאַרטאָגיקע אויפגייענדיקע זון, האָט גזלניש באַלויכטן זייערע אויסגעצערטע מתים־פּנימער, כדי אויפצודעקן די שאַנד און ווי אויף חוזק צו מאַכן פון זייער גורל. דער רויטער פריץ האָט געציילט די מענטשן לויט די נעמען און געטיילט יעדן איינעם אַ טיי־לעפעלע. ווי ביטער אויפן האַרצן עס איז די יידן געווען, האָבן זיי דאָך איראָניש מיט די בליקן זיך דורכגעוואָרפן און אַ חוזק־שמייכעלע האָט זיך בלאַס צע־שפּילט אויף אויסגעמוטשעטע פּנימער. דער דאָזיקער שמייכל פון שרעק און פאַרוואונדערונג האָט ווי געפרעגט: „צו וואָס די טיי־לעפעלעך? וועלן די דייטשן זיין אַזוי גוט און געבן הייסע טיי צו דערוואַרעמען די ביינער אין דעם שרעקלעכן, קנאַקנדיקן פּראָסט?

דער פינצטערער חוזק־שמייכל, וואָס האָט זיך תחילת צעליינט אויף זייערע געזיכטער איז מאָמענטאַל פאַרשוואונדן. ס'איז זיכער אַ נייע שפּיצל פון די סאַדיסטן צו פייניקן. דער באַפעל, וואָס איז באַלד געקומען, האָט לאַנג נישט געלאָזט טראַכטן. ער איז געפאַלן אין דער פּראָסטיקער לופט און איז געבליבן אויסגעקריצט אין איר ווי אַ גזר־דין:

— מיט די טיי־לעפעלעך מוז דער שניי אָפּגערוימט ווערן פון די שטיבער און פון די וועגן!

קיין עסן האָבן די הונגעריקע יידן דעם טאָג אויך נישט באַקומען.

מיט צופרידנקייט האָט דער הויפּט־פאַרוואַלטער דעם טאָג אויפגע־נומען דעם ראַפּאָרט פון רויטן פריץ, זיין שטעל־פאַרטרעטער, אַז אַ העלפט פון די אַרויסגעטריבענע יידן צו דער אַרבעט, זיינען שוין פאַר־

בליבן אויף די וועגן, פארזונקען אין די טיפע שנייען. זיין צופרידן פנים איז אָבער ניך פארטונקלט געוואָרן, דערוויסנדיק זיך, אז באשקע האָט זיינע „מתנות", די אַלע עסנוואַרג און שאָקאָלאַד צו דער ערד געוואָרפן. באשקע גיט איר אייגן ביסל עסן אָפּ צו די הונגעריקע קינדער פון געטאָ. זי וועט נישט נעמען קיין געשאַנקען, אפילו זי זאָל דאַרפן פון הונגער אויסגיין, פון דעם מערדער פון אירע ברידער און שוועסטער און פון די אַלע פרויען און קינדער.

אזא גרום האָט זי געשיקט דעם הויפּט־פאַרוואַלטער, האַנס טײפל. פריצן האָט שטאַרק הנאה געטאָן די דערשלאָגנקייט וואָס ער האָט באַמערקט אָף זיין שעפס פנים. א ווייטע נעפּלהאַפטע האָפענונג, האָט נעגומען אויפגיין אין אים. די לאַגע האָט זיך אָבער תיכף געענדערט: די דערשלאָגנקייט פון האַנסן איז איבערגעגאַנגען אויף פריצם פּרצוף דורכן באַפעל, וואָס איז געקומען גלייך אין פנים אריין, ווי א שמיץ מיט א פייערדיקער בייטש, אז ער זאָל באשקען, שפּעטסטנס מאָרגן, צושטעלן אין הויז פון הויפט־פאַרוואַלטער. ווי א תירוץ, וועלנדיק אָפּנאַרן זיין אונטערגעאָרדנטן, האָט ער ארויסגעשטאַמלט מיט א פוסטער שטימע: „א דינסט־מיידל פעלט אים שוין לאַנג, וואָס זאָל האַלטן אין אָרדענונג זיין ווירטשאַפט".

— צו אייער באַפעל — האָט פריץ צוגעקלאַפּט מיט זיינע נעקאַוועטע שיך — אויסדרייענדיק זיך שנעל, דער שעף זאָל נישט באַמערקן זיין פאַרלוירנקייט.

נישט אָן א כוונה, האָט פריץ געמאָלדן באשקען נאָך אין זעלבן אָוונט, אז מאָרגן וועט זי אָוועקגעשיקט ווערן מיט גוטן צי מיט בייזן, אין הויז פון געטאָ־פאַרוואַלטער ווי א ווירטשאַפט־מיידל... ווי פריץ האָט פאָרויסגעזען, כאָטש ער האָט אויך געטראַכט וועגן אַנדערע פּלענער, איז באשקע פון געטאָ די זעלבע נאַכט פארשוואונדן.

האַנס טייפלס שפּיר־הינט, וועכטער און פּאָליציי, האָבן געזוכט און געשמעקט באשקעס טריט אויפן פרימאָרגן־שניי, וואָס איז געווען גלאַט און אָן שום שפור. פריץ האָט נעפּינטלט מיט די אויגן, ווען האַנס האָט אים אויסגעפרעגט און אויסגעפאָרשט, פאַרוואָס ער האָט באשקען צו פרי געמאָלדן וועגן זיין באַשלוס. דער קאַמף צווישן די צוויי, ווי עס האָט זיך געדאַכט א נישט בולטער, איז געוואָרן נאָך מער פארשטעלט אָבער פאַרביסענער.

— נעמען אַלס משכנות אַלע איבערגעבליבענע פון באשקעס משפחה

— איז געווען האנסעם באפעל צו פריצן. — זי וועט זיך שוין אליין מעלדן צום טויט, — האט ער געקריצט מיט די ציין פאר כעס. ווען פריץ האט אים באמערקט, אז באשקעס גאנצע פאמיליע איז טויט, האט ער באפוילן צו נעמען אלם משכנות סתם יידן.

באשקע האט זיך געמאלדן פרייוויליק, כאטש אין געטא זיינען אלע יידן סיי ווי געווען פארמשפט צום אומפארמיידלעכן אונטערגאנג. זי האט אבער נישט געוואלט, אז מען זאל דערשיסן אירע אייגענע — אלע יידן זיינען איצט געווען איין משפחה — צוליב איר, זי זאל ראטעווען איר אייגענעם גוף.

זי האט אויך אנגענומען אנדערע באשלוסן. דאס איז געשען אין יענער נאכט, ווען זי איז געלעגן באהאלטן אין א פויערישן שטאל און מען האט איר מודיע געווען וועגן די פארהאלטענע משכנות. די גאנצע נאכט האט זי נישט געקענט איינשלאפן. שווערע דמיונות האבן זיך גע־וויקלט און געפלאנטערט אין איר מוח: זי האט געזען איר קינדהייט און מיידלשאפט דורכגיין פארביי אירע געשלאסענע אויגן אין דער פינצטער. איר קינדהייט איז געווען א ליכטיקער חלום, וואס האט געלאזן שפורן, ווי אן אויפגייענדיקע זון, אויפן באגינען פון אירע יארן. דערנאך אירע מיידלשע יארן, ווען זי האט שוין געשוועבט צווישן חלום און ווירקלעכ־קייט: ווען אלע אנונגען פון דער יונגפרוי זיינען נאך פארוויקלט אין א ראזעווען צעפלאטערטן שלייער. און ווען עס האט זיך שוין גענומען אויס־לייגן דער וועג און אנהייבן אויסשיילן דער יש פון אן אמתן רעאלן לעבן, איז געקומען דער בראך: זי שטייטביים ראנד פון תהום. זי איז געבוירן געווארן אין א נישט פארמעגלעך הויז, נאר א שטילע און געמיטלעכע. א ליבע מוטער און א גוטער און געטרייער פאטער. מען צערטלט באשעלען דאס קינד:

— ביסט מיין טרייסט, מיין אויג אין קאפ — חזרט שטענדיק איין די מוטער.

— באשעלע, הארצעלע, — שעפטשעט שטענדיק דער פאטער.

באשקע איז „איינאיינציקע", א בת־יחידה. ווען זי וואקסט אונטער און גייט שוין אין שולע רופן זיי זי די מויד. זייווארפן זיך אדורך מיט שטראלנדיקע בליקן, נאר א ביסל שרעק איז פאראן אין די אויגן: זיי האבן מורא פאר אן עין־הרע...

אט ענדיקט זי די שול און מען רופט זיך שוין „די פרייליין".

— ווי געפעלט איך מיין פרייליין? — זאגט מיט נחת די מאמע.

— שוין צייט, שוין צייט אַ ביסעלע נחת, קרעכצט אונטער דער טאַטע.

באַשקע ווייסט פון גאָרנישט, נאַאיוו און שטיל און פון אירע גרויסע, שיינע אויגן, לייכט אַרויס אַ שטראַלנדיקער, וואונדערבאַרער שמייכל. דער וואונדערבאַרער זונען־שמייכל, טוט זיך פון איר קיינמאָל נישט אָפּ. דער שמייכל אירער קען איינגעמען וועלטן, און ווער עס זעט אים, ווערט פאַרגאַפט און באַצוואונגען. באַשקע ווערט רייף ווי אַ צייטיקע פּרי אין פריען הארבסט. אַלע יונגען פון איר שטאָט „עסן זי מיט די אויגן אויף". זי געדענקט גוט יענעם אָוונט, ווען זי איז געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יוגנטלעכע „פּועלי ציון", „השומר הצעיר", „הכוח" און נאָך חברים און חברטעס פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. מען האָט באַהאַנדלט די פראַגע פון אָפּשלאָגן די פּוילישע פאַשיסטן, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט געבושעוועט אין די שטעט און שטעטלעך פון יענער געגנט. נאַצישע אַגענטן האָבן געהעצט די פּוילישע כוליגאַנעס און דאָס לעבן פון די יידן פאַרביטערט. אַלע האָבן געשריען און זיך געהיצט. זי האָט נאָך דעמאָלט נישט געפילט די סכנה, איז געזעסן שטיל, בנעימותדיק. די עלעקטרישע ליכט האָט באַשיינט איר געזיכט און זי האָט באַלד זיך דערפילט נישט באַקוועם: אַלע בליקן זיינען געווען געצילט צו איר: אַלע רעדנער האָבן גערעדט צו איר פּנים, ווי זי וואָלט געווען דער מיטלפּונקט אין זאַל. נאָר איינער האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזן, ווען זייערע בליקן האָבן זיך צופעליק באַגעגנט — איר יוגנט חבר, דער שעמעוודיקער נחמן. „צו אים וועט געהערן מיין הארץ", האָט זי דאַן אַ קלער געטאָן.

ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָט זי אים געבעטן זי באַגלייטן אַהיים. צומאָרגנס, זונטיק, זיינען זיי שוין געפאָרן איבערן שטאָטישן טייך אויף אַ שיפל. ס'איז געווען אַ ברענענדיקער זומער־טאָג. דאָס שיפל האָט זיך געגליטשט שטיל איבערן עטוואָס צעכוואַליעטן וואַסער־שפּיגל. די באַבוימערטע ברעגן פון טייך האָבן געוואָרפן זייערע שאָטנס און זיך געשפּיגלט אין וואַסער. אַ זונען־שטראַל האָט זיך ערטערווייז דורכגעשלאָגן צווישן די צווייגן, אַנגעשלאָגן אין וואַסער און זיך געראַנגלט מיט די שאָטנס פון דיביימער.

פון ווייטן האָט אַרויסגעשפּיצט אַ טורעם פון אַן אַלטן פאַרלאָזענעם שלאָס. אַרום האָבן זיך געהויבן בערג, וועלכע האָבן זיך געשאָקלט אַראָפּ אַרויף, און געשוואומען אין שטאָט אַריין. אַ פויגל האָט געקרייזט אין בלויען רוים, זיך אָנגערירט אָן אַ באַרג־שפּיץ און ווידער געפּאַטשט מיט

די פלינלען. דאס שיפל איז געשוואומען פאזע ברעג מיטן שטראם, ביז עס האט זיך אנגעשלאגן אן א שטאם פון א בוים און שטיין געבליבן. זי האט נחמנען אנגענומען פאר א האנט און זיי זיינען ארויסגעשטיגן אין וואלד אריין. די שטילקייט האט זיך אויסגעמישט מיט די שטארקע וואלד־ריחות און פארשיכורט. זיי לייגן זיך רוען אין שאטן פון א בוים. דאס גערויכט ברענט איר און א הייסער שטראם צעגיסט זיך איבערן גאנצן קערפער. ס'איז איר אזוי מאדנע גוט. א פרייד שטראמט אין הארץ און וויל זיך ארויסרייסן, צעזינגען. איבערן גאנצן ארום איז שטיל. דער וואלד נאר זשומעט מיט וואוט און לײדנשאפט פון עפעס פארשלאסענע פוואלן... עס נעמט זי אן א חשק ארויפצערייסן די קליידער און זיך צעטאנצן, ווילד ארום איר אייגענעם פייער. פלוצלינג גיט זי א שפיליע אויף איר בלוזע און בעט זיך: — נחמן, ליבער, גיב מיר א קוש, אט דא, — ווייזנדיק אויפן נאקעטן לייב. נחמן האט זיך פארשעמט.

— ניין, האט ער גערעדט מיט אראפגעלאזטע אויגן, מיר איז גענוג זיך צו שפיגלען אין דיין זוניקן פנים! דיין שמייכל איז א זון, א גן עדן... נאר — האט ער זיך א וויל פארטראכט — דיין שמייכל קען אויך זיין א שווערד...

— פאר דיר וועט ער שטענדיק שיינען, נאר פאר דיר אליין... נעם מיך ארום און דריק מיך צו שטארק — האט זי געמורמלט ווי פארכשופט.

— א! נאטור־קינד, איך וויל נישט בארירן דיין אומבאפלעקט. הייליק וועזן! טייערע, וועסט מיר מוחל זיין — האט ער געגלעט אירע האר — ווי מען וויל בארואיקן א קאפריזנע קינד.

— און ווען מיר וועלן חתונה האבן? — האט זי אלץ געשעפטשעט פארגאפט.

— איז דאס וואר? — האט ער אויפגעהויבן זיינע אראפגעלאזטע אוינן — איך בין גליקלעך דאס צו הערן פון דיין מויל. שווער מיר, אז די וועסט האלטןווארט. באשעלע, וועסט זיין מיינע? מאכסט נישט חוזק פון א חבר, פון א גוטן פריינד! — האט נחמן נישט געוואלט גלייבן זיינע אויערן.

— איך שווער דיר. איך שווער! איך וועל נאר צו דיר געהערן...

די עלטערן זיינען געווען גליקלעך צו זען באשעלען, זייער איינציק אויג אין קאפ, ווערן א כלה. נחמן, דער שטילער, גוטער נחמן איז זיי געווען צום הארצן.

א געוועזענער ישיבה־בחור, איז ער געווען פון די ווינציקע, וואָס זיינען פאַרבליבן פרום. זיין פרומקייט איז ביי אים נישט געווען קיין אָנשטעל. אין יענער צייט, ווען די וועלטלעכקייט און אפיקורסות זיינען אַריינגעדרונגען צו דער יוגנט, האָט נחמן געדאַרפט אויסשטיין אַ סך חוזק. פון קינדווייז אָן האָט ער געפילט אַ שטאַרקע ליבע צו באַשקען.
„דער שעמעוודיקער נחמן" האָט נישט געקענט אַרויסברענגען זיינע געפילן אויף אַן אַנדער אופן סיידן דורך אַראָפּלאָזן מיט אַ ציטער די אויגן, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט באַשקעס בליק. באַשקע „דאָס נאַטור קינד", האָט עס דערפילט מיט איר מיידלשן אינסטינקט. „אַ האַרץ פילט אַ האַרץ", האָט באַשקע דאָס דערקלערט אויף איר אופן.
— דו האָסט אַ רעליגיעזע נשמה — האָט זי אים איינמאָל געזאָגט
— און דו געפעלסט מיר בעסער ווי די אַלע בחורים, וואָס שיטן מיט קאָמפּלימענטן; זיי וואַרפן פאַלשע רייד און דריקן נישט אויס קיין אמתע געפילן...
די „רעליגיעזע נשמה" נחמן, האָט אויך געהאַט שיינע ווערטער אויסצודריקן ליבע, און ביי אַ געלעגנהייט, האָט ער אויסגעגאָסן זיינע געפילן, נאָר אַנדערש, מיט „רייד וואָס קומען פון האַרץ". און די רייד וואָס קומען פון האַרץ זיינען אַריינגעדרונגען באַשקען אין האַרץ. ער האָט זי באַהאַנדלט ווי אַ ספר תורה, וועלכע מען באַרירט מיט קדושה און מען קושט דערנאָך די אייגענע פינגער... מיט פרומקייט און יראת הכבוד, ווייל ער באַשקען נישט „אָנרירן", ער פאַרהייליקט די חופּה...
ווען דער טאָג פון זייער חתונה איז שוין געווען באַשטימט, זיינען אָנגעקומען די דייטשן. די עלטערן זיינען געוואָרן מרה שחורהדיק, גע־קרעכצט, געדאַגהט שטיל. נחמן האָט געברענט פון צאָרן, געוואָרן איי־פערזיכטיק, ווען אַ דייטש האָט געוואָרפן זיינע בליקן צו איר. נאָר גיך האָט זיך אַלץ געענדיקט. די דייטשן האָבן אומגעבראַכט אירע עלטערן, וועלכע זיינען נישט געווען פּעאיק צו שווערער אַרבעט. נחמן איז אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער, כדי נקמה צו נעמען פון די שרעקלעכע שונאים. ער האָט געקעמפט העלדיש און געשטרעבט זי אויך צו באַפרייען. איר נקמה־דורשט און דערלייזונג איז געווען געווענדט צו דער „רעליגיעזער נשמה", נאָר דער גורל איז צו איר געווען שלעכט — נחמן איז אויך אַריינגעפאַלן צו זיי. און דעמאָלט האָט זיך דער שמייכל פון איר געזיכט אַפּגעטון אויף שטענדיק.
„דיין שמייכל קען אויך זיין אַ שווערד", זיינען איצט אויפגעגאַנ־

נען זיינע ווערטער אין איר געמיט, און ער איז צוריקגעקומען ווי א וואונדער, ווי א לעצטע פאטאלע טרייסט פון אן אומשטערבלעכן, מענטש־לעכן גייסט...

זי וועט דעם טייוולס „כלה" נישט זיין! דאס איז געווען זיין לעצטער וואונטש־אויסגעשריי, פון זיין דערוואָרגענעם האלדז. זי וועט זיך איצט באהעפטן מיט די נשמות פון איר חתן און עלטערן, אויף דעם דורותדיקן, אומענדלעכן וועג פון די פאָלקס־מארטירער.

פריץ אין זיין פארצווייפלונג און הינטער־כוונות, האָט שוין איצט געהאט א פארלאנג, אז באשקע זאָל דינען ביי האנסן אין הויז. אפשר וועט זי אים אויס נקמה ביינאכט קוילענען ווי אן אָקס, נאָכדעם ווי ער וועט זי באצווינגען קעגן איר אייגענעם ווילן... נאָך זיין עצה, וואָס ער האָט טאקע אין דעם זינען געגעבן האנסן, האָט גאָר האנס, צו זיין דערשטוינונג, באפוילן באשקען עפנטלעך צו דערשיסן. דאָס אויספירן פין די עקזעקוציע איז אויסגעפאלן, לויטן באפעל פון געטא־פארוואל־טער, אויף פריצן גופא...

די ידיעה, אז באשקע וועט דערשאָסן ווערן, האָט שטארק דער־שלאָגן די יידן און פון פארצווייפלונג האבן די פרומע געקרעכצט:

— אוי, וויי, גאָט, וואָס פאר א מערדער האסטו אָנגעשיקט אויף דיין פאָלק ישראל!

די יוגנט האָט אָרגאניזירט אן אויפשטאנד. מען האָט געמאכט א פרואוו ארויסצורייסן באשקען פון תפיסה. נאָר אָן געווער, מיט ליידיקע הענט זיינען אלע פלענער דורכגעפאלן. דער מסירת נפש פון דער יוגנט איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט פון פרויען, קינדער און זקנים.

ווייניק יידן זיינען איבערגעבליבן צוצוקוקן דעם „ספעקטאקל", ווי מען וועט באשקען דערהרגענען. די דייטשן האָבן צוזאמענגעטריבן אלע־מען. קראנקע פון די בעטן ארויסגעשלעפט. א מעוברתע פרוי, וואָס האָט נישט געקענט דערפילן דעם באפעל, האָבן זיי מיט א שטילעט דעם בויך דורכגעשטאָכן. די יידן וואָס זיינען געשטאנען אין די רייען, דערשלאָ־גענע, מיט אראָפגעלאָזטע קעפ, זיינען איבעראשט געוואָרן, זעענדיק ווי באשקע גייט א רואיקע מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפ און שמייכלט צו זיי ליבלעך און מיט מוטערלעכער צערטלעכקייט. הייסע טרערן האָבן זיך ביי אלעמען געגאָסן און געשמאָלצן דאָס אייז אויפן ברוק. נאָר די נאצים זיינען געשטאנען פארשטיינערט ווי פריער. זיי האָבן מיט ביטול

און האָט געקוקט אױף די פאַרפּייניקטע מענטשן־קינדער און געשטשירעט מיט די ציין פון איינגעהאַלטענער פרייד.

דער הויפּט־פאַרוואַלטער האַנס, איז געשטאַנען נאָענט פון דעם פּלאַץ, וואו באַשקע האָט געדאַרפט דערשאָסן ווערן. „איין שמייכל פון איר שטראַלנדיקן, בלייכן געזיכט צו אים, — האָט ער געטראַכט — וואָלט אים געצוואונגען אָפּצוהאַלטן די עקזעקוציע. איין ליבער שמייכל פאַר זיין פינצטער געמיט און ער וואָלט געווען גליקלעך מיט איר צו־זאַמען. עס וואָלט געקומען אַ דערלייזונג פאַר זיי ביידן".

באַשקע האָט אים באַמערקט פון דערווייטן. זי האָט גענומען באַ־וועגן מיט די ליפּן, מיט דער צונג און גומען. זי האָט עפּעס ווי געקייט און געזאַמלט אין מויל. אַ גיפט וואָלט זי געוואָלט אויפזאַמלען און דער־מיט פאַרגיפטן, פאַרסמען די פייניקער אויף אַלע אייביקייטן. דער שמייכל האָט זיך דערביי פון איר נישט אָפּגעטון. די זעלבע רואיקייט. זיך געזעגנט מיט די בליקן מיט די ברידער און שוועסטער און ווי געוואָלט זיי מיט דעם מוטיקן. ווען זי איז צוגעקומען נענטער צום הויפּט־פאַר־וואַלטער, האָט זי איר בליק אָנגעצילט אין אים און געשמייכלט מיט אַלע חנען פון איר צאַרטער, נישט אויסגעלעבטער ווייבלעכקייט, מיט אַלע חנען פון איר יוגנט און מיט די הייליקע שטראַלן פון איר מאַרטירער־נשמה.

„זי האָט חרטה" — איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק פון האָפענונג אין האַנסעס מוח. ער האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף איר און אַ נעפּלדיקע פרייד האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּרצוף. ער האָט גלייך געווענדט זיינע בליקן צו פריצן, וועלכער איז געשטאַנען מיט די סאָלדאַטן מיט די ביקסן אין די הענט, גרייטע צו שיסן. פריץ האָט מיט אַ טייוולאָנישן בליק אים דורכגעשטאָכן, מיט אַ בליק פון נקמה און חוזק צוזאַמען. האַנס האָט אויפגעהויבן זיין האַנט, געמאַכט אַ באַוועגונג, וואָס האָט געדאַרפט איבערייסן פריצס שאָדנפרייד און אָפּשטעלן דאָס אויספירן דעם טויט־אורטייל. אין דעם מאָמענט האָט אָבער האַנס דערפילט, ווי אַן אויסגוס פון עפּעס אַן עקלהאַפטער פליסיקייט האָט זיך אַ לאָז געטון אויף זיין פּנים.

באַשקע האָט אים, פאַרבייגייענדיק, אָנגעשפּיגן אַ פול פּנים. ווען ער איז געקומען צו זיך, נאָכן אָפּווישן זיך פון דעם שפּיי, איז שוין באַשקע געשטאַנען רואיק אַנטקעגן די ביקסן־מיילער, וואָס האָבן געצילט אין איר ברוסט.

איצט האָט זי ווידער געשמייכלט צו אים גלייך אין פּנים אַריין, נאָר מיט גאָר אַן אַנדערן שמייכל, מיט אַ נקמה־געלעכטער. עס איז געווען דאָס געלעכטער פון פאַרמשפּטן, וואָס האָט באַזיגט זיין תליון.

דער שמייכל פון באַשקעס הייליקן געזיכט האָט זיך נישט אָפּגעטון, אפילו נאָכדעם ווי די קוילן האָבן דורכגעלעכערט איר יונגן קערפּער.

דער שמייכל איז אַוועק מיט איר אין דער אומשטערבלעכקייט.

25 - 7 - 46

אמביציע

דאָס איז אַ פּשוטע געשיכטע פון צוויי חברים, פון דער זעלבער מדינה, פון דער זעלבער שטאָט, כמעט אין זעלבן עלטער, וועלכע זיינען געקומען קיין ארגענטינע מיט דער זעלבער שיף, ביידע מיט פוסטע קע־שענעס, גרויסע אילוזיעס און שיינע חלומות; און איינער איז געוואָרן רייך און דער צווייטער איז פארבליבן אָרים, זייערע וועגן האָבן זיך צעשיידט און זייערע הערצער נאָך מער.

די בני־עיר שמועלזאָן און יאָקלזאָן, ביידע גוטע פאַבלייט פון דער היים, האָבן זיך איינגעאָרדנט אין נייעם לאַנד און גוט פארדינט, גע־מאַכט אַ לעבן. (געקומען קיין בוענאָס־איירעס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ספּעציאַליסטן־פאַבלייט האָט מען געזוכט ווי מיט ליכט.) ביידע אַנטוישטע אין מענטש און גאָט, ווי דער גאַנצער מלחמה־דור יענער אין אייראָפּע, האָבן זיי זיך גענומען דאָ צום פּראַקטישן לעבן, יעדער אויף זיין אופן.

שמועלזאָן האָט גלייך אויסגעזוכט זיין באַשערטע, „אַ שיינע פּרי פון בעסאַראַביע" און האָט חתונה געהאַט. ער האָט זיך געקויפט אַ ביסל מעבל: אַ צוויי־פּלאַציק בעט, ווי דאָ איז די מאָדע, אַ טיש מיט שטולן און אַ שאַפע. ער האָט אויך זיך געלאָזט קאָסטן אויף אַ פּאָר שיינע בילדער, פּייזאַזשן, אויף די ווענט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ בעסערן, עס־טעטישן מענטש. ער האָט איינגעשאַפט אַ ביסל געשיר, קיך־חפצים און אים איז נאָך איבערגעבליבן אויף אַ טאָג חיונה נאָך דער חתונה. בעט־געוואַנט, געהאַפטענע ליילעכער און קישנס פון פּוך, ווי די מאָדע איז

אין בעסאראביע, האָט מיטגעבראכט די כלה, ווי א טייל פון איר אויס־שטייער, וואָס איר מאמע האָט איר מיטגעגעבן פון דער היים.

זיין יונג ווייבל, ראָזע, האָט אים געקאָכט פעטע, געשמאקע מיטאָג־לעך, א ביסל אנדערש ווי אין דער ליטע, נאָר מען האָט זיך געקענט צו זיי צוגעוואוינען און הנאה האָבן. אין גאס און אין טעאטער איז אויך געווען מיט וועמען זיך צו ווייזן. פון די באקן „שפריצט" איר בלוט, שווארצע אויגן האָט זי, די האָר שיין פארקעמט, געלאָקט, די ליפּן רויט געפארבט, א הויכער ביוסט, אַן עלעגאַנטע פיגור... עפענען זיך פאר זיי אַלע טירן, פון קאפעען, פארוויילונגס־פלעצער, אַלעמענס בליקן גע־ווענדעט צו זיי. אין טעאטער זיצן זיי אין די ערשטע רייען. מען האָט הנאה פון א גוטן ספּעקטאקל, פון א פיינעם באלעט, א שיינער אָפּערע. הכלל, ראָזע איז א טרייע באַגלייטערין, א גוטע באַלעבאָסטע, א פיינע קעכין; און קינדלט אויך געשמאק, ווי דער שטייגער איז.

די צייט איז זיך געלאָפן, ביי דעם פּאָרפאָלק זיינען געבוירן געוואָרן צוויי יינגלעך. שיינע, געזונטע, לעבעדיקע, געראָטן אין דער מאמען. דאָס לעבן גייט זיך זיין וועג, נאָרמאַל. מען נעמט אַלץ דערפון, וויפל עס לאָזט זיך. זיי, די שמועלזאָנס, לעבן זיך באַלעבאַטיש שטיל, צופרידן. דערנאָך האָט פּאַסירט, אז די שיינע פּרי פון בעסאַראַביע, האָט געבראכט אויף דער וועלט א נייע מתנה, א צווילינג. צוויי יונגען, ווי די זונען. עס איז א מחיה צו קוקן אויף זיי. נאָר די עלטערן לאָזן אראָפּ די אויגן פאר באַקאַנטע. „ס'איז נישט אַמאָל א חרפּה ביי היינטיקע צייטן צו קינדלען אַזוי פיל?"...

און די צייטן האָבן זיך טאַקע פאַרערגערט א ביסל. די קינדערלעך וואַקסן אונטער, די פאַרדינסטן זיינען די זעלבע. מען דאַרף זיך שוין א ביסל איינשרומפּן, פון זיך אָפּשפּאָרן. אָנשטאָט קאפעען — א שיכל, א בנדל. אָנשטאָט טעאַטער — א דאָקטאָר, א רעצעפּטל. שמועלזאָן דאַרף שוין כאַפּן אָפּטער א גמילות־חסד ביי א באַקאַנטן. מען קען זיך שוין נישט פאַרגינען אַלץ ווי פריער. און עס איז טאַקע נישטאָ שוין קיין איבעריקע צייט, וועמען צו גיין פאַרברענגען. ראָזע איז שטענדיק פאַרנומען, פאַריאָכט: ביים וויג, אין קיך, ביים וואַשן, פּרעסן, רוימען. איר אויסזען איז שוין אויך נישט אַזוי פריש ווי אַמאָל. מיד פאַלט זי שלאָפן, פּונקט דעמאָלט ווען די זינגער אין טעאַטער הייבן אָן זינגען און די טענצער טאַנצן. ווען די דראַמאַטישע שוישפּילערין פאַרגייט זיך אין אירע איבער־לעבונגען, חלומט זיך איר שוין, אַז די קינדער וויינען. און ווען די קאָ־

מיקער אין טעאטער מאכן לאכן מיט זייערע וויצן, דרייט זיך שוין ראזע איבער אויף דער צווייטער זייט, דערפילנדיק דעם מאנס אומארעמונג. מילא, וועט מען שוין דארט, אין די פארוויילונגס־פלעצער, אויסקומען אן די שמועלזאנס. בעלנים מיט פעטע קעשענעס פעלן נישט.

און שמועלזאן וואלט נאך אלץ געוועו צופרידן פון לעבן, ווען ער קען פאר זיין ראזען נעמען א דינסט. דאס עגבערט אים. און ס'איז נישט אנגענעם פאר פריינט, באקאנטע: מיט פיר קינדער און זי, ראזע, איז אליין. ווי קען מען זיך דאס צערייסן?

האט שמועלזאן געפונען אן עצה: ער גייט נישט צו גאסט צו קיינעם. און די מאדע איז אין ארגענטינע: קומסטו צו מיר, קום איך צו דיר. איך א מאל, דו א מאל. גייען די שמועלזאנס צו קיינעם נישט, קומט מען צו זיי נישט. ראזע איז טיף אינערלעך אומצופרידן, פארבי־טערט, נאר זי טראגט דעם יאך שטיל, באשיידן, דעם מאן נישט צו מצער זיין. אזוי איז דאס לעבן וויטער געגאנגען זיין וועג, זיך צוגעפאסט, אריין אין קאלייע אויף דעם שטייגער. שמועלזאן מיטן „לעבן" האבן זיך שטענדיק צוגעפאסט איינס צום צווייטן.

יאקלזאן איז אוועק אויף אן אנדער וועג. חתונה האבן האט ער זיך נישט געאיילט. קודם־כל, אז ער האט געהאט א שמאל בעטל אין אן ענג בוידעם־חדרל, איז ער שוין געווען איינגעארדנט. געוויינלעך דארף מען נאך דערצו עפן אויך. נאר ווער זעט דען וואס איינער עסט? עסן קען מען דאך ביחידות. ווען ער האט באקומען דעם ערשטן לוין, איז ער ארויס אין די גאסן באטראכטן די בוענאס־איירעסער בענק. איין באנק־הויז — א סאלידער מויער, ווי א פעסטונג — איז אים געוואָרן געפעלן. ער האט פארריסן דעם קאפ אין דער הייך: „באנקא דע לא נאציאן". גוט. זיכער. ער איז אריין אינעווייניק. דער באאמטער פון שפאר־קאסע האט אים געפרעגט: — איר ווילט אריינלייגן, צי ארויסנעמען? ער האט ארויסגענומען דעם פופציקער באנקנאט און געוויזן. דערנאך האט דער באאמטער אים געפרעגט ווי ער הייסט. דעם טאטנס נאמען, דער מאמעס, די שיף מיט וועלכער ער איז געקומען און נאך א סך פראגן. צום סוף האט ער בערייטלעך זיך אונטערגעשריבן: כאצקל יאקלזאן. ווען ער האט באקומען דאס בלויע באנק־ביכל, איז ער געוואָרן מלא־שמחה, אנטציקט. אזא שיין ביכעלע איז ווערט, מען זאל דאס א גלעט טאן, א קוש טאן... ער האט זיך ארומגעקוקט, פארשטעקט אין בוזעם־קעשענע און איז אוועק צו זיך אין בוידעם־חדרל.

ביי זיך אויפֿן בעטל האָט מען דאָס ערשט געקענט גלעטן, באַ־טראַכטן, אַ בליק־טאָן אינעווייניק. עס איז געווען זיך נישט אַנצוזעטיקן מיט דעם פּיינעם באַנק־ביכעלע. און דער פּופּציקער איז כתוב וחתום, פֿאַר־שריבן און געשטעמפּלט. אָט אַזוי האָבן זיך, ביסלעכווייז, פֿאַרשריבן אינעווייניק אַלע בלעטלעך פֿון באַנק־ביכל מיט דראָבנע ציפֿערן.

יאָקלזאָן איז אָבער צו פּראַקטיש, אַז זיין געלט זאָל „שלאָפֿן" אין באַנק. ער האָט אַ שטאַרקע אונטערנעמונגס־קראַפֿט. תוך־כדי־דבור האָט ער שוין זיינס אַן איינן פֿאַבריקל. אַנשטאָט אַן אָפּשפּאָר־ביכל טראָגט ער שוין מיט זיך אַ טשעק־ביכל. מיט טשעקן איז ער קאַרג. נאָר אַז מען דאַרף, שרייבט ער און מיט דער זעלבער ברייטער אונטערשריפֿט: באַצקל יאָקלזאָן.

און תוך־כדי־דבור — גערעדט און געטאָן — ליפֿערט זיך יאָקל־זאָן אַראָפּ פֿון דער ליטע אַ היימיש מיידל, אַ קאַרגע באַלעבאָסטע, אַן אי־בערגעגעבענע. אין שטוב איז ריין, ציכטיק — אַלץ מיט אייגענע הענט געטאָן — אין אָרדענונג. העלפֿט דעם מאַן אין געשעפֿט און קינדלט מיט דער ברייטער האַנט, ווי זיין חברס ווייב. זי געבוירט מיידלעך, געזונטע, זשוואווע, נעראָטן אין טאַטן, איינס אין איינס. פֿאַר באַקאַנטע לאָזט מען אַראָפּ די אויגן: עפּעס אַ „פּאַרטאַטש" — גאָלע מיידן. „נישקשה, די גליקן פֿון די ייִנגלעך! מיינע מיידלעך וועט מען מיר אויסכאַפּן" — טרייסט זיך די „שיינע בלום פֿון דער ליטע", יאָקלזאָנס ווייב.

און יאָקלזאָן ווערט אַלץ רייכער און רייכער, זיינע פֿאַבריקן שיטן מיט גאָלד, אַ שפֿע. שמואלזאָן, פֿאַרקערט, ווערט אַלץ אָרימער און געדריק־טער, זיצט שטענדיק איינגעבויגן ביי זיין אַרבעט, ביים זעלבן וואַרשטאַט, מיטן זעלביקן לוין. ער האָט שטענדיק נאָך די זעלבע מעבל, אָפּגענוצטע געשיר, אָפּגעטראָגענע קליידער; אַלץ ווערט אַלט, גרוי אָפּגעקראָכן.

יאָקלזאָן האָט זיך געקויפֿט אַ פּאַלאַץ, מיט אַ שיינעם גאָרטן, אויס־געמעבלירט דאָס הויז אויפֿן פֿראַנצויזישן סטיל, מיט ווייכע מעבל אין זיידנס און סאַמעט געבעט. ער האָט זיך געקויפֿט שיינע קונסט־בילדער, זילבערנע געשיר און פּאָרצעלאַנענע געפֿעסן. אין פּאַלאַץ האָבן זיך אַרומ־געדרייט דינסטן מיט ווייסע סאַראַפֿאַנען.

און ס'איז געשען „כטוב לב המלך", ווען יאָקלזאָן איז געווען אויפֿ־געלייגט, רופֿט ער זיך אָן צו זיין ווייב סוסאַנאַ: „ווייסט, שושנה, איך האָב מיך דערמאָנט אָן מיין לאַנדסמאַן שמועלזאָן. מיר וועלן פּראַוועט אַ יום־טוב, דעם חנוכת־הבית פֿון אונדזער ניי הויז און נייער פֿאַבריק. דער

איינציקער איינגעלאַדענער וועט זיין שמועלזאָן און זיין פרוי. זאָל ער זען מיין גדולה און עשירות, דער גרויסהאַלטער שלימזל".

— אָבער שמועלזאָן גייט דאָך צו קיינעם נישט מיט קיין וויזיטן?

— צו מיר וועט ער שוין קומען. נישט לאַנג ביי מיר גענומען אַ גמילות־חסד. איך וועל אים געבן נאָך איינעם. ער וועט נישט אָפּזאָגן.

און כך הוא, אַזוי האָט עס פּאַסירט. יאַקלזאָן איז אַוועק מיט זיין גלאַנציקן אויטאָמאָביל און אַראָפּגעבראַכט שמועלזאָנען מיט זיין שיינער פרי פון בעסאַראַביע, ראָזען, צו זיך אין פּאַלאַץ. פריער האָט ער זיי געפירט צו דער נייער גרויסער פאַבריק, געוויזן אַלע איינריכטונגען, דערקלערט די פּראָדוקציע־קאַפּאַציטעט; וויפל אַרבעטער, לוינען און אַוודאי זיינע גרויסע איינקונפטן. „הכלל, די הכנסה איז צענפאַך פון דער הוצאה".

ס'האָט זיך געהערט אַ שטיל קרעכצעלע ראָזעס, נאָר שמועלזאָן האָט געשוויגן. דער וואָגן האָט ווייטער גערירט, מיט גאווה געשניטן די גאַסן צום נייעם פּאַלאַץ. אין פּאַלאַץ האָט סוסאַנאַ, די שיינע בלום פון דער ליטע, באַגריסט ראָזען, די פיינע פרי פון בעסאַראַביע. און געוויזן האָט זי איר, מיט גלאַנציקע אויגן, איר גאַנץ האָב און גוטס: שיינע געהאָפּטענע טישטעכער, פּאָרצעלאַן־געפעס מיט קריינדעלעך און געזילבערטע ברעגעס, טייערע קריסטאַל־גלאָז־געשיר מיט באַגילדעטע ברעגעס און קינסטלערישע בילדער מיט טעפּיכער. ווי דער שטייגער איז, האָט מען גענאַשט פאַרשיידענע זיסקייטן און דערנאָך געטרונקען שאַמפּאַן. מען האָט זיך צוגעוואונטשן אריכות ימים, עשירות. די שמועלזאָנס האָבן זיך געאיילט אהיים. עס איז געווען שווער אויסצוהאַלטן די גרויסע ליכטער פון די זשיראַנדעלן און דעם גלאַנץ פון די קריסטאַלענע בעכער אַנטקעגן דעם ווייסן לאַמפּן־שיין.

— איצט לאַדן מיר אייך איין צו אונדז. — האָט פאַרן אַוועקגיין געזאָגט ראָזע — קומט, ווען אייער האַרץ גלוסט, אונדזער טיר איז אָפן פאַר אייך.

— זייער אָנגענעם. — האָבן געענטפערט גלייכצייטיק די יאַקלזאָנס.

ווען שמועלזאָן מיט זיין ווייב האָבן שווייגנדיק זיך געלייגט שלאָפן, האָט ראָזע שטיל געזאָגט:

— איצט וועלן זיי אונדז אָפּטאָן, צו אונדז וועלן זיי נישט קומען.

שמועלזאָן האָט זיך געמאַכט קאַלט און געזאָגט ראָזען אויפן אויער, ווי ס'וואָלט געווען אַ סוד:

— נישקשה, ער וועט דאָס אַלץ אין קבר נישט מיטנעמען...

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך ביי שמועלזאָנען צעטליעט א פונק פון קנאה־שנאה. ער האָט אַלץ געטראַכט, ווי זיך נוקם צו זיין. צו גאַסט האָט אים קיינער מער נישט געקענט פאַרנאַרן. ער איז נאָך מער געוואָרן איינ־געשלאָסן אין זיך.

די צייט איז געלאָפן. די יינגלעך שמועלזאָנס זיינען געוואַקסן און זיך גוט געלערנט. ער האָט געמוזט אַרבעטן אין די נעכט איבער־שעהען, כדי זיך קענען גלייכשטעלן מיט אַלע הוצאות: צאָלן דירה־געלט, אין באַנק, א גמילות־חסד צו דער צייט אָפּגעטפּערן. און וואו זיינען די שטוב־הוצאות פאַר זיין באַלעבאָסטע?

— לערן די קינדער דיין פאַך, וועלן זיי דיר העלפן אין דער פּרנסה — האָט זיך געבעטן ביי אים ראָזע — ווי לאַנג, אַבראַם, וועסטו קענען אַזוי האָרעווען, שלעפּן דעם יאָך? שטודירן קינדער איז נישט פאַר דיין קעשענע. נעם אַראָפּ א ביישפּיל פון יאַקלזאָנען, אַלע אַרבעטן ביי אים.

— זיין נאָמען, ראָזע, זאָלסטו מיר נישט דערמאָנען! אונדזערע קינדער וועלן זיין לייט. קוק און שוויג, מיר וועלן נאָך דערלעבן נחת, מיין ווייב.

און ראָזע האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי צו ליידן און שווייגן. זי האָט געקענט איר מאָן דעם עקשן. זי איז געגאַנגען ווי „דער אָקס אין סאָכע", ווי א שטירע באַלעבאָסטע געשלעפּט דעם יאָך פון דער שטוב, פון די קינדער און איז פאַרעלטערט געוואָרן פאַר דער צייט. עס איז שוין מער נישט געווען די שיינע פּרי פון בעסאַראַביע...

שמועלזאָן האָט אָבער זיינס אויסגעפירט. ביסלעכווייז איז זיין שטוב געוואָרן פול מיט דאָקטוירים, אינזשעניערן. זיינע סטודענטן האָבן שוין אויך צו ביסלעך פאַרדינט און ראָזען איז געוואָרן א ביסל לייכטער אויף איר האַרץ.

די צייט איז געלאָפן און שמועלזאָן איז אַלץ געווען אָרעם און געדריקט. ער האָט זיך נאָר געגרויסט מיט זיינע זין — צוויי דאָקטוירים, צוויי אינזשעניערן.

און יאַקלזאָן איז געוואָרן אַלץ רייכער, ער האָט אַלץ פאַרגרעסערט זיינע פאַבריקן, פאַרמערט זיין פאַרמעגן, אַן עושר גדול. זיינע טעכטער זיינען אויסגעוואַקסן, צייטיק געוואָרן, געשטאַנען אין שידוכים.

ויהי היום, איינמאָל רופט זיך אָן יאַקלזאָן צו זיין ווייב „די שיינע בלום":

— איך האָב זיך מישב געווען, מיין ווייב, וואָס וועלן מיר פירן א

ברוגז־טאנץ, א קידער־ווידער מיט אונדזער בן־עיר שמועלזאָן? ער האָט פיינע קינדער דאָקטוירים, אינזשעניערן. מיר האָבן טעכטער, זאָלן געזונט זיין, מיידלעך אונטער דער חופה צו שטעלן. איז דאָס נישט קיין גלייכע זאַך? אייגענע מענטשן, פאַרוואָס זאָל מען זיך גרוים האַלטן? מירן אָפּשטאַטן א וויזיט די שמועלזאָנס, אַזוי זיך מאַכן זיי א סיורפּריז...

— דו האָסט א טעות, מיין מאַן. שמועלזאָן איז א גרויסער עקשן, ער איז פאַרביטערט. זע זיך, כאַצקל, בעסער מיט א שדכן און ער וועט ברענגען אונדזערע טעכטער זייערע באַשערטע.

— איך בין מיט דיר נישט מסכים, שושנה, צוליב קינדער פאַר־בייגט מען!... זיין ראָזע איז א פאַרשטענדיקע פרוי, מירן זיי נאָך היינט באַזוכן.

— אויב דיר איז ניחא, בין איך מרוצה. וואָס טוט נישט א מאַמע צוליב קינדער!

ווען יאָקלזאָן מיט זיין ווייב זיינען צוריקגעפאָרן פון די שמועלזאָנס, האָבן זיי דעם גאַנצן וועג געשטומט, קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. זייער אויטאָמאָביל האָט זיך געשלייכט שטיל דורך די שלאָפנדיקע, אין האַלב־ליכט פאַרוויגטע גאַסן. וואו נישט וואו האָבן זיי אַנטקעגן געשיינט די ליכטער פון נאָך א פאַרשפּעטיקטן אויטאָ. יאָקלזאָן האָט זיך איינ־גענורעט אין זיך, פאַרזשמורענדיק זיינע אָנגעשטרענגטע אויגן. דער וועג האָט אים אויסגעוויזן לאַנג, די גאַסן פרעמד. די שטיבער האָבן זיך צו־זאַמענגעגאָסן אין איין שורה און צוריקגעלאָפן פון דעם איילנדיקן אוי־טאָמאָביל. ער האָט אַלץ שנעלער געטריבן די מאַשין, וועלנדיק פאַרטרייבן די אומאָנגענעמלעכקייט פון זיין ווייבס סודותדיקן שווייגן, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער שטילקייט פון דער נאַכט.

ווען זיי זיינען שוין געלעגן אין בעט, האָט ענדלעך סוסאַנע שטיל געזאָגט, ווי פאַר זיך:

— איצט וועלן זיי אונדז אָפּטאָן, זיי וועלן מער צו אונדז קיינמאָל

נישט קומען. נאָך אַ שטילער פּויזע האָט זי צוגעגעבן: — ווי קאַלט שמועלזאָן איז דאָס געווען, אַ פראָסט האָט פון אים געווייעט...

— איך וועל דיר זאָגן אַ סוד, שושנה טייערע, — האָט יאַקלזאָן זיין ווייב אַריינגעשושקעט אין אויער — פאַר געלט וועלן מיר קריגן דאָקטוירים...

ביי סוסאַנען האָבן זיך אין דער פינצטער פון די אויגן געקייקלט הייסע טרערן איבער די באַקן און זיך פאַרהאַלטן אויף די פאַלדן פון איר האַלדז.

דער בעל־תשובה

זיין געדאנק און פאנטאזיע זיינען געלאפן ווי אויף באן־רעלסן און שטענדיק געבליבן שטיין אין בוענאס־איירעס. די שטאט בוענאס־איירעס איז געווען די הויפט־סטאנציע פון זיין לעבנס־טרוים. געבוירן און דער־צויגן געווארן אין אן ענטרע־ריאסער קאלאניע, איז דער דרייסיק יאריקער ענריקע טאלענדארף נישט געווען צופרידן מיט זיין גורל. צופיל רחבות, צופיל זון און לופט האבן די ענטרע־ריאסער פעלדער. דער בליק ווערט פארלוירן אין די ברייטע האריזאנטן און דער געדאנק מאלט ביל־דער פון דער גרויסער, ווייטער שטאט; פון א גרינג און פריילעך לעבן; פון געפרעסטע ווייסע קראגנס און העמדער מיט פארביקע שניפסן און עלעגאנטע קליידער; פון טעאטער און קינא מיט שיינע ארטיסטינס; פון נאכט־קאבארעטן מיט זייערע האלב־נאקעטע, רייצנדיקע טענצערינס, און פון די אנדערע גוטע זאכן, וואס די הויפטשטאט פארמאגט.

דער „צופיל רחבות" פון די ברייטע פליינען און אומעטיקע, אומ־ענדלעכע פעלדער און לאנקעס האבן שיטער געמאכט זיין מוח. איז שוין זיין פאנטאזיע אויך געווארן צעפלויגן, צעטראגן און דאס שווערע לעבן אויף דער טשאקרע האט זיך קיינמאל נישט געוואלט איינ־בירגערן אין זיין וועזן. נאר די הויפט־סטאנציע איז אים שווער געווען צו דערגרייכן, ווייל ער האט שוין ברוך־השם געהאט א ווייב מיט דריי קינדער.

— אך, ווי ער האט זיך עס באנארישט — האט ענריקע געקלערט — מיט זיין חתונה האבן. און ער האט גענומען טראכטן וועגן א קלע־נערער און נאענטערער סטאנציע צו דערגרייכן, ביז ער וועט אפשר,

ביסלעכווייז, צוקומען דערנאָך צו דער הויפּט־סטאַנציע — צו זיין ענד־ציל.

ער האָט געקריגן אַ פּאָר טאָלער — זיין חלק ירושה — וואָס זיינע ברידער האָבן אים ארויסגעצאָלט און האָט זיך געמאַכט אין אַ נאָענטן שטעטל אזא מין „באַליטשע", וואו די „פּונדיקעס" קומען אויסטרינקען א גלעזל וויין, קויפן א ביסל זשערבע, צוקער און נאָך קליייניקייטן. די פּונדיקעס און גאַוטשאָס, זיינע קליענטן, האָבן אים נאָך מער צערייצט און צעשפּילט זיינע בלוטן, ווייל זיי האָבן שטענדיק און נאָכאַנאַנד גע־רעדט וועגן בוענאָס־איירעס, ווי וועגן עפּעס אַ גרויס וואונדער. אַ כישוף האָט געשפּילט אין זיי, ווען די גאַוטשן האָבן, ביי אַ גלעזל וויין, זיך צערעדט און צעזונגען וועגן דער הויפּטשטאָט.

— „בוענאָס־איירעס, דו טייערע, וואונדערלעכע שטאָט פון מיינע טרוימען" — האָבן זיי געזונגען מיט אַזעלכע זיסע, ווייכע שטימען און צוגעשפּילט אויף דער גיטאַרע, אז ביי ענריקען פלעגן זיך שטעלן טרערן אין די אויגן. קיינער פון די אָרימע מענטשן איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין בוענאָס־איירעס, מחמת אַ פּשוטן טעם: זיי האָבן אויף קיין באַן־בילעט נישט פאַרמאָגט. נאָר די „קרענק" בוענאָס־איירעס האָט זיי קיינעם נישט אָפּגעלאָזט. דערציילט האָבן זיי אַזעלכע גוזמאות פון בוע־נאָס־איירעסער לעבן, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט זיך שטענדיק געקליבן אַנצוקוקן.

— ווען פאָרן מיר קיין בוענאָס־איירעס? — איז געווען זייער באַ־ליבטע פראַגע. — ענריקע, מירן פאָרן צוזאַמען אַ ביסל פאַרברענגען די צייט דאָרטן? — בעת־מעשה האָבן זיי געטאַפּט און געזוכט אין די קעשענעס צו געפינען די צען סענט פאַרן גלעזל וויין צו באַצאָלן.

— מירן פאָרן, מירן פאָרן. איך בין שוין מיט איין פוס אַ בוענאָס איירעסער — ענטפערט ענריקע אַ צעוואָרעמעטער.

— צען סענט צוקער און פאַר צען סענט זשערבע — יאָוועט זיך אַ פּאָר שוואַרצע יינגלעך, קונים אַזעלכע, „זעקס פאַר אַ דרייער", ווי ענריקע רופט זיי. ער גיט זיי די געפאָדערטע סחורה און שטרעקט אויס זיין האַנט צו זען זיך מיט די 20 סענט.

— און „לאַ זשאַפּאַ"? — שרייען אויס די באָרוועסע יינגלעך.

— אין בוענאָס־איירעס גיט מען נישט קיין צולאָג — גיט אַ געשריי ענריקע — די ניקל אהער!

— ער פאַדינט צוואַנציק סענט און גיט נישט קיין לאַ־זשאַפּע.

און דאָ איז נישט בוענאָס־איירעס — זאָגן אים אריין די שווארצע.

— אָ, גערעכט — כאַפּט זיך ענריקע צוריק — דאָ איז נישט בוענאָס־איירעס... פארגעסן... — ער קוקט אויף זיי מיט פארשעמטע בליקן.

ענריקען איז פארמיאוסט געוואָרן זיין געשעפט מיט די צען־סענטיקע קליענטן. אויך דאָס גאַנצע לעבן וואָלט פאר אים שוין נישט געהאט קיין ווערט, ווען ער זאָל מיט איין פוס נישט שטיין אין בוענאָס־איירעס. ווען די הויפּטשטאָט איז אים שוין אין גאַנצן געהאט אריינגעקראָכן אין קאָפּ, האָט ער געכאַפּט און פארקויפט זיין שפּייז־קרעמל, אוועקגעשיקט דאָס ווייב מיט די קינדער צו אירע עלטערן אין דער קאָלאָניע און זיך געלאָזט אין וועג אריין, כדי נישט צו בלייבן מיט איין פוס אהער און מיט א צווייטן פוס אהין. דער גאַנצער וועג איז אים דורכגעגאַנגען פריילעך. ס'האָבן אָפּגעקלונגען אין זיין מוח די ווערטער פון ליד:

„בוענאָס־איירעס, דו טייערע, וואונדערלעכע שטאָט פון מיינע חלומות"

און ער האָט צוגעגעבן פון זיין אייגן הארץ אזא מין תפילה:

„בוענאָס־איירעס, שטאָט פון די שטעט, איך וועל צו דיר דינען ווי צו אַ גאָט,
נאָר עפן מיר אויף די טויערן פון גליק,
נעם מיך אויף אין דיינע אָרעמס ווי אַ מוטער אַ קינד..."

פון זיין שטיקל פעלד און פון זיין קראָם איז אים קיין געלט נישט איבערגעבליבן. קוים געסטייעט אויף אַרומצוצאָלן זיך און אויף הוצאות. ער האָט זיך דערפרייט, ווען אָנקומענדיק אויפן גרויסן בוענאָס־איירעסער וואָקזאַל, האָט מען אים אריינגעשטעקט אין האַנט אַ קאַרטל פון האָטעל „בוענאָס־איירעס". „בעטן צו פעזע און פעזע פופציק, ריין און ציכטיק מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן" — האָט מען אים געזאָגט.

— און מיט עסן אויך? — האָט ער געפרעגט.

— עסן איז דאָ ביליק, אין די „גוטע לופטן". און וויפל עסנווארג ווארפט מען דאָ ארויס אין מיטסקאַסטן?...

דער ענטפער איז ענריקען אויך געפעלן געוואָרן. וויבאַלד עס האַנדלט זיך אין בוענאָס־איירעס, איז אים אַלץ געפעלן געווען. „די מיסטקאַסטנס דאַרפן דאָ אפנים אויך זיין גאַנץ פיינע" — האָט ער אַ קלער געטאָן.

קיינמאָל אין בוענאָס־איירעס נישט געווען, אָבער פרעגן צופיל דאַרף מען נישט. מע וועט שוין אַלץ אַליין זען.

די לופט אַרום וואָקזאַל און שפּעטער אין האָטעל איז עפּעס געווען אַנדערש ווי אין ענטרע־ריאָס... נאָר וואָס איז דאָ צו קלערן און חושד צו זיין? וויבאַלד בוענאָס־איירעס איז טייטש „גוטע לופטן" איז מסתמא גוט, דאַרף אַזוי צו זיין. די נאָז דאַרף זיך נאָר צוגעוווינען, דאַרף ווערן איינגעבירגערט, אַן אמתע בוענאָס־איירעסער נאָז — וועט ער דעמאָלט דערפילן דעם אמתן טעם פון גוטער לופט. מיד פון דער רייזע האָט ער אָפּגעכראָפּעט די נאַכט אין האָטעל „בוענאָס־איירעס" זייער גוט, נישט פילנדיק דערביי, חס־ושלום, קיין שטערונג פון שלעכטן גע־לעגער, צי פון עפּעס לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס זיינען געוויינלעך אין אַזוינע האָטעלן נישט קיין זעלטנקייט. דאָס האָט אים געזאָגט דער אַנטקעגנשלאָפנדיקער פּאַרשוין, אַז ער האָט געכראָפּעט זייער שטאַרק, אַ ביסל מער ווי פּאַר אַ פּעזע, וואָס ער האָט איינגעצאָלט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אייגנטלעך מיינט יענער דערמיט. דוכט זיך דאָרט, אין דער פּראָווינץ, האָט ער גאָרנישט געהאַט קיין טבע צו שנאַרכן אַזוי שטאַרק און צו שלאָפן אַזוי שפּעט. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— דאָ, אין בוענאָס־איירעס שלאָפט זיך אַזוי געשמאַק, אַ מחיה!

— פון וואַנען זייט איר? — האָט אים גאָרנישט דיסקרעט אַ פרעג געטאָן יענער.

— איך בין אַליין אַן ענטרע־ריאָסער, דאָס הייסט פון פּראָווינץ ענטרע־ריאָס.

— איר קומט אוודאי געשעפטלעך קיין בוענאָס־איירעס?

— געשעפטלעך? ניין! מיר זיינען די געשעפטן שוין אַ ביסל דערעסן געוואָרן. איך וויל מיך אָפּרוען, געקומען זוכן אַרבעט.

— אין בוענאָס־איירעס זוכן אַרבעט? זייער שיין פון אייך. מסתמא אַ קאָלאָניסטישער זון, אַוועק פון פעלד, געפּרואווט מאַכן גע־שעפט — נישט נעגאַנגען, און געקומען פּרואוון מזל אין דער גרויסער שטאָט?

— יאָ, געטראָפן! — „ס'אַרע קלוגע מענטשן בוענאָס־איירעס פאַר־מאָגט"! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — און ווער זייט איר?

— איך בין אַן אַרבעטלאָזער. קראַנק געוואָרן פון דער אַרבעט. איך קלייב מיך פאָרן טאַקע אין אייערע קאָלאָניעס. איך הייס בערל ראַסמאַן.

מיר געפעלט די פעלד־ארבעט. א סך זון, לופט, ווייט פון שטאָטישן טומל און פון אירע מענטשן, איך בין מיד פון זיי...

ענריקע האָט נישט נעגלייבט זיינע אויערן. וואָס רעדט דער מענטש, איז ער נישט אַמאָל אַ משוגענער? און אפשר האָט ער גאָר פאַרבלאָנדזשעט און אריינגעפאַלן אין אַן אַנדער שטאָט? ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן „טאַרבעטל". יאָ, שוואַרץ אויף ווייס: „גראַן האָטעל בוענאָס־איירעס". נאָר עס קען דאָך אין אַ צווייטער שטאָט אויך זיין אַ האָטעל מיט דעם נאָמען.

— זאָגט נאָר, יונגערמאַן, ווי הייסט די שטאָט... כ'מיין די שטאָט, וואו עס געפינט זיך דער האָטעל „בוענאָס־איירעס"?... כ'מיין — האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט — עפּעס אַ שיינע שטאָט, בוענאָס־איירעס? און פאַרוואָס ווילט איר טאַקע אַוועקפאָרן? אויב ס'איז אמת, קענט איר דאָך מיר איבערגעבן דאָס פּלאַץ, וואו איר האָט פריער געאַרבעט, איך האָב נישט קיין מורא פאַר קראַנק ווערן... מיר, ענטרע ריאָסער, זיינען געוואוינט צו דער שווערסטער אַרבעט.

— מיין פּלאַץ איז נאָך נישט פאַרנומען, איך קען אייך טאָן די טובה נאָר מיט אַ באַדינג: איר זאָלט מיר געבן אַ בריוו, אַ רעקאָמענדאַציע, צו אייערע פריינד דאָרטן אין קאָלאָניע, אַז זיי זאָלן מיך מקרב זיין און געבן באַשעפטיקונג. מיר וועלן זיך בייטן, — האָט ער צופרידן נעשמייכלט.

— מיטן שענסטן פאַרגעניגן — האָט ענריקע אויסגערופן — איך האָב דאָרטן ברידער, שוועסטער, די גאַנצע קאָלאָניע איז מיינע. כ'מיין, אַלע אייגענע מענטשן. און וואָס איז געווען אייער אַרבעט דאָ אין בוענאָס־איירעס?

— דאָס וועט איר שוין זען דערנאָך, קומט מיט מיר, איך וועל אייך פאָרשטעלן מיין באַלעבאָס. ער וועט אייך נעמען „מיט עסן און שלאָפן".

נאָך אין דעם זעלביקן טאָג האָבן די צוויי יונגעלייט זיך געזעגנט. בערל ראָסמאַן איז אָפּגעפאָרן אין קאָלאָניע און אויף זיין פּלאַץ האָט זיך געשטעלט אַרבעטן ענריקע. דער פויער ענריקע האָט נעדינט צום גאַט בוענאָס־איירעס בלב־ונפש. אין דעם מעבל־געשעפט, וואו ער איז אָנגעקומען אַרבעטן, האָט מען אים אויסגענוצט אויפן בעסטן אופן. צו די בוענאָס־איירעסער סוחרים, אַז עס פאַלן אַריין די דאָרפישע מענטשן, האָט מען פון זיי הנאה. ער האָט דעם דיל פון דער מעבל־קראָם געוואַשן

זייער גרינטלעך און געשלעפּט אַ שטיק מעבל אויף די פּלייצעס צו אַ קליענט נישט ערגער פון אַ פערד אָדער מאָטאָר־וואָגן. אויך ראַסמאַן האָט געאַרבעט פלייסיק, געזונט, און געווען צופרידן פון דער ערד־אַרבעט און צו אָטעמען „ריינע לופט".

זיינען פון דעם בייט ביידע דערוויל געווען צופרידן...

* * *

אויף דער ערד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די היטלער־מגפה און איז אַריינגעדרונגען אַזש צו ענריקען אין זיין אָרעמער קראָם. ענריקע האָט שוין געהאַט אַ טאַפּעצירערײ אין אַ געגנט, וואָס איז באַוואוינט פון דייטשן. זיינע קליענטן, די דייטשלעך, וואָס האָבן זיך גלייך אָנגעשטעקט מיט דער נאַציסטישער קרענק, מיט זייער ראַסן־טעאָריע, זיינען אויסגע־רונען געוואָרן פון זיין קלייט. אויף קיין רפואה האָט ער זיי מער נישט געהאַט, קיין שטאָך אַרבעט האָבן זיי אים מער נישט געגעבן. אומזיסט האָט ער געשיקט מאָנען די חובות, וואָס אייניקע פון זיי האָבן אים געקומען פאַר אַרבעט. מען האָט זיי קיינמאָל אין שטוב נישט געטראָפן...

דער דייטש רומעל, וואָס האָט אַ האָטעל־פּענסיאָן, פלעגט אים געבן צו לייזן אַ סך. ער האָט אים, ענריקען, שטענדיק געקלאַפּט אין פּלייצע:

— אַרבעטסט פלייסיק, ענריקע, און דיין אַרבעט געפעלט מיר. דו וועסט בוענאָס־איירעס איינגעמען און די וואַנצן פון שטאָט פאַרטרייבן...

— זייער וואַנצן־האָטעל וועט פון בוענאָס־איירעס נישט פאַר־שווינדן, סיידן פאַרברענען אים — פלעגט אים ענריקע ענטפערן.

אָט אַזוי שפּאַסנדיק, ווערנדיק אַ גוט־ברודער מיט ענריקען, האָט רומעל קיינמאָל נישט געצאָלט צו דער צייט פאַר זיין אַרבעט. שטענדיק אָפּגעלייגט אויף ענדע מאָנאַט, שטענדיק אים שולדיק געבליבן אַ הונ־דערטער. ענריקע אַ ייד און רומעל אַ נאַצי און אויס קליענט. און אַזוי די אַלע איבעריקע דייטשן, וואָס זיינען פלוצלינג, כמעט איבערנאַכט געוואָרן אוים דייטשן נאָך עפּעס אַנדערע באַשעפענישן, פאַר וועלכע ענריקע האָט מורא געקריגן. זיי האָבן אים אויסגעוויזן ווי מענטשן וואָס טראָגן עפּעס אַ געהיימניש, אַ פאַרשווערונג קעגן אים און אַלע יידן פון דער וועלט. בעסער פון הונגער שטאַרבן — האָט ער געקלערט — איידער פאַר זיי אַרבעטן.

— מאָן כאָמש אויף, וואָס עס קומט דיר פון זיי — האָט אים געזאָגט דאָס ווייב זיינס.

נאָר ענריקע איז געווען אַ קאַוואַליר און האָט שטענדיק געוואָרט, אַז אַ חוב זאָל מען אים ברענגען אין שטוב אַריין. און דער פּענסיאָן־אייגנטימער, רומעל, האָט געוויכט פון ענריקעס געשעפט, איז מער נישט פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך נישט געגריסט ווי אַמאָל פון דער ווייטנס און ענריקען האָט די זאַך געקרענקט. די צייט איז געוואָרן זייער שלעכט פאַר ענריקען מיט זיין פאַמיליע. ער האָט אָפּגעצאָמט אַ טייל פון זיין שוי־פענצטער און עס פאַרדונגען צו אַ זייגערמאַכער, עס זאָל פאַר אים זיין גרינגער דירה־געלט צו באַצאָלן. דער זייגערמאַכער איז געזעסן ביי זיין אַרבעט און געשוויגן, קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

די מלחמה איז אויסגעבראָכן. ענריקען איז געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער. די דייטשן האָבן געזיגט... שלעכטע גרוסן האָט מען געהערט פון די צייטונגען: די דייטשן שעכטן אויס אַלע יידן. ענריקע האָט געקלערט וועגן נקמה — און זי איז געקומען.

— די יידן זיינען אין אַלץ שולדיק — האָט איינמאָל געקריגן לשון דער זייגערמאַכער — די מלחמה וועלן מיר צוליב זיי פאַרשפּילן...

ענריקען האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן דערהערנדיק די ווערטער. ביי זיך אין שטוב האַלט ער אַ שונא, אַ דייטש און אַ נאַצי דערצו.

— איך בין דאָך אויך אַ ייד — האָט אים ענריקע געזאָגט — איז וואָס פאַר אַ חלק האָב איך אין אייער אומגליק און אין אַלע צרות פון דער וועלט?

— ווען אַלע יידן וואָלטן געווען ווי איר, ענריקע, וואָלט אַנדערש געווען — האָט דער דייטש אים געענטפערט.

— אַלע יידן זיינען אַזוי ווי איך: זיי אַרבעטן, האַנדלען, שטודירן און טוען קיינעם קיין שלעכטס נישט. זיי ליידן און פרייען זיך ווי אַלע מענטשן. זיי גייען זייער וועג און שטערן קיינעם נישט צו לעבן אויף דער וועלט, נאָר איר, דייטשן, שעכט אויס אונדזערע ברידער. דערפאַר באַצאָלט איר און וועט נאָך באַצאָלן זייער טייער...

— איך וואָלט מיין בלוט געגעבן צו קענען ראַטעווען דייטשלאַנד — האָט דער דייטש זיך נישט געקענט באַרואיקן — הייל היטלער!

— איך וואָלט אייך דאַנקבאַר געווען, הער שוויינעמאַן (אַזוי האָט מען אים גערופן), ווען איר באַפרייט מיר דאָס פּלאַץ אין מיין קראָם. איר מאַכט מיר דאָ ענג און געפּרעסט — האָט ענריקע אים איבערגעשלאָגן די קלאָג־רייד.

דער זייגערמאַכער האָט זיך אַרויסגעצויגן און ענריקען מיט זיין פרוי איז געוואָרן אַזוי גוט ווי זיי וואָלטן זיך באַפרייט פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. די דייטשן אויף די פראָנטן האָט עס אָנגעהויבן צו גיין אַלץ ערגער און ענריקען האָט אָנגעהויבן צו גיין בעסער. אַ סך דייטשע קליענטן האָבן זיך גענומען צוריק באַווייזן אין זיין געשעפט. זיי האָבן עפּעס גענומען שמייכלען צו אים מאָדנע הכנעהדיק, ווי פאַרשולדיקט אין מיטהעלפן אין אַ געמיינער זאַך. אויך דער דייטש רומעל האָט זיך באַוויזן. ער האָט זיך טויזנט מאָל אַנטשולדיקט פאַר ענריקען און אים באַצאָלט דעם חוב...

— צוליב אַ פּאָר משוגעים דאַרף די וועלט אַזויפיל ליידן — האָט ער געזאָגט און געטרייסט ענריקען, אַז די מלחמה וועט זיך גאָר גיך ענדיקן... נאָר ענריקען האָבן די אַלע זאַכן און געשעענישן נישט געטרייסט און אויף אים קיין איינדרוק נישט געמאַכט, ער האָט שוין עפּעס ביי זיך אין הארצן געהאַט באַשלאָסן און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט...

איינמאָל איז בערל ראָסמאַן געקומען קיין בוענאָס־איירעס און איז זיך גלייך געקומען זען מיט ענריקען. ער האָט אויסגעזען געזונט, פאַרברענט פון דער זון, פריילעך און מונטער. זיין בלייכקייט און קרענקלעכער אויסזען איז פון אים פאַרשוואונדן.

— ווי גייט עס אייך אין בוענאָס־איירעס? ווי גייען די געשעפטן?

— האָט ראָסמאַן געפרעגט ענריקען, קוקנדיק אויף זיין נעבעכדיקן אויסזען און אויף זיין אָרעמער, פּוסטער קראָם.

— ווי אַ מאָל. געווען שלעכט, בעסער, ווידער שלעכט און ווידער בעסער. ס'איז געווענדט ווי אַזוי דעם דייטש גייט אויפן פראָנט... און ווי גייט עס אייך דאָרט, אין ענטרע־ריאָס, בערנאַרדאָ? — האָט ענריקע געקוקט מיט קנאה אויף יענעמס געזונט, פריילעך פּנים — קומט איר אפשר צוריק זיך באַזעצן אין בוענאָס־איירעס?

— ניין. געקומען קיין בוענאָס־איירעס צו דער ייק"א בעטן אַ קאַמפּ אויף אויסצאָלן. איך האָב שוין חתונה געהאַט און וויל זיך באַזעצן אויף ערד. דאָס איז מיין אידעאַל. פאַר אייך, ענריקע, איז גוט בוענאָס־איירעס, פאַר מיר נישט...

ענריקע האָט זיך שיר נישט צעוויינט, הערנדיק, אַז פאַר אים איז גוט בוענאָס־איירעס. ווי שטאַרק האָט ער לעצטנס געבענקט צוריק צום

פעלד; צום געזונטן און רואיקן לעבן; צום לעבן, וואו מען דאַרף נישט זיין אָפּהענגיק פון די דייטשן מיט זייער „פירער".

— איך וועל מיט אייך אריבערגיין צו דער ייק"א, ליבער ראַסמאַן, מיר איז שוין מיאוס אזא לעבן. דאָס שטאָטישע לעבן איז נישט פאַר מיר, איך ווער אַ בעל־תשובה...

אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען דער דייטשישער זייגערמאַכער שוויינעמאַן און האָט אַוועקגעלייגט אַזאַ מין לשון:

— סעניאָר ענריקע, איך בין אַנטוישט אין נאַציזם. די נאַציסטן ברענגען אום די וועלט און זיי זיינען פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. זיי האָבן שלעכטס געטאָן די יידן און דערפאַר האָבן זיי פאַרשפּילט... איך גיי אַרום הונגעריק, עלנט, מיינע אייגענע דייטשן ווילן מיר נישט העלפן... העלפן קען מיר נאָר אַ ייד, ווייל דער ייד איז גוט און ווייכהאַרציק... איר, ענריקע, זייט גוט צו מיר און גיט מיר צוריק דאָס פּלאַץ אין אייער קראָם.

— נו, וואָס זאָגט איר, ענריקע, איר גייט נאָך אַלץ מיט מיר צו דער ייק"א? אַה?

ענריקע איז געשטאַנען פאַרטראַכט. ער האָט געחלומט אויף דער וואָר. ער שטייט אין מיטן פעלד. די זון האַלט אין פאַרגיין. די פעלדער זיינען פאַרגאָסן מיט ליכט און אַ קיל ווינטל פּאַטשט אים אויף דער ברוסט און רייסט אים דאָס העמד. זיין צעפלאָמט געזיכט ווערט אָפּגעקילט, זיין געמיט באַרואיקט. עפּעס אַזאַ שטילע און אָנגענעמע מנוחה ווערט צעגאָסן אין אַלע אברים און די ליפּן שעפּטשען אַ תפילה צו דער גאָטור, צו דער זון, צום רחבותדיקן פעלד, וואָס איז איצט באַשאָטן מיט גינגאָלד. עס הערט זיך פּלוצלינג אַ הירזשען פון אַ יונג לאָשיקל, דאָס מעקען פון אַ קו און דאָס געבעט פון אַ שעפּעלע, וואָס איז איינזאַם געבליבן אין פעלד, ווייל דער פּאַסטוך האָט זיך אין דעם פאַרגעסן. די ליפּן מורמלען אַ תפילה צו די בהמות אין פעלד, וועלכע זיינען אַזוי גוט צום מענטש און גיבן אים בשפע אַלדאָס גוטס: מילך און וואָל און אַרבעט צו דערנערן דאָס ווייב און קינד, און אַליין דאַרפן זיי אַזוי ווייניק — אַ ביסל גראָז און אַ קאָריטע וואַסער נישט מער. ענריקע איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרחלומט און זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט. אין זיינע בלויע אויגן האָבן געגלאַנצט שווערע, גרויסע טרערן ווי איידלשטיינער. די מענטשן האָבן אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און נישט געוואַגט איבערצורייסן זיינע געדאַנקען. נאָר באַלד איז אויסגעוואַקסן אַ

גאָוטש מיט אַ גיטאַרע, מיט פאַרחלומטע אויגן, און מיט אַ פאַרצויגענעם מעלאַנכאָלישן ניגון האָט ער געזונגען, צושפּילנדיק צום טאַקט: „בוע־נאָס־איירעס דו טייערע, וואונדערלעכע שטאָט פון מיינע חלומות"...
ענריקע האָט אויפגעשווידערט. אַ קעלט און אַ גרויל איז אים דורך איבערן לייב, ווי לעבעדיקע מייזלעך וואָלטן אויף אים געקלעטערט. ער שטרעקט אויס פּלוצלינג זיין האַנט, וויל אָנכאַפּן די גיטאַרע און זי שליידערן צו דער ערד, צעברעכן אויף שטיקלעך אָט־דעם פאַרפירערישן אינסטרו־מענט, וואָס האָט אים פאַרשלעפּט אין דער גרויסער שטאָט מיט אירע מענטשן, אין דער קאַלטער שטיינערנער שטאָט מיט אירע זאָרגן און מאַטערנישן, מיט איר פאַלשקייט און חניפה...
זיין האַנט האָט אָבער אָנגעכאַפּט דעם דייטש ביי די לאַצן און אים גענומען טרייסלען, ווי עס טרייסלט אַ שטורעם־ווינט אַ יונג ביימל. ער האָט זיך צעשריען נישט מיט זיין קול, ווי עס וואָלט פון אַ גאַנצע פאַרפּייניקטע מאַסע אַרויסגערעדט:
— איר גזלנים, מערדער! איר האָט אונדזערע לעבנס פאַרשניטן. איר האָט פאַרפּייניקט אונדזערע פרויען און קינדער. געשענדעט אונדזערע טעכטער. פאַרברענט אונדזערע היימען. אַ גאַנץ פאָלק חרוב געמאַכט. דאָס אומשולדיקע בלוט שרייט פון דער ערד אַרויס. עס וועט באַלד אַרויסשטראָמען פון דער ערד און ווי אַ לאַווע וועט עס פאַרגיסן און פאַרטרינקען די וועלט, די גלייכגילטיקע שלעכטע וועלט...
ענריקעס קול האָט געציטערט, און באַלד איז ער פאַרשטומט גע־וואָרן. אַ שרעקלעכן ווייטיק האָט ער דערפילט אין האַלדז ווי אַ דאָרן וואָלט אים געשטאָכן אין גאָרגל. ער איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט, נאָר גיך האָט ער צוריקבאַקומען זיין לשון, און מיט אַ פאַרשטיקטן טאָן, ווי טרערן וואָלטן אים פאַרהאַלטן די ווערטער אין האַלדז, האָט ער געמורמלט:
— איצט, ווען איר זענט געפאַלן, ווען אייך איז שלעכט קומט איר צום יידן, ער זאָל אייך העלפן: „דער ייד איז גוט, דער ייד איז ווייכהאַרציק"... יעדער ייד איז אַ בעל־רחמים — און אַ בעל־רחמים האָט נישט קיין רעכט אויף נקמה — האָט זיך ענריקע צעלאַכט מיט גאַל. זיך ווענדנדיק צו ראַסמאַנען, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:
— יאָ, מיין ברודער, איך גיי. מיר איז פאַרמיאוסט די שטאָט. איך בין מיד פון אירע לייט; מיד פון זייער רשעות און מיד פון זייער גוטקייט און חרטה... צוריק צום פעלד. צו די פלאַנצן און צו די חיות. מיט

די באַשעפענישן וועט אונדז זיין בעסער, זיי וועלן אונדז בעסער פאַר־שטיין, ווייל זיי זיינען אומשולדיקער און ריינער ווי די מענטשן...

צו דעם איבערגעשראָקענעם דייטש, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרלאָ־רענער, אַ פאַרמשפּטער, איז געפאַלן זיין לעצטער בטול־בליק ווי דער שאַרף פון אַ חלף.

ענריקע איז צוריקגעגאַנגען צו דער ערד, צו דער נאַטור, וואָס ער האָט לייכטזיניק פאַרלאָזט.

.2-5 — 1945

דער קיילעכדיקער מיליאָן

מען האָט אים גערופן „דער עקשן", „דער תם", דער „לעבעדיקער מת" און נאָך מיט אַנדערע צונעמען. ער, דער קרוב זעכציק־יעריקער האָראַסיאָ גאָלדינער, האָט זיך קיינמאָל נישט באַליידיקט פון אַ שטעכוערטל אָדער פון אַ חוזק־שמייכל אויף זיין חשבון. זיין פּנים האָט קיינמאָל נישט געלאַכט און קיין שאָטן פון שמייכל האָט זיך אויף אים נישט באַוויזן. זיין געזיכט האָט נישט פאַרמאָגט קיין באַזונדערע שטריכן: נישט קיין גוטע און נישט קיין שלעכטע. אין זיין בליק איז געווען עפּעס פון אַ תם, אָבער פאַר קיין נאַר האָט מען אים נישט געהאַלטן. ער האָט פאַרמאָגט אַ דין קעלעכל און האָט צוגעפּאַנפעט ביים רעדן. ווען ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָבן זיינע גרינע אויגן אַ לייכטן פינטל געטאָן, נאָר זיין קאָפּ האָט זיך נישט באַוועגט. ער איז באַשטאַנען שטענדיק אויף זיינס און ס'איז געווען שווער אין עפּעס אים איבערצוציינגן. ווען עפּעס האָט זיך אַרויסגעבאָמבלט פון זיין מויל, איז דאָס שוין געבליבן פאַר אים ווי פאַרגליווערט.

גאָלדינער איז געווען אַ מענטש, נישט קיין בעל־גאווה און נישט קיין אויספּיינער. דאָס האָט ער באַוויזן דורך זיינע פּשוטע און אָפּגענוצטע בגדים און מיט זיין זיצן גלייך אויסגעצויגן אויף דער גאַליאַרקע אין טעאַטער. זיין גרויער קאָפּ האָט זיך שטאַרק אויסגעטיילט פון די אַרומזיצנדיקע מענטשן, צום גרעסטן טייל אַרבעטער און נישט־פאַרמעגלעכע. די מענטשן, וואָס האָבן אַ מיאוסע טבע צו זיצן אונטן, פאַררייסן די קעפּ און זיך אַרומקוקן אין דער הייך, פּלעגן אים גלייך דערקענען — דעם גרויסן נגיד האָראַסיאָ גאָלדינער. אָבער ס'רירן אים

נישט אָן די טריפּהנע, נישט פאַרגינערישע בליקן, ווייל וואָר ווייסט דען, אַז ער האָט אַ סך געלט? בסך־הכל זאָגט ער דאָך קיינעם נישט אויס וועגן זיין פאַרמעגן. פון זיין משפחה אָדער סתּם באַקאַנטע האָט ער קיינעם נישט אָנגעשטעלט אין זיין גרויסער פאַבריק, אָדער אין אַנדערע געשעפטן זיינע. אפילו קיין פּשוטע אַרבעט האָט ער אויך קיינמאָל נישט געגעבן אָן אייגענעם, כאָטש זיי האָבן זיך שטאַרק געניייטיקט אין דעם. ער האָט געטאָן אַלץ, מען זאָל זיך נישט דערוויסן וויפל ער פאַרמאָגט. גאָלדינער האָט סתּם פיינט געהאַט, מען זאָל אים אַריינקוקן אין טעפּל. און צו וואָס דאָס אַרויסווייזן און אַרויסשטעלן זיך, ס'קומט דערפון קיין געזונט נישט צו. מען האָט אים איינמאָל פאַרגעשלאָגן, ער זאָל געבן אַ געוויסע סומע אויף אַ וויכטיקן צוועק, האָט ער נישט קלערנדיק געענטפערט, אַז ער זוכט נישט קיין כּבוד. קיין עולם־הזהניק איז ער אויך נישט געווען. די פּשטות האָט זיך געפילט אין אַלץ, אפילו אין עסן. נישט ווי אַנדערע, וואָס פרעסן און זויפן געבראָטענע קאַטשקעלעך מיט וויין און פיינע קאָמפּאָטן. ניין, ער האָט זיך געגעסן פּשוטע עסנס: אַ שטיקל רינדפליש, אַ טעלער געקעכץ, פאַרטרונקען מיט שטוב־וואַסער און גענוג. זאָל איבערבלייבן פאַר אַנדערע אויך. צו וואָס אויפפרעסן מער וויפל מען קען און מען באַדאַרף? אמת, די אַנדערע גבירים האָבן גרויסע בייכער, זיי האָבן די געבראָטענע מאכלים וואו אהינצוטאָן און ער, גאָלדינער, איז איינגעשרומפּן ווי אַן איינגעטרוקנטע פייג. דאָס נעמט זיך ביי אים פון אַ סך אַרבעטן און לויפן פון פרי ביז נאַכט, ווען ער ציילט אָפּ דאָס געלט, פאַרענדיקט זיינע חשבונות און גייט שלאָפן. דאָס געלט־מאַכן, דאָס אָנזאַמלען אַ גרויס פאַרמעגן איז ביי אים נישט געקומען צוליב סתּם וועלן רייכער ווערן פון אַנדערע. ניין, ס'איז געווען אַ סוד, ווי אַלץ אין זיין לעבן איז פאַר זיינע באַקאַנטע נישט געווען פאַרשטענדלעך: ווי זיין נישט חתונה האָבן און ליגן אויף זיין געלט און דערפון נישט געניסן. ס'איז געווען אַזאַ מין וואָרט, וואָס ער האָט זיך געגעבן, אַז ער וועט אָנהייבן לעבן אין רחבות און וועט חתונה האָבן, ווען ער וועט דערגרייכן אַ גאַנצן קיילעכדיקן מיליאָן. ס'איז געווען דעמאָלט, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל און די דחקות אין שטוב ביי זיינע עלטערן איז געווען גרויס. די מאַמע זיינע האָט אים אויסגעטיילט דאָס שטיקל ברויט און ער, דער קליינער אַשרל, האָט זיך אָנגעהערט פאַנטאַסטישע מעשׂות וועגן מיליאָנערן.

— ווי ווערט מען א מיליאָנער? — האָט ער איינמאָל א פרעג געטאָן זיין מאַמען.

— א מיליאָנער ווערט מען געבוירן, מיין קינד, אז דיין טאַטע איז אַן אָרימאַן, ווי קענסטו זיין א מיליאָנער? ...

ער האָט דעמאָלט באַמערקט טרערן אין דער מאַמעס אויגן און האָט שוין מער נישט געפרעגט. נאָר דער מאַמעס ענטפער האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט געהערט וועגן אָרימע צייטונגס־פאַרקויפערס, וועלכע זיינען געוואָרן מיליאָנערן און אויך פון אזוינע, וואָס פון שפּאָרן זיינען זיי געוואָרן רייך. האָט ער איינמאָל נאָר דערטאַפּט דעם סוד איז שוין געווען געגנוג. ער האָט זיך דאַן געקויפט א קליין בלעכן פּושקעלע און אריינגעוואָרפן אהין יעדן גראָשן, וואָס ער האָט פאַרדינגט פאַר פאָלגן א גאַנג, אָדער א מאָל פון חנוכה־געלט וואָס ער האָט געקראָגן פון א פאַרמעגלעכן קרוב. דערנאָך אלס שיק־יינגל אין א קראָם, און ווען ער האָט שוין געהאַט אַן אייגן געשעפט, האָט ער געשפּאָרט נאָך מער און זיין וואָרט נישט געבראָכן. ער האָט זיך געאיילט צו זיין ציל — צום קיילעכדיקן מיליאָן ... יעדן פרימאָרגן פלעגט ער זיך אויפוועקן און עפענען די אויגן אין דער באַשטימטער שעה, פּונקט אין דעם מאָ־מענט, ווען דער וועקער פלעגט אָנהייבן צו קלינגען. ס'איז געווען א סוד, ווער עס פלעגט זיך פעדערן: גאָלדינער צי דער וועקער. גלייך ווי ער האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף, פלעגט זיין דאַרער גוף ארויסגעשליי־דערט ווערן פון בעט, ווי א קאָנוואולסיע וואָלט דאָס „זעקל ביינער", וואָס טראָגט דעם נאָמען הארָאסיאָ גאָלדינער א הייב געטאָן און אים אוועקגעשטעלט אויפן דיל. קוים איז ער שוין געשטאַנען אויף די פיס, האָט זיך אָנגעהויבן א גאַנג דורכן גאַנצן טאָג. געקויפט, פאַרקויפט, געהאַוועט פון פאַבריק אין באַנק, פון באַנק אין פאַבריק — קיינעם נישט געטרויט די פּעק מיט געלט. אליין אויסגעצאָלט די מענטשן און אין די בענק איז געוואַקסן זיין קאַפּיטאַל. מיט קיין אייגענעם אויטאָ איז ער קיינמאָל נישט געפאָרן, ווי עס האָבן עס געטאָן די אַנדערע גבירים, די אויספּיינער, די בעלי־גאווה. אפילו א טראַמוויי האָט ער אויסגעשפּעקו־לירט צו נעמען וואָס ווייניקער. ער האָט צייטנווייז אַליין אויסגעזען ווי אַן אויטאָמאַט, אַן אָנגעדרייטע ספּרוזשינע, וואָס באַוועגט זיך מיט דער פּינקטלעכקייט פון א מאַשין. איז צו וואָס זאָל איין מאַשין פאָרן אין דער צווייטער? גאָלדינער האָט געגלייבט, אז „די ברכה ווערט גע־שיקט אין די פאַרמאַכטע שפּייכלערס, אין זאַכן וואָס זיינען פאַרבאָרגן

פאַרן אויג". דאָס האָט ער נאָך געדענקט פון חדר: „פון ארויסוויי‍זן זיך קאָן אַפּקומען און פון אויספיינען זיך קען גאָרנישט צוקומען"... זיינע ארבעטער וואָלטן גראָד יאָ געוואָלט, אז ער זאָל זיין אזא מין אויספיינער, ווי עס טרעפט זיך אַמאָל אַ באַלעבאָס אַ פּאַבריקאַנט גייט ארום מיט אַ הוספה פאַר זיינע ארבעטער, מעג אפילו זיין צוליב איינענע אינטערעסן, צו פאַרדעקן צו גרויסע פאַרדינסטן, אָבער עס זעט אויס ווי ברייטהאַרציקייט צו זיינע מענטשן. ביי נאָלדינערן קומט אָן יעדע לוין־העכערונג מיט גרינער גאַל, מיט שטרייקן. ער גייט זיין וועג פון עניוות, ער וויל זיך נישט לאָזן צעקלינגען ווי מיט גלאָקן. נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. מענטשן האָבן ליב וועגן יענעם צו ריידן, זיך גריבלען אין יענעמס פאַרמעגן און שאַצן יענעמס גוטס. און נאָלדינער האָט געגומען צוליינן אָן אויער, אזוי זייטיק, קוקנדיק דערביי צום סופיט.

— נאָלדינער האָט די ווערט אַ גאַנצן מיליאָן — האָט געזאָגט איינער.

— נאָך מיט אַ צולאָג — האָט געזאָגט אַ צווייטער.

— דאָן האָראַסיאָ איז שוין ווייט פאַרפאַרן אויף יענער זייט מיליאָן — האָט איבערגעחזרט אַ דריטער.

פון אזוינע רייד פלעגט ער זיך פילן דערשלאָגן און פלעגט אַמאָל אויך אריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג, ווייל ער, האָראַסיאָ נאָלדינער, האָט געוואוסט בעסער פון די אַלע שאַצערס און באַריידערס, אַז עס פעלט נאָך אַ סך צום מיליאָן.

נישט אזוי לייכט מאַכט זיך אַ גאַנצער, קיילעכדיקער מיליאָן. די הונדערטערס און די טויזנטערס האָבן זיך ווי פאַרוועט מיט די גרויע האָר אין זיין קאָפּ, ווער וועמען עס וועט איבעריאָגן. כאָטש נאָלדינער האָט עס נישט באַמערקט — צופיל חשבונות האָבן זיך אים שטענדיק געדרייט אין קאָפּ — ער זאָל וויסן וואָס עס טוט זיך ביי אים אויפן קאָפּ. איז עס דען אַ חילוק, וואָסער קאָליר די האָר האָבן? נאָר אויף די שאַצערס איז ער געווען אין כעס, מען קען זאָגן אויפגעבראַוזט. ער גייט אזוי איינגעקעשנט, אזוי פאַרבאָרגן זיין וועג; ער האָט אַ ציל אין לעבן און זיי, די ליידיקגייער, די מיאוסע לצים, וואָס האָבן קיין אַנדער זאַך נישט צו טאָן ווי נאָר אַפּצושאַצן יענעמס געשעפטן, יענעמס גוטס, זיי פאַרלויפן אים דעם וועג. לויט זייער אויסרעכענונג וואָלט ער שוין זיין ציל נעדאַרפט האָבן דערגרייכט און שוין געקענט אָנהייבן לעבן מיט לייטן גלייך. ער וואָלט שוין געקענט אָנהייבן פירן אַ פאַמיליען־לעבן און

טאקע פארזוכן דעם טעם פון זיין א מיליאנער. נאר ריידן איז זיי גרינג און גוט. זאלן זיי פרובירן, וועלן זיי וויסן ווי גרינג דאס איז צו דער־גרייכן! די אלע שאצערס און נישט־פארגינערס האבן דען צו טאן מיט די הייניקע ארבעטער, וועלכע ווילן אלע ווייעלע הוספות? די אכט שעהעלעך ארבעט לויפן אוועק ווי א רויכל. וויפל ארבעט קענען זיי ארויס־געבן דורך אט אזא קורצן ארבעטסטאג? און פאר קראנקהייט, וואס מען דארף צאלן און די שטרייקן!... וואקאציעס דארף מען זיי געבן — די ארבעטער און אנגעשטעלטע — באצאלטע. ער, גאלדינער, האט שוין באלד זעכציק יאר פארבראכט אויף דער זינדיקער ערד און האט נאך קיינמאל קיין טאג אפרו נישט גענומען. ארבעטן, דאס וועט יעדער מודה זיין, ארבעט ער פאר מער ווי איין מענטש און ווערט נישט אזוי ניך מיד, אז ער זאל דארפן נעמען וואקאציעס. אויך קראנק זיין איז גרינג אויף יענעמס חשבון, נאר ער, גאלדינער, האט קיינמאל קיין צייט נישט געהאט פאר דעם.

נאך די אלע אנשטרענגונגען האט ער קיין מיליאן נישט געמאכט. עס פעלט נאך געגוג, כאטש ביי די פאנטאזיארן האט ער דאס שוין לאנג דערגרייכט. נאך אזעלכע איבערלעבונגען, האט גאלדינער נאך מער גע־נומער שפארן און זיך אויסבאהאלטן מיט זיין פארמעגן. ער האט זיך אויך זעלטענער באוויזן צווישן זיינע באקאנטע און פריינד, כדי נישט אויס־צוהערן זייערע נארישע רייד. די שניידערס האט ער אויפגעהערט צו באגליקן מיט א באשטעלונג אויף אן אנצוג. ער האט זיך אויסגעזוכט גענוצטע ביליקע בגדים. די פריזירער האבן זיין פרצוף נישט אנגערירט. די האר פון קאפ זיינען אים אויסגעקראכן און געראזירט האט ער זיך אליין. די שוך־פוצער זיינען מיד געווארן אים צו רופן. ס'האט נאך נישט פאסירט, אז ער זאל גאר האבן צייט זיך אפצושטעלן. אז ער איז אמאל אריינגעפאלן אין א קאפע, האבן די קעלנער געדרייט מיט די נעז פון זיין מאגערער „פראפינע". נאר גאלדינער האט זיך געמאכט נישט זעענדיק און ווי ער וואלט נישט פארשטאנען די קרומע מינעס פון די אלע לייט, וואס לעבן פון טרינק־געלט, פון א ביינדל וואס מען ווארפט זיי צו. פון וואנען זאלן זיי וויסן זיינע געהיימע וועגן, זיין איינגעעקשנטן ציל וואס ער האט זיך געשטעלט אין לעבן, אז מיט יעדן סענט, וואס ער שפארט אפ פון א קעלנער, צי פון א שיך־פוצער, קומט ער נענטער צו זיין געגארטן, אויסגעווייטיקטן חלום?... עס טרעפט, אז ער פאר־געסט זיך אין גאנצן צו געבן טרינק־געלט די „אנלייגערס" וואס זוכן און

טאַפּן מיט זייערע בליקן איבער יענעמס פינגער. דעמאָלט גיט אים אַ צופּ אַ שטיקעלע חרטה. ער פאַרגלעט עס אָבער גלייך מיט אַן אויסרייד, מיט אַ תירוץ: ס'וועט שוין קומען די צייט, וועלן די אַלע אומצופרידענע פון אים געניסן. זאָל נאָר ווערן דער קיילעכדיקער זיבן־ציפערדיקער, וועט ער שוין אַלעמען, ווי ווייט מעגלעך, צופרידנשטעלן און פאַרגיטיקן.

פון אַזוינע קליינקייטן האָט ער זיך צום האַרצן נישט גענומען. פון דעסטוועגן האָט ער גענומען פילן, אַז אויף דעם פּלאַץ, וואָס מען זאָגט, אַז דאָרט געפינט זיך דאָס האַרץ, קלאַפּט עפּעס צו גיך און ער ווערט באַגאַסן מיט שווייס. זאָל דאָס זיין, אַז די אַרבעטער דערגייען אים ביזן האַרץ אַריין? זיי, וואָס ער פאַרדינט פון זיי אַ שיבוש, ווילן אים רואינירן און אומברענגען. זיי טוען אים צו להכעיס און פאַרהאַלטן דעם טאָג פון זיין גאולה... אים אויף צעפּיקעניש שטרייקן זיי דווקא אין סאַמע סעזאָן, ווען מען פאָדערט סחורה פון אַלע זייטן, שטייען שטיל די רעדער פון זיין פאַבריק. די צייט לויפט, די יאָרן רוקן זיך אַוועק. „דער טאָג איז קורץ און די אַרבעט גרויס". צי וועט ער זיין ציל דערגרייכן?

גאָלדינער האָט אָנגעהויבן ליידן פון אַזאַ מין קרענק, אַזאַ מין אָנ־ישיקעניש, וואָס מען רופט עס „אינערלעכע אויפרעגונג". די פאַבריקאַנטן פון זיין פאַך — האָט ער אויסגעזוכט אַ נייעם שולדיקן — דערדריקן אים מיט זייער קאָנקורענץ. שטעלן זיך ווי דובינעס אים אין וועג. אַ סך פון זיינע לאַנדסלייט, וואָס זיינען דאָ אין אַרגענטינע געוואָרן גרויסע פאַבריקאַנטן, וואָס זיינען זיי געווען אין דער אַלטער היים, אין דער ליטע? פּשוטע וועבער, אָפּגעריסענע אַרבעטער, צי סתם אָרימעלייט. זיי קענען זיך באַנוגענען מיט ווייניק פאַרדינסט. זיי האָבן שוין זייער אָמ־ביציע דערגרייכט. אייניקע פון זיי זיינען שוין טאַקע אמתע מיליאָנערן און די אַנדערע ווייסן גאָרנישט וואָס עס איז אַזוינס. זיי באַנוגענען זיך מיט ווייניק, כמעט מיט גאָרנישט. אַ פּאָר צענדליק טויזנט פּעזאָס איז ביי זיי אַ פאַרמעגן... זיי האָבן דאָ אַלע חתונה געהאַט. אייניקע פון זיי האָבן שוין קינדער, וואָס שטייען אין שידוכים. אַ טייל פון זיי האָבן שוין אפילו אייניקלעך, נאָר ער איינער דאַרף ליידן פאַר די אַלע...

זייערע קינדער און איידימס, אַלע האָבן זיך גענומען צו וועבעריי. שטעלן וועבשטולן און פאַרפלייצן דעם מאַרק מיט זייערע שלעכטע און ביליקע שטאָפן. אויף זיי קוקנדיק זיינען אָנגעלאָפן סתם „שורבור" און „כל הנערים", מענטשן וואָס זיינען גאָרנישט פון פאַך, און גענומען אויס־

שרייבן פון אויסלאנד אלץ מער „שטולן", וואס זיינען אים, גאלדינערן, ווי שטעקנס אין די רעדער. ס'איז א מאדע אזא געווארן, די וועבשטולן. מען גיט זיי חתנים אין נדן אריין, און ארימע יונגעלייט, לײדיקגייער, ווערן „פאסיאנערן" אדער „פאבריקאנטן". זיי ווילן דא מאכן א צווייטע לאדזש, א מאנטשעסטער — האט גאלדינער געטענהט מיט איינגעהאל־טענער אויפרעגונג.

— פאר וועמען ארבעטן זיי מיט דער גאל אזויפיל? קומט דען וויניק סחורה פון אויסלאנד, און צי איז דען פאראן אין ארגענטינע אזויפיל מענטשן צו באקליידן? צי וועלן זיי האבן, די שווארצע און פארשווארצטע מענטשן, אזויפיל געלט צו באצאלן פאר די אויסגעאר־בעטע זייד־ און וואל־שטאפן? די אלע פאבריקאנטן־גזלנים, וואס צאלן די וועבער־ארבעטער הויכע לוינען און פאבריצירן „אויף לאגער", וועלן זיין באנקראט. ס'וועט פלאצן. א קריזיס וועט קומען און אלעמען רואי־נירן. די אלע „קלאפער", שניידער־גזעלן און סתם לײדיקגייער, וואס זיינען געווארן וועבער אין וויזשא לינטש, וועלן צוריקגיין צו זייערע „פעקלעך", צו זייערע נאדלען און לײדיקגייעריי. די פעדלער־קווענטע־ניקעס, קרעמער און פשוטע וועבער, וואס זיינען איבערנאכט געווארן פאבריקאנטן פון וואלענע און זיידענע שטאפן; די בעטן־מאכערס און הענדלער אויף די מארק־פעריעס, וואס האבן געשטעלט שפינערייען — די אלע וועלן זיך איבערקערן. אין זייערע פאבריקן וועלן שדים טאנצן... די אלע לייט מיינען קיין אנדער זאך נישט ווי נאר אים, גאלדינערן, צו צעברעכן און אליין זיך דערווערגן. אנדערש האט ער נישט געקענט פאר־שטיין די אלע קרומע מוחות, וואס האבן זיך אנגעלייגט אויפן לאנד און אויף זיין קאפ און דערלאזן אים נישט קומען צום תכלית...

גאלדינער האט געטראפן. דער קריזיס איז געקומען. די פאבריקן זיינען מער געשטאנען ווי געארבעט. די סחורות־לאגערן האבן זיך נישט גערירט, ס'איז געווארן „אין קונה". מען האט די פרייזן געווארפן צו דער ערד. ס'האבן זיך גענומען צעלויפן די אלע „אנגעלאפענע" פון די וועבערייען, און די אויסגעשריבענע וועבשטולן, וואס זיינען געלעגן אין צאלאמט, אין פארט, זיינען דארט פארגליווערט געווארן. גאלדינער איז געווארן אלץ מער צערודערט. ער האט אנגעהויבן גלייבן, אז עפעס א כישוף, עפעס א געהיימע זאך, וואס האט נישט קיין באשטימטן נאמען, שטעלט זיך אים אין וועג. ער האט שטענדיק געגלייבט אין כוח פון מזלות און זיך געשראקן פאר געוויסע נומערן, וואס זיינען פאר אים

שלימזלדיק. ער האָט זיך גענומען גריבלען און גענישטערט אין אַלע סגולות און תרופות, כדי צו באַקעמפן דעם שטן מקטרג אָבער לייכטער איז אים נישט געוואָרן. ס'האָט אים באַהערשט אַ שרעק פאַר אַן אומבאַ־וואוסטער, אומבאַשטימטער זאַך, וואָס שטייט הינטער זיין פּלייצע און נייט אים נאָך ווי אַ שאָטן. ווען אימיצער האָט זיך דערמאָנט אַ קוק צו טאָן אויף גאָלדינערן, דעם „תם", האָט ער ספּאָנטאַן אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן: אַ לעבעדיקער מת. ווען אימיצער האָט דעם „לעבעדיקן מת" דערמאָנט וועגן טויט, האָט ער גלייך פאַרשטאָפּט די אויערן:

— רעדט נישט וועגן דעם, רעדט וועגן פריילעכערע זאַכן — פלעגט ער אַ זאָג טאָן און אַנטלויפן אין זיינע פיר ווינקלען, מיט זיך אַליין, מיט זיין אומעט און פאַרצווייפלונג. רעזיגנאַציע און פאַרצווייפלונג האָט גאָלדינערן באַהערשט. און ווען אַלע וועגן זיינען פאַר אים געווען פאַר־שטעלט און זיין פאַרגליווערטער פאַרלאַנג און מאַניע צו ווערן אַ מיליאָ־נער — פאַרשפּילט, איז ער פּלוצלונג געהאָלפן געוואָרן.

2

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווי אַלע פרימאָרגנס פון אַ גאַנץ יאָר האָט זיך הארַאסיאָ גאָלדינער אויפגעוועקט פאַרטאָג, ווי שטענדיק צו דער באַשטימטער צייט, הגם ער האָט דעם וועקער נישט געהאַט אָנגעשטעלט. ער האָט געהאַט באַשלאָסן דעם טאָג צו שלאָפן שפּעט לכבוד דעם, וואָס ער האָט דערגרייכט זיין ציל. אַ מאַטער גאָלדשיין פון פרימאָרגן־ליכט האָט זיך צעשפּילט איבער זיין בעט, ווי ער זאָל וועלן באַגילדן דאָס וואַקסענע פּנים פון דעם ניי־געבאַקענעם מיליאָנער. גאָלדינער איז גע־לעגן אַ באַרואיקטער מיט אַן אויסדרוק פון זיג אין די קנייטשן פון זיין פּנים, אַרום די מויל־ווינקלען. דער טאָג האָט גענומען שטעלן דריבנע טריט ווי די ערשטע טריט פון אַ קינד. דער גאָלדשיין אויף גאָלדינערס פּנים האָט זיך איצט פאַרוואַנדלט אין אַ מילך־שיין, וואָס האָט אים אָפּגעווייסט מיט אַ קאָליר פון אַן אָפּגענוצטן מעשענעם טאָפּ.

גאָלדינער איז געלעגן אויסגעצויגן רחבותדיק אַ לאַנגע צייט, ווי אַ מיליאָנער קען זיך פאַרגינען, און האָט געטראַכט בנעימותדיק. ער האָט נעכטן געמאַכט אַ באַלאַנס פון זיין פאַרמעגן און ס'האָט ווייט אַריבערגעשטיגן דעם מיזעראַבלען מיליאָן. ס'איז געווען צו פאַרדאַנקען דער מלחמה אויף דער וועלט. מיליאָנען מענטשן וועלן רואינירט ווערן

און אומקומען, אָבער גאָלדינער איז אויפגעריכט געוואָרן. ס'איז נישט זיין שולד, ער האָט די מלחמה נישט געמאַכט. מלחמה הייסט טויט און גאָלדינער האָט אַזוי שטאַרק מורא פאַר דעם. בלויז טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט ער זיך פאַרשטאָפּט די אויערן. ס'איז נישט זיין שולד, וואָס זיין סחורה־לאַגער איז אין ווערט מער ווי פאַרטאָפּלט געוואָרן, וואָס זיינע מאַשינען זיינען איצט געשטיגן און מען קריגט זיי נישט פאַר קיין שום געלט. דאָס וואָס ער האָט נישט געקענט דערגרייכן מיט זיינע לעצטע כוחות, האָט אים געבראַכט דער בלינדער צופאַל. נאָר גאָלדינער האָט עס גענומען אויף זיין חשבון.

אַ טריומפירער, אַ זיגער איז ער. ער, דער עקשן, דער איינגעשפּאַר־טער איז נישט קיין תם, נישט קיין לעבעדיקער מת. דאָס וועלן איצט אַלע איינזען. כאָטש ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַליידיקט פון די אַלע צונעמענישן, וועט ער, פונדעסטוועגן, איצט נקמה נעמען פון די אַלע פּוסטע און וויסטע מוחות. מיט זייער חוזק וועלן זיי בלייבן — האָט ער געטראַכט — און אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלאַכט.

דער טאָג האָט זיך אָנגערוקט און אַריינגעבליקט דורכן שמאָלן פענצטער פון זיין בחורשן צימער. זיין פענצטער איז צופעליק געווען אין מזרח־זייט, אַנטקעגן דער פרימאָרגן־זון (טייערער דירה־געלט האָט ער דערפאַר נישט געצאָלט). איצט האָט שוין דאָס טאָג־ליכט צו אים געשמייכלט. דער מיליאָנער האָט זיך שטאַרק צעגענעצט. אים איז עפּעס געווען אַ חידוש, וואָס ער פילט גאָרנישט קיין הונגער. אַלע טאָג אין דער צייט איז שוין לאַנג ביי אים געווען נאָך פרישטיק. ער האָט איצט צייט געהאַט און זיך באַטאַפּט אַלע גלידער, יעדעס ביינדל, יעדן קנאָכן און די הויט, וואָס האַלט צוזאַמען די ביינער, מסתמא כדי זיי זאָלן זיך נישט צעפאַלן. דאָס „זעקל ביינער", וואָס ליגט אויפן שמאָלן בעטל, האָט איצט באמת די ווערט פון אַ מיליאָן — האָט גאָלדינער געטראַכט.

די צופרידנקייט איז אָבער באַלד פאַרשוואונדן, ווען ער האָט זיך גע־וואָלט אויפזעצן און נישט געקענט. אַלע פרימאָרגנס פלעגט ער אַזוי פלינק אַראָפּשפּרינגען, ממש אַראָפּפליען פון בעט און איצט איז זיין חוט־השדרה ווי אָנגעגאָסן געוואָרן מיט בליי. ער האָט זיך געפּרוּאווט איבערדרייען אויף אַ זייט, נאָר עס האָט אים שטאַרק געשטאָכן ווי מיט אָנגעגליטע שפּיזן. איז ער געבליבן ליגן אין דער זעלבער פּאָזע מיטן פּנים צו דער סטעליע און מיט שרעק אין די אויגן. דער מענטש, וואָס

האָט אַזויפיל יאָרן אַזוי פלינק געאַרבעט און נישט געפילט קיין ווייטיק, נישט געשפּירט קיין מידקייט, איז איצט געלעגן ווי געליימט. עס איז דורכגעלאָפן ווי אַ שטורעם־ווינט זיין קרוב זעכציק־יאָריק לעבן. און ווען דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט און ער האָט געוואָלט איין טאָג אָפּרוען, זיינען אים פאַרגליווערט געוואָרן די קאָכיקע בלוטן און אַלע קרענק פון דער וועלט זיינען אַרויסגעקראָכן אים צו דערקוטשען. די לאַווע פון אַ וואולקאַן, ווען זי בלייבט ליגן רואיק, קילט זיך אָפּ און ווערט דערנאָך אין גאַנצן פאַרגליווערט. גאָלדינער האָט פאַר דעם מורא געהאַט און ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות צו טראַכטן, צו זיין וואַך און צו באַהערשן די שרעקלעכע מידקייט, וואָס איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך פּאַמעלעך איבערגעקערט אויף איין זייט און אויף דער צווייטער, נאָר דער מוח איז געוואָרן שווער, זיינע מידע אויגן האָבן גענומען ברענען און האָבן זיך געשלאָסן. ער האָט זיך גע־נומען אויפּליזן, פאַרשווינדן און איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן, שווערן שלאָף. — — — — —

ער האָט פּלוצלינג דערהערט ווילדע קולות ווי פון אַ מחנה גזלנים און די טיר פון זיין צימער האָט זיך אויפגעפּראַלט. מיט העק און רע־וואָלווערן זיינען געשטאַנען איבער אים אַ מחנה רויבער און געפאָדערט אַ גאַנצן מיליאָן געלט. ער האָט געוויינט און זיך געבעטן: ווי קומט צו אים געלט? ער איז קראַנק, אָרעם און נאַקעט. די גזלנים האָבן גענומען פייפן. אַ מעגנע הינט האָבן פאַרפולט דאָס צימער און זייער בילעריי איז געווען שרעקלעך. ער האָט געוואָלט רופן הילף, נאָר ער איז געבליבן ווי דערוואָרגן און נישט געקענט אַרויסברענגען קיין געשריי. די הינט זיינען פאַרשוואונדן, די גזלנים האָבן אים דערמונטערט מיט קלעפּ, נאָר ער האָט נישט געפילט קיין ווייטיק. זיי האָבן אים דערנאָך באַזוכט און אים אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער, ווי אַן אומנוצלעכע שמאַטע. גאָלדינער איז דורכן פענצטער אַרויסגעפלויגן ווי אַ פעדער. ער איז פאַרטראָגן געוואָרן ווייט, ווייט און געבליבן שטיין אויף אַ באַרג. ער האָט זיך אַרומגעקוקט: די זון האַלט אין פאַרגיין. זי זינקט אַלץ טיפער, ווי אַ מאַסע פלאַמיק גאָלד וואָלט אַראָפּגענידערט אין אָפּגרונט. ער שטייט אויפן סאַמע שפּיץ באַרג, העכער פאַר דער זון, און זי, די זון, שיקט צו אים די לעצטע שטראַלן. ער ווערט שטאַרק אומרואיק. די נאַכט קומט באַלד אָן. ווי וועט ער דאָ בלייבן אַליין? ער דערמאָנט זיך, אַז ער איז אַ מיליאָנער געוואָרן און ער מוז דאָך גלייך זוכן אַ כלה. ער

קען זיין וואָרט נישט ברעכן, ער מוז חתונה האָבן. אַ שרעק האָט אים באַהערשט, די גזלנים קענען נאָך ווידער צוריקקומען. ער האָט זיך צע־וויינט און צעשריען, ווען ער האָט באַמערקט, אַז צופוסנס דעם באַרג פליסט אַ טייך און ער האָט נישט קיין וועג ווי פון דאַנען צו אַנטלויפן.

— „פאַרשאָלטן איז האַראַסיאָ גאָלדינגער! ער האָט דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג, ער איז אַ מיליאָנער געוואָרן און ער קען דעם וועג נישט געפינען!"

— איך וועל דיר דעם וועג ווייזן — האָט ער דערהערט אַ שטימע פון צופוסנס פון באַרג.

— עפּעס אַ באַקאַנטע שטימע — האָט גאָלדינגער אַ טראַכט געטאָן. אַרומקוקנדיק זיך האָט ער דערזען פאַר זיינע אויגן דעם שדכן פוקס. ער שמייכלט ווי שטענדיק צו אים, ווען ער טרעפט אים אין גאַס און זאָגט אים ווי זיין שטייגער:

— דאָן האַראַסיאָ, ווען וועט מען שוין האָבן פון אייך אַ ביסל נחת און פּרנסה?

— ס'איז נישטאָ קיין צייט חתונה צו האָבן — פלעגט ער אים ענטפערן — הערט אויף צו דערקוטשען מיט אייערע שידוכים. האָט געדולד, ס'וועט שוין קומען דער טאָג...

— איצט איז געקומען דער טאָג, סעניאָר פוקס. איר וועט האָבן פון מיר נחת און פּרנסה, נאָר ראַטעוועט מיך אַרויס פון דאַנען.

נעמט אים דער שדכן פוקס פאַר דער האַנט, ווי אַ קינד, און פירט אים אַראָפּ פון באַרג. זיי גייען אַריין אין אַ שיפל. אויפן וועג, אין שיפל, האָט אים פוקס פאָרגעשלאָגן אַ שידוך מיט אַ יונגער, שיינער אַלמנה, וואָס האָט צוויי קינדער. ער קען אים אויך ריידן אַ מיידל אָן קינדער... אָבער נישט אַזוי שיין, נישט אַזוי יונג... ווי דורך אַ כישוף זיינען באַלד געשטאַנען פאַר זיינע אויגן ביידע כלות. די שיינע אַלמנה איז אים בעסער געפעלן, ווי דאָס „מיידל אָן קינדער". אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין געזעסן אין הויז פון דער יונגער אַלמנה. זי איז געווען געפּאַרבט אויף בלאָנד מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. איר פּנים — פריש, אירע גלידער באַוועגלעך און רייצנדיק. אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן. זי האָט פלוצלינג איבערגעריסן די שטילקייט:

— איר ווילט חתונה האָבן, סעניאָר גאָלדינגער?

— איך זיץ דאָך דערפאַר ביי אייך אין שטוב — האָט ער גע־ענטפערט נישט דרייסט.

— איך גלייב, אז איך קען אייך געפעלן. איך בין נאָך יונג, שיין, רייצנדיק, נישט אמת?

— איך דערוואַרט מיט אומגעדולד דעם טאָג, ווען איר וועט ווערן מיין פרוי — האָט ער געענטפערט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

זי האָט שעלמיש געשמייכלט צו אים און געזאָגט:

— איך וויל דערמאָנען, הער גאָלדינער, אַז אַ מענטש לעבט נישט אייביק. ס׳קומט די צייט פאַרן מלאך־המוות אויך...

גאָלדינער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ ווי אָפּגעבריט. ער האָט מיט שרעק פאַרשטאָפּט מיט די פינגער די אויערן.

— איר גלייבט, אַז מאָרגן וועט זיין אַ שיין וועטער? איך דאַרף דורכפירן אַ וויכטיק געשעפט — האָט ער געמורמלט ווי פאַר זיך, מורא האָבנדיק צו קוקן איר אין די אויגן אַריין.

— נעמט צו די פינגער פון די אויערן, איר פּחדן! איך האָב פיינט אַ מאַן, אַ צעקראָכענעם. שעמט זיך!

גאָלדינער האָט משער געווען וואָס זי האָט געזאָגט לויט דער באַוועגונג פון איר צאַרט הענטל און האָט זיך געכאַפּט וואָס זי האָט געמיינט. האָט ער צוגענומען די הענט פון די אויערן און זיי אַרויפגעלייגט אויף די קני, צעשפּרייטנדיק דערביי די פינגער ווי אויף אַן אַלטמאָדישער פאָטאָגראַפיע. ער האָט איר געקוקט אין מויל אַריין מיט אַ בעטנדיקן בליק.

— איר זייט דאָך נישט קיין קינד. ביי אַזאַ ענין מעגן מיר ריידן וועגן תכלית — האָט זי גערעדט מיט אַ פאַרשייטן טאָן. איר, האָראַסיאָ גאָלדינער, זייט אַ מענטש אין די יאָרן. איך מוז מיך פאַרזיכערן. ווי מיינט איר? — האָט זי אָנגענומען זיין האַנט און זי צערטלעך געגלעט.

ער האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט אין אַלע גלידער. עפּעס אַ מין אָנגענעמער, זיסער ווייטיק וואָס פאַרשיכורט. ער איז געוואָרן שוואַך און ווייך און האָט געשטאַמלט:

— איר שטעלט פאָדערונגען, כ׳מיין... גנעדיקע פרוי?

— יאָ! כ׳וויל אַז אייער גאַנץ פאַרמעגן זאָל ווערן אָפּגעשריבן אויף מיין נאָמען. אַזוי אַז נאָך הונדערט צוואַנציק יאָר... איר פאַרשטייט!

גאָלדינער איז אויפגעשפּרונגען אַ פאַרציטערטער. ער האָט אַ קלער געטאָן, אפשר איז עס אויך אַ פאַרשטעלטער גזלן אין געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָס וויל ביי אים דאָס גאַנצע פאַרמעגן צונעמען? ער האָט

נעוואָלט אַנטלויפן, נאָר אין דעם מאָמענט האָט זי אים אַרומגעכאַפּט מיט אירע ווייכע נאַקעטע אָרעמס און אים געגומען דריקן צו איר ברוסט. אַן אָנגענעמע פאַרלוירנקייט האָט אים באַהערשט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט אויפגעלייזט און פאַרשמאָלצן אין איר קערפּער. זי האָט אים אַזוי צוגעפירט צו אַ טיש, וואו ס'איז געלעגן אַן אָנגעשריבן פּאַפּיר, זי האָט אים אַריינגעשטעקט אין האַנט אַ פעדער און ער האָט אונטער־געשריבן...

פון דעם מאָמענט אָן איז גאָלדינער געווען דער געפאַנגענער פון זיין פרוי, דאָניאַ ראָסאַ שטיינהאָליץ. זי האָט געפירט זיינע געשעפטן; זי האָט אַריינגעשריבן יעדן טאָג אין זיינע ביכער די הוצאה און הכנסה און בכלל געפירט די גאַנצע ווירטשאַפט. ער, דאָן האָראַסיאָ, איז אַרומ־געגאַנגען ווי אַ יינגל, וואָס מען האָט אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע. ער האָט זיך גאַנצע טעג אַרומגעדרייט איבער די רייך־מעבלירטע צימערן פון זיין פרויס וואוינונג, ווי אַ שאָטן פון אַ געוועזענעם מענטש. ער האָט זיך געפילט ווי אַ פויגל, וואָס מען האָט אים אָפּגעשניטן די פליגל. אים איז בכלל נישט געווען פאַרשטענדלעך, וואָס קומט מיט אים פאָר. עפּעס איז ער יאָ ער, האָראַסיאָ גאָלדינער און נישט ער, נאָר גאָר אַן אַנדערער וואָס טראָגט דעם זעלביקן נאָמען. די פרוי, וואָס מען האָט זי גערופן די שיינע אלמנה און וואָס האָט מיט אים חתונה געהאַט, איז זיינע און נישט זיינע. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אויפן עולם התוהו. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַן אַנדער וועלט, וואו מען האָט אים באַרויבט פון זיין פאַרמעגן, פון זיין „איך" און איז געפאַנגען פון אַ פרוי, אַ מכשפה. ער האָט יעדע רגע זיך גע־וואָלט קעגנשטעלן, רעוואָלטירן, אָבער ער האָט זיך געפילט אַזוי שוואַך און ווילנלאָז ווי נאָך אַ קראַנקהייט. אַלץ מער איז פאַר אים דאָס לעבן געוואָרן אַ גיהנום. ער האָט באַמערקט אַ סך עלעגאַנטע מענער וואָס שטעלן זיך פאָר פאַר קרובים פון זיין פרוי אָדער סוחרים קומען אַריין צו זיי אין הויז. דאָניאַ ראָסאַ בליצט צו זיי מיט אירע פייערדיקע אויגן און שמייכלט צו זיי, ווי דעמאָלט צו אים, ווען זי האָט אים אַריינגעכאַפּט אין איר נעץ. אירע צוויי דערוואַקסענע קינדער לאַכן און שטיפן און אויף אים קוקן זיי זיך גאָר נישט אום. ער איז אַ פרעמדער אין דעם הויז און קיין רחמנות אין זייערע הערצער איז אויך נישטאָ. ער האָט אין גאַנצן פאַרלוירן דאָס לשון. ער קען מער נישט ריידן. ער וויל דוכט זיך פּרובירן ריידן, טענהן, צוריקבאַקומען זיין שפּראַך, אָבער ער האָט

נישט מיט ווענען און צו וועמען. ער קוקט זיך אַרום בעת קיינער איז נישטאָ און פּרובירט געבן אַ רעד, נאָר עס קומט גאָר אַרויס עפּעס אַ מאָדנער, פאַרשטיקטער קוויטש, ווי נישט מיט זיין קול. טראַכטן קען ער. הייבט ער זיך אָן גריבלען:

— איז ער דאָ באַלעבאָס אָדער נישט? אויב אַ מיליאָנער איז עס דאָך האַראַסיאַ גאָלדינגער, אויב אָבער אַ בעטלער, איז ווער איז ער?

ער האָט געוואָלט צוגיין צו אַ שפּיגל, אַ קוק טאָן, צי ער איז טאַקע דער זעלביקער. צי איז עס טאַקע האַראַסיאַ, וועמען מען האָט גערופן „דער עקשן״, „דער תּם״, „דער לעבעדיקער מת״. אפשר איז ער באמת גאָר אַ לעבעדיקער מת און דערפאַר ווייסט ער נישט אויף ריכטיק, ווער ער איז? גייענדיק זוכן אַ שפּיגל, האָט אים דאָניאַ ראָסאַ פאַרשטעלט דעם וועג. אַ שמייכלענדיקע, אַזאַ צעשטראַלטע — די שכינה האָט אויף איר גערוט. האָט ער זיך דערמאָנט; צוליב איר אויסזען, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט: ער האָט דאָך זיין גאַנץ פאַרמעגן אָפּגעשריבן פאַר דער פרוי, וואָס איז יאָ זיינע און נישט זיינע. אויב זי איז באמת זיין פרוי — זיין געזעצלעכע פרוי — איז צוליב וואָס האָט זי דאָס גענאַרפט? זי וואָלט דאָך אים סיי ווי געירשנט. קיין קינדער מיט איר האָט ער נישט, וועט זי דאָך זיין די גאַנצע יורשטע פון זיין פאַרמעגן. קיין קינ־דער האָבן זיי נישט... ס'איז אים אַדורך אַ שוידער איבערן לייב. ער האָט שטענדיק געהאַפט נאָך צו האָבן אַ יורש. אפשר וועט ער נאָך האָבן מיט איר קינדער? ס'וואָלט אים געווען אַזוי גוט. ער וואָלט געווען גליקלעך און איר אַלץ מוחל געווען. ער האָט פאַרגעסן וועגן שפּיגל און דאָס געטראַכט ווייטער: אויב זיי וועלן האָבן קינדער, איז פאַרוואָס האָט זי געוואָלט איינגאַנצן פאַר זיך, פאַרוואָס האָט זי נישט געוואָלט, אַז אַ טייל פון זיין פאַרמעגן זאָלן ירשענען זייערע קינדער?

ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז זי האָט געהאַט דערביי שלעכטע כוונות. אַן אינערלעכע פעסטע זיכערקייט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז עפּעס ווערט געפּלאַנט פאַר אים אַ נעץ דורך אַ טייוולשן פּלאַן. ער וועט אומקומען ווי אַ פליג אין דער נעץ פון אַ שפּין, אויב ער וועט דעם פּלאַן באַצייטנס נישט אויפדעקן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דאָס פאַרמעגן אָפּגעשריבן פאַר איר לאחר מאה שנים. איז גוט און שלעכט. גוט, ווייל דערווייל איז נאָך אַלץ זיינס. שלעכט — דאָס ווייל ער פון מויל נישט אַרויסברענגען... ער האָט גענומען גיין אויף די שפּיץ פינגער, זיך צוהערן צו יעדן וואָרט, צו יעדן קלאַנג, וואָס קומט

ארויס פון א פארמאכט צימער. ער האט צוגעלייגט אן אויער צו יעדער טיר און אריינגעקוקט דורך די שליסל־לעכער. ער האט נאכגעשפירט זיין פרוי, וואס שלאפט גאר אין א באזונדער בעט אין א באזונדער צימער. זי פארשפארט זיך מיט אירע קינדער א סך מאל אין גרויסן זאל און זיי ריידן עפעס נישט קיין פארשטענדלעכע רייד, ווי זיי וואלטן זיך פון אים אויסבאהאלטן. ער גייט בארוועס, שטיל, לייגט צו די נאז צו דער טיר ווי ער וואלט וועלן עפעס דערשמעקן. דערנאך הערט ער קלאר:

— מען דארף פון אלטן וואס גיכער פטור ווערן.

— מען דארף אים אויסהונגערן...

— מען דארף עס מאכן אויף גיך. איך וועל אים פארסמען...

מער האט הארסיא גאלדינער נישט געהערט. ער האט דערפילט א שניט ווי פון א שארף שטיק גלאז, דערנאך ווי עס וואלט זיך אים אינעווייניק עפעס אפגעריסן. ס׳האט אים גענומען ווארגן. ער האט גע־וואלט אריינאטעמען לופט און נישט געקענט. פלוצלינג פילט ער ווי מען רייסט פון אים שטיקער. מען שליידערט אים און מ׳שטעכט אים ווי מיט נאדלען. ער האט מיט די לעצטע כוחות אויפגעריסן דאס מויל און א שטראם לופט האט זיך אריינגעריסן אין זיינע לונגען. אפזיפצנדיק שווער, ווי איינער וואס ווערט באפרייט פון א שרעקלעכער משא וואס האט זיך אויף אים ארויפגעוואלגערט, האט ער אויפגעעפנט די אויגן. ארומקוקנדיק זיך מיט פארוואונדערונג, ווי ער וואלט זיך געוואלט דער־מאנען אין עפעס, האט ער דערזען לעבן זיין בעט א מענטשלעך פנים. ער האט צוריק פארמאכט די אויגן און גלייך זיי ווידער אויפגעעפנט. פלוצלינג האט ער זיך צעשריען ווי נישט מיט זיין קול:

— גזלן, האסט מיר געשדכנט די מכשפה, זי זאל מיך פארסמען און בארויבן. ארויס!

— ניין, מיין פריינד, איך בין נישט קיין שדכן, איך בין א דאק־טאר. בארואיקט זיך, איר זענט שווער קראנק און איך קום אייך היטן, געזונט מאכן. איך האב אייך צוריקגעבראכט פון יענער וועלט, קוים אייך דערמונטערט. אבסאלוטע רו און זיך נישט אויפרעגן, ווייל אייער לעבן איז אין געפאר!

דעם דאקטארס רייד האבן אים צוריקגעבראכט צו דער ווירקלעכ־קייט. ער איז געווען צופרידן, וואס די גאנצע אוואנטורע איז געווען א חלום און א מיליאנער איז ער טאקע געווארן אויף אן אמת. גאלדינער

האָט זיך געוואָלט אַנטשולדיקן פאַרן דאָקטאָר, וועלכן ער האָט איצט שוין דערקענט, נאָר דער מעדיקער האָט ווייטער גערעדט:

— איר האָט געליטן פון אַ האַרץ־אַטאַקע אין שלאָף. צום גליק בין איך געקומען צו דער ריכטיקער צייט. אייער גאַנצער אָרגאַניזם איז צעטרייסלט. קענטיק, אַז איר האָט פאַרנאַכלעסיקט אייער געזונט אַ סך יאָרן. „דער מענטש איז דאָס וואָס ער עסט", מיין פריינד, אייך פעלן אַ סך וויטאַמינען און דאָס האַרץ... איר זייט נישט קיין חתונה גע־האַטער? וועט איר טאָן גוט, הער גאָלדינער, אַז איר וועט אַזוי, אַליין שוין אָפּלעבן אייערע יאָרן.

אויף גאָלדינערס פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אומצופרידענע גרי־מאַסע, נאָר ער האָט נאָרנישט געענטפערט. ער האָט געשוויגן אַזוי ווי שטענדיק, ווען ער פלעגט פאַרבאָרגן אין זיך זיינע פּלענער. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט גאָלדינער צייט געהאַט צו זיין קראַנק. אין די ווייטערדיקע טעג האָט זיין געזונט־צושטאַנד זיך געבעסערט. אין פופצן טעג אַרום איז ער שוין געשטאַנען אויף די פיס, אָבער נאָך שוואַך, ווי אַ קינד וואָס לערנט זיך ערשט גיין. עס האָט גענומען נאָך אַ פּאָר טעג, ביז ער איז געקומען צו די כוחות ווי אַמאָל און זיינע געדאַנקען האָבן ווידער גענומען שוועבן איבער זיינע מסחרים. גאָלדינער האָט אָבער איצט זיינע געשעפטן אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט. ער האָט געדאַרפט עפּעס דערליידיקן אַ וויכטיקן ענין און האָט אָפּגעלייגט זיינע עסקים אויף שפּעטער.

ער האָט זיך אָפּגעשווירן, אָפּגעגאָלט און אָנגעטאָן אַ יום־טובדיקן אָנצוג. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט באַטראַכטן אין שפּיגל זיין שאָטן, צי ער איז ענלעך צו דעם פריערדיקן דאָן האָראַסיאָ גאָלדינער. נאָר ווי מאָדנע, וואונדערלעך! עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז אַן אַנדערער.. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער זעט אין שפּיגל עפּעס אַ יונגן מענטש, אַ חתן־בחור, אַ קאַוואַליר, אַ סך אַ יונגערן ווי דעם פריערדיקן פאַרוואַקסענעם אַלטן מאַן, וואָס האָט אים אַזוי גע־שראָקן ווי דער מלאך־המוות, און ער פלעגט דערפאַר מורא האָבן אַ סך מאָל אַ קוק צו טאָן אין שפּיגל. ער האָט זיך געדרייט, זיך באַטראַכט פון הינטן און פון פאָרנט, אַ גלעט געטאָן מיט די פינגער איין באַק, די צווייטע, זיך אויסגעגלייכט ווי אַ סאָלדאַט, פאַרשפּיליעט די קנעפּלעך פון רעקל און מיטביידע הענט זיך צוגעגלייכט דאָס ביסל האָר פון קאָפּ,

וואָס זיינען נאָך געווען פריש פון דעם זאַלב און האָבן אויסגעזען שוואַר־צער ווי ווייסער...

ער האָט גענומען שפּאַנען איבערן צימער און ווי פּיין, ריטמיש און לייכט עס האָבן זיך אים געהויבן די פיס, כמעט ווי ביי אַ שול־ייִנגל ווען ער גייט פון שול אַהיים. ער האָט זיך ווידער אומגעקערט צום שפּיגל. אך! ווי אָפּגעצערט, מאָגער אָבער צאַרט און איידל. ער האָט זיך פאַרליבט אין דעם מענטש פון שפּיגל. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיין ליבן שאָטן און שטיפעריש אים אַרויסגעשטעלט אַ צונג. דער שאָטן האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל און אויך שטיפעריש מיט אַן אַרויסגעשטעקטער ברייטער צונג ווי אַ מילץ.

גאָלדינער האָט זיך פאַרשעמט. היינט האָט ער געמענט זיין אַ ביסל ערנסטער. ער איז אַרויס אין גאַס. נישט טראַכטנדיק קיין סך, האָט ער גענומען אַ טראַמוויי און אוועקגעפאָרן צום שדכן פוקס אים אָנצוזאָגן די בשורה, אַז ס'איז געקומען דער גליקלעכער טאָג פאַר זייביידן...

טרערן פון דער צייט

עס איז געווען חנוכה אָוונט. ארום לאַנגן פיר־קאַנטיקן טיש ביי ר׳ שלמה דעם חזן־שוחט אין שטוב, איז געזעסן זיין גאַנץ הויז־געזינד פון 8 קינדער, אויסער זיין ווייב שרה און ער אליין, וועלכע ציילן צו־זאַמען 10 פּערזאָן, מיט אַן אומגעדולדיקער נאָר פייערלעכער דערוואַרטונג.

ר׳ שלמה דער חזן האָט אָפּגעריסן די אויגן פון ספר, אין וועלכן ער האָט אַריינגעקוקט, און זיך אויפגעשטעלט צו בענטשן חנוכה־ליכט, וואָס דער־ציילן פון די אַמאָליקע נסים ונפלאות, וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט די יידן. ער האָט מתכוון געווען יוצא צו זיין די גאַנצע משפּחה, ווי עס וואָלט געווען גאָר פון די גרויסע מצוות...

זיין אימפּאָזאַנטע הויכע פיגור מיט דער בלאָנדער ברייטער באָרד און גאָלדענע ברילן אויף דער נאָז האָט אים געגעבן דאָס אויסזען ווי פון אַ מאָנאַרך. נאָר קוים האָט ער געגעבן דעם ערשטן קרעכץ, אַרויסגע־זאָגט די ערשטע פּאָר ווערטער, איז פאַרשוואונדן די אילוזיע: עס שטייט שוין ביי די אָנגעצונדענע ליכטלעך דער איינגעהויקערטער גלות ייד.

פאַרענדיקט מיט אַ נגון דעם „הנרות הללו", האָט ער אומבאַהאָלפן צעשפּרייט די הענט און אויסגעבריית מיט אַ וויכער, מילדער שטים:

— אַי קינדערלעך, דער אויבערשטער וואָלט נאָר צוגעשיקט פּרנסה ברווח. דאָס שטעטל איז פאַראָרימט, קיין פלייש עסט מען נישט, דאַווענען איז שוין אויך באַלד נישטאָ פאַר וועמען — אַ פּוסטע שול... אַט דאַרף איך באַלד אַרויסגיין איבערן שטאָט נאָך חנוכה־געלט. וויפל געזונט, וויפל שפּיכת־דמים!... נו, דעם רב איז שוין אין דעם פּרט בעסער פון מיר.

מיין סמיכה וואַלגערט זיך. און פון אזא גאון, פון אזא גאון...

ער איז שטיל געבליבן. קיינער פון די בני־בית האָט נישט געוואַגט אים איבערצושלאָגן, זיך אָנרופן. זעלטן ווען ר' שלמה איז געווען אזוי ווייך, אין אזא מילדער שטימונג. פאַר זיינע בני־בית, ווייב און קינדער, זיינען די ווערטער געווען אַן אָפּפרישונג: נאָך דער שטענדיקער שווער־קייט, שווייגן און דעספּאָטיזם, וואָס איז געהאַנגען איבער זיי. די קינדער פלעגט ר' שלמה חזן קנוטעווען גאָר נישט ווי א הייליקער שליח־צבור. און זיין ווייב, די חזנטע, איז אויך געווען אין שרעק, שטענדיקער אָנגע־שטרענגטקייט און יראת־הכבוד...

דער חזן, וועלכער האָט גוט געקענט „נאָטן לייענען", ליב געהאַט מאָדערנע מוזיק, אליין פאַרפאַסט נגונים צו יום־טובדיקע תפילות און אמאָל אויך צוגעפּאַסט צו זייער אינהאַלט מוזיק פון אַפּערעס, האָט אָבער בכלל זיך געהאַלטן ביים גייסט פון אַלט יידישקייט.

זיינע יינגלעך האָט ער געוואָלט זאָלן לערנען תורה, זיי מאַכן פאַר כלי־קודש, באַזונדערס פאַר רבנים, וועלכע ער האָט פאַררעכנט פאַר מער פּריווילעגירט, ווי חזנים, שוחטים. געבן די קינדער פאַך־בילדונג, נוצ־לעכע מלאכות לערנען זיי, איז אים גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן.

„בעסער זאָל א ייד א גביר דיך נעמען צו זיך אויף „קעסט", איידער זאָלסט ברענגען א ווייב צו מיר אין שטוב". — פלעגט ער איינטענהען מיט יעדערן באַזונדער פון זיינע בנים. אז עס איז פאַראַן א דריט־ער אויסוועג — דער וועג פון זעלבסשטענדיקייט — איז דעם טאַטן דעם חזן־שוחט גאָר נישט איינגעפאַלן — הערט א משל?...

בפרט האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף זיין ארטשיקן. ארטשיק, וואָס איז אָנערעקנט געוואָרן פון אַלע מלמדים פאַרן בעסטן תלמיד, פּייערדי־קער קאָפּ אין גמרא, איז שוין במילא אונטערגעפאַלן די קאַפּריזן און תכלית־זוכעניש פון זיין פאָטער. ר' שלמה חזן האָט קיין סך נישט גע־טראַכט און האָט ארטשיקן, צו 13 יאָר, אוועקגעפירט אין א נאָנטן שטעטל אין דער ישיבה. וואָרום, ווענען דען זאָל ער מאַכן פאַר א רב, אז נישט ארטשיקן דעם צוקונפטיקן עלוי? זיינע איבעריקע יינגלעך, בערלען, חיימען, דעם מיזיניק ישראלקען, קען ער האָבן א נוץ פון זיי אַלס משוררים און צו דער שחיטה. ארטשיק דעם „גוטער קאָפּ" און „שוואַך קינד", איז לויט זיין השגה מער צוגעפּאַסט צו ווערן א רב, ווי די אַלע איבעריקע זין, מיט די פיינע שטימעלעך און שוואַכן חשק צום לערנען.

ביי קרובים, פריינד און גוטע יידן, האָט ער אים באַשטעלט „טעג".
ער איז געווען זיכער, ווען ער איז אַליין צוריקגעפאָרן, אַז ער האָט שוין פון אים געמאַכט אַ לייט, פאַרזאָרגט מיט אַ כסא־רבנות...

עס איז נאָך נישט פאַרלאָפן קיין גאַנצער חודש, ווי אַרטשיק איז אָנגעקומען אין דער ישיבה, איז ער אויפגעשטאַנען איינמאָל פאַרטאָג און באָרוועס אַנטלאָפן צוריק אַ היים. ווי אַ הונט, וואָס מען פירט אַוועק ווייט, דערשמעקט דעם וועג צוריק צום ערשטן באַלעבאָס, איז אַרטשיק געקומען אין אַ פאַרנאַכט אַ פאַרסאָפּעטער צו דער מאַמען גלייך אין קיך אַריין. די מאַמע, דערזעענדיק אים, האָט זיך תחילת דערפרייט, נאָר באַלד האָט זי פאַרבראָכן די הענט פאַר שרעק:

— סטייטש, מיין קינד, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן... דער חזן וועט דיך דורס־זיין, ממיתן. ווי אַנטלויפסטו פון דער ישיבה, וואו דו וואָלסט אם ירצה־השם אויסגעוואַקסן אַ גאון, אַ שטערן... וויי צו דער מאַמען! דער טאַטע האָט שפיכת דמים פון די קצבים — נראָבע יונגען און באַ־לעבאַטים — רשעים. אַ רב איז גוט, בעסער און שענער! וויי איז מיר...

אַרטשיק האָט מיט טרערן דערציילט דער מאַמען, אַז ער קען נישט עסן קיין טעג; ער ברעכט אויס די זויערע און ביטערע עסנס און אים טוט וויי דער בויך... בכלל, וואָלט ער בעסער געוואָלט זיך לערנען אַ פאַך, ווי זיין חבר משהלע און זיין אין דער היים. אַז ער וויל גאָר נישט זיין קיין רב „אַ קהל'שע קילאָמקע, אַ כלי קודש". ער וויל אויך נישט זיין קיין חזן, נישט קיין שוחט אַ שפיכת־דמימניק... ער וויל נישט פאָרן מער אין דער ישיבה, זיין אַ שנאָרער...

דערהערנדיק אַזוינע דבורים, האָט זיך שרה פונאַנדערגעוויינט: „וויי איז און ווינד דער מאַמען". זי האָט געקענט איר מאַן דעם עקשן, דעספּאָט און האָט געוואוסט, מיט וואָס דאָס קען זיך אויסלאָזן. זי האָט דאָס יינגל אוועקגעשיקט פון שטוב, ביז ר' שלמהן וועט איבערגיין דער כעס. זי וועט פּרוּאוון זאָגן עפּעס אַ תירוץ: „דאָס יינגל נעבעך איז קראַנק"... אָבער ר' שלמהן איז דער כעס נישט פאַרביי. אַרטשיק האָט באַקומען, וואָס ער האָט ביי אים פאַרדינט: אַ וואָך צייט, בלי־גוזמא, האָט אַרטשיק געמוזט עסן שטייענדיק... (נישט געקענט שלאָפן פון ווייטיק, חרפּה).

און דער צאָרן איז ר' שלמהן געוואָרן געשטילט, ווען ער האָט אַר־טשיקן, זיין תכשיט, צוריקגעפירט אין דער ישיבה. ער האָט אָנגעזאָגט דעם ראש־ישיבה, מען זאָל זיין בן־אָק גוט קנוטעווען און אַכטונג געבן, ער זאָל נאָך אַ מאָל נישט אַנטלויפן. „אונדזערע עלטערן האָבן געוואוסט, ווי

צו דערציען זייערע קינדער, זיינען מיר געוואָרן לייט". און באַלד האָט ער צוגעגעבן: „אַמאָליקע מלמדים האָבן געשמיסן, האָבן זיי עפּעס טאַקע פון די קינדער אויסגעקנוטעוועט"...

פון דעמאָלט אָן איז אַרטשיק געוואָרן אַ שונא זיין אייגענעם טאַטן, זיינע מלמדים און דערציער. דאָס לערנען איז אים נישט געקראָכן אין קאָפּ און ער האָט געזוכט מיטלען, ווי פון דער ישיבה פּטור צו ווערן. ער האָט זיך בכלל פאַרמאָסטן צו צעברעכן דעם גדר פון תורה און מוסר, מיט וועלכן מען האָט אים געוואָלט אַרומצוימען.

איז אין דער ישיבה געווען אַ געהיים קרייזל פון בחורים, וועלכע לייענען אין געהיים טריף־פּסולע ביכער, איז אַרטשיק געווען איינדערמיט. האָבן אייניקע ישיבה־בחורים זיך גענומען חברן מיט מיידלעך, איז אַר־טשיק פון זיי נישט אָפּגעשטאַנען, געווען צווישן זיי. (ווען מען האָט אין דער ישיבה אַ פּרוש געכאַפּט ביי דער מעשה, ביי אַזאַ חטא, איז ער געשטעמפּלט געוואָרן פאַר אַן אפּיקורס, אַן עוכר־ישראל.)

פונדעסטוועגן איז אַרטשיק צום ישיבה לעבן צוגעוואוינט געוואָרן, און בלית־ברירה דאָרטן אָפּגעבטלט אַ יאָר נאָך אַ יאָר, ביז זיין אויפ־פירונג איז אויפגעדעקט געוואָרן.

ווען ר' שלמה האָט זיך דערוואוסט וועגן אַרטשיקס מעשים, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן גרימצאָרן. ער האָט געוואָלט לויפן אים דורס־זיין. דערנאָך האָט ער זיך באַטראַכט און אים אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער, ער זאָל תיכף־ומיד קומען אַ היים.

למאי זאָל ער לייקענען, אַרטשיק: לכתחילה האָט ער, באַקומענדיק דעם בריוו, זיך דערפרייט. דערנאָך איז ער, שוין אַ 16 יאָריקער בחור, געפאָרן אַהיים מיט שרעק.

אָבער זיין דערוואַרטונג איז נישט מקוים געוואָרן. שלמה חזן־שוחט האָט אים נישט געשלאָגן, אפילו נישט געמוסרט. ער האָט אים נאָר אָנ־גענומען פאַרן האַנט און אים אַריינגעפירט אין קיך.

— פון איצט אָן — האָט ער געזאָגט שטרענג — וועט דיין אַרבעט זיין וואַסער אָנטראָגן, האָלץ אָנהאַקן, געבן דעם צעבער די קו און פאָלגן דער מאַמען אַ גאַנג — דאָ וועסטו עסן און שלאָפן.

מער האָט ר' שלמה זיין נאָמען נישט דערמאָנט, קיינמאָל קיין וואָרט וועגן אים נישט פאַרלאָרן, און ביים טיש צווישן די בני־בית האָט אַרטשיק זיך שוין מער נישט געפונען.

די פאַמיליע האָט דאָס אָנגענומען ווי אַ גזירה פון אַ הערשער, אַ מלך, און האָט שטיל און קנעכטיש דאָס אַקצעפּטירט.

ווען שרה האָט אַ מאָל געוואָלט ווייך מאַכן זיין האַרץ, ער זאָל איר מוחל זיין, האָט ער געהאַט, דער חזן, נאָר איין זמר: „דער פּורץ־גדרניק, דער עוכר־ישׂראלניק, דער ימח־שמוניק — זאָלן די אויערן זיין נאָמען נישט פאַרנעמען." — — — —

דעם חנוכה־אָוונט איז, נאָך אַ יאָר אָפּקומעניש, אַרטשיק געזעסן ביים טיש צווישן דער משפּחה, ווי אַ גלייכער צווישן אייגענע. (דער עולם ביים טיש איז געזעסן ווי גלייכע צדדים ביי אַ קאָנפערענץ.) דאָס האָט ר׳ שלמה באַפוילן זיין ווייב שׂרה נאָך פון פריער. זי האָט מיט טרערן פון פרייד געמאַכט פאַר אים אַ פּלאַץ, געשטעלט נאָך אַ טעלער.

די זין און טעכטער איז דאָס נישט געווען פאַרשטענדלעך, האָבן זיך איבערגעבליקט און געזעסן אין דערוואַרטונג, ווי עפּעס אויסערגע־ווייגלעכעס וואָלט דאַרפן געשען.

ווען ר׳ שלמה האָט צוריק פאַרנומען זיין פּלאַץ, האָט שרה דער־לאַנגט צום טיש אַ גרויסע שיסל זודיקע קאַרטאָפליעס. אַ פּאַרע האָט געזעצט פון זיי און פאַרפולט דאָס צימער מיט אַ געשמאַקן ריח, וואָס האָט ביי אַלעמען גערייצט דעם אַפּעטיט.

עס האָבן זיך באַלד אוועקגעלאָזט אין דער אַרבעט די אַכט פּאָר הענט פון די בנים און בתולות. מיט צעעפנטע מיילער, האָבן זיי געשלונ־גען די בולבעס ווי פּאַקוסניקעס און האָבן פאַרזופּט מיט געדיכטער זויער־מילך. די זויער־מילך אַ קאַלטע, געשמאַקע, האָט דעם אַפּעטיט נאָך מער גערייצט. אין דער געדיכטער פּאַרע, וואָס האָט איינגעהילט דעם טיש און די מענטשן, האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ געוועט־געראַנגל פון פינגער און מיילער: ווער עס וועט באַווייזן מער קאַרטאָפל איינצו־שלינגען, דער וועט אַרויס דער זיגער! די אַרבעט איז דאָ צוגעגאַנגען גאָרנישט ווי ביי גלייכע צדדים. איידער ר׳ שלמה חזן האָט באַוויזן איין קאַרטאָפל צו צעקייען, איז שוין געווען ליידיק די שיסל און שרה האָט שוין געשאָטן פון טאָפּ די איבערגעבליבענע. דערפאַר האָט זי אים פאַר־גיטיקט, אים אויסגעטיילט אין זיין טעלער אַ פּאָר שיינע קאַרטאָפל און אָנשטאָט זויער־מילך אים געגעבן אַ גלאָז סמעטענע.

דערנאָך האָט די באַלעבאָסטע דערלאַנגט צום פאַרבייסן יעדערן אויף זיין טעלער צו פּאָר רעטשענע לאַטקעס לכבוד חנוכה. דאָ האָט זיך שוין יעדערער אָפּגערוט, געקייט באַזאַכט די לאַטקעס אויף פּוטער,

קוקנדיק צו דער לײדיקער שיסל, וואָס איז אויפֿן מיטן טיש נאָך גע־שטאַנען.

ווען די מלחמה איז אינגאַנצן אײנגעשטילט געוואָרן, איז מען געבליבן זיצן מיט פֿאַרשוויצטע פּנימער, אַראָפּגעלאָזטע הענט, און מיט נײַגעריקע בליקן געוואַרט שטיל־שווײַגנדיק.

ר׳ שלמה האָט זיך אויפֿגעשטעלט. ער האָט זיך אָפּגעווישט די באָרד און וואָנצעס פֿון דער סמעטענע, שטיקלעך קאַרטאָפֿל, וואָס האָבן זיך אים צוגעקלעפּט, אויסגעווישט די ברילן פֿון דער פּאַרע און אָנגעטאָן דעם לאַנגן, שוואַרצן מאַנטל. ער האָט אַ זאָג געטאָן שטרענג:

— אַרטשיק, טו אָן דײַן אויבערציער. מיר וועלן אַרויסגײן איבערן שטאָט נאָך חנוכּה־געלט.

די בני־בית, וועלכע זײַנען באַלד צעקראָכן אין די ווינקלען, האָבן זיך נאָך מער פֿאַררוקט, פֿאַרשטעקט, ווי אויסגערונענע געוואָרן. באַזונ־דערס האָבן זיך פֿאַרבאַהאַלטן די בנים, אויף וועלכע עס האָט געקענט אויספֿאַלן דער גורל אַרויסגײן איבערן שטעטל מיטן חזן; וואָרום דער באַס, וועלכער פֿלעגט אים שטענדיק באַגלייטן, איז צוליב אַ מחלוקות (אַ שטרײַק בלע״ז) נישט געקומען.

אַרטשיק האָט זיך באַנאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס. ער האָט גלײַך געוואָלט זאָגן, אַז ער גייט נישט, נאָר ער האָט דאָס נישט געוואָגט. דאָס יאָר, וואָס ער איז געזעסן אין קיך, געווען האַלץ־העקער, וואַסער־טרעגער און נישט געזען די ליכטיקע שײַן, האָט אים פֿאַרטעמפּט, דערגנידעריקט, דערשלאָגן. אויב ער איז נאָך נישט געוואָרן קיין גאַנצער אידיאָט, איז דאָס דערפֿאַר, וואָס ער האָט בשתיקה נאָך אַ ביסל געלײַענט, געטראַכט...

אַרטשיק, וועלכער איז אײנער אַליין נאָך געבליבן ביים טיש, האָט זיך אויפֿגעשטעלט. ער האָט מעכאַניש אָנגעטאָן זײַן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, וואָס איז פֿריער נאָך צעטראָגן געוואָרן פֿון אַן עלטערן ברודער, און איז שטיל אַרויס מיטן חזן.

ווען זיי האָבן צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט זיך דבֿורה, די עלטסטע שוועסטער אָנגערופֿן:

— דו זעסט מאַמע, דער טאַטע האָט שוין אַרטשיקן מוחל געווען.

— שוין צײַט, מײַן טאָכטער, גאָט איז אַן אל רחמים... — האָט שׂרה געענטפֿערט פֿאַרטראַכט.

די איבעריקע קינדער זײַנען באַלד אויסגעוואַקסן און פֿרייליך זיך

צעזונגען, ווי זיי וואָלטן פריי אָפּגעאָטעמט, נאָך דער געשמאַקער וועט־שערע, בלייבנדיק אַליין אין שטוב...

אַרטשיק איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב מיטן טאַטן דעם חזן צעחושט, אויפגערעגט, נאָר ער האָט זיך געמאַכט גלייכגילטיק, זיך פאַר־שטעלט. נאָכשלעפּנדיק זיך נאָכן טאַטן, פלעגט ער אַריינקומענדיק אין אַ הויז שטיין הינטער זיין ברייטער פּלייצע, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ פּריש־געבאַקענער אָרימאַן, וואָס גייט צום ערשטן מאָל בעטן נדבות.

ביי איין שטוב איז ער נאָך מער געוואָרן אויפגערעגט. ער איז געבליבן שטיין ממש פאַרציטערט: „דאָ וואוינט מיין יוגנט־חבר משהלע" — האָט אים דאָס בלוט אַ שפּאַר געטאָן אין פּנים און מוח.

ווען ר' שלמה האָט זיך גענומען אויסדרייען, שוין באַקומענדיק זיין חנוכה־געלט, אַרויסצוגיין פון שטוב, האָט ער פּלוצלינג גענומען שרייען בכוונה: אַרטשיק, אַרטשיק, קום אַריין! וואו ביסטו, איך וואַרט אויף דיר!... ער איז צוריקגעגאַנגען אויף אַהינטער, צוריקשטופּנדיק זיין ברייטע פּלייצע, ווי ער וואָלט געוואָלט ווייזן, אַז ער האָט אַ באַגלייטער, ווייל פאַר אַזאַ חזן־שוחט, וועלכער האָט נאָך דערצו סמיכות אויף רבנות, איז נישט אָנשטענדיק, נישט פּאַסיק אַליין זיך צו שלעפּן איבער די באַלעבאַטישע הייזער.

משהלע דערהערנדיק, אַז אַרטשיק איז דאָ, האָט זיך שטאַרק דער־פרייט. ער האָט גענומען רופן מיטן חזן אין כאָר: אַרטשיק, אַרטשיק קום אַריין! וואו ביסטו אַהינגעקומען? אַרטשיייק...

אָבער זיינע קולות זיינען געוואָרן פאַרגליווערט אָן אַן עכאָ אין דער פראָסטיקער, פינסטערער חנוכה־נאַכט. אַרטשיק איז נעלם געוואָרן.

* * *

קיין אַרגענטינע איז אַרטשיק אָנגעקומען מיט אַן אָקסן־שיף און געטאָן אַלע „אָקסן־אַרבעט", עבודת־פּרך. נישט האָבנדיק קיין פאַך, האָט ער די ערשטע צייט געהונגערט, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו עפּעס אַ שוואַרצער אַרבעט. (אין דער היים האָט אים דאָס „פאַך" דאָך אויס־געלערנט דער טאַטע) ווי אַ פּעאָן אָדער משרת איז דאָס יינגל אויסגע־נוצט געוואָרן אויף אַלע אופנים. נאָר קיין פּריץ איז ער דאָך קיינמאָל נישט געווען, האָט ער אָפּגעטראָגן פּעקלעך, געשלעפּט שטיקער מעבל, אייזערנע בעטן אויפן פּלייצע, ווי אַ גרויסער.

ווען אַ בענקשאַפט האָט אים איינמאָל אַרומגעכאַפּט צו דער אַלטער היים, צו דער מאַמען, האָט ער געטראַכט אָוועקשיקן אַ בריוו, נאָר אָנ־געשריבן האָט ער דעם בריוו נישט. און טאַקע קיינמאָל קיין בריוול פון זיין געזונט און פרנסה נישט אַוועקגעשריבן. אפילו אַז ער לעבט, האָט ער אויך נישט צו וויסן געגעבן. „די מאַמע האָט דאָרטן גענוג צרות פון די איבעריקע קינדער". — פלעגט ער טראַכטן.

עפּעס אַ וויכטיקע פּאַסירונג אין דער משפּחה פלעגט ער זיך דער־וויסן פון עפּעס אַ לאַנדסמאַן, אַ בן־עיר. אָט זיינען ביסלעכווייז, אין פאַרלויף פון דער צייט, געוועזן וויכטיקע נייעס: איינס נאָך איינס זיינען זיך פון זייער שטוב צעגאַנגען, צעלאָפן, האָבן זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן, איבער אַלע ווענט פון דער וועלט, עטלעכע פון זיינע ברידער, שוועסטער. די איבעריקע האָבן חתונה געהאַט אין אַנדערע שטעט. האָט ער שוין דעמאָלט פאַרגעסן זיין נישט שרייבן אַנדערש: „זאָל אַר־טשיק זיין נאָך איינער צווישן די פאַרלאָרענע, צעלאָפענע".

ווען אַרטשיק האָט זיך דערוואוסט די שרעקלעכע נייעס, אַז זיין מאַמע איז געשטאָרבן, האָט ער אויפגעהערט אפילו צו טראַכטן וועגן שרייבן: „צו וועמען זאָל ער שרייבן, צום טאַטן?"

די שנאה צום טאַטן איז פונדעסטוועגן מיט דער צייט, פון דער־ווייטנס, אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ער פלעג אפילו אַ מאָל אַ טראַכט טאָן וועגן אים: „אפשר, פאָרט אַ טאַטע, געהאַט זיין וועג"... אָבער די שנאה האָט נאָך געטליעט. זיך איבערבעטן, שרייבן, איז אים גאָר נישט איינגעפאַלן, אין דער מחשבה נישט געהאַט.

יעדן טאָג, שלעפּנדיק די שווערע משאות, האָט ער נאָר אין געדאַנק זיך מיט אים אַ ביסל אויסגעטענהט: „זעסט, טאַטע, ווי איך מאַטער זיך אויף דער וועלט. זעסט, טאַטע, ווי דיין זון אַרטשיק שלעפּט אַזוינע שווערע משאות. ווען דו וואָלסט אים עפּעס אַ פּראָפעסיע געלערנט"...

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט מען שוין נישט געקענט שרייבן. ווען זי האָט זיך פאַרענדיקט, איז שוין נישט געווען צו וועמען צו שרייבן: די דייטשן האָבן אַלע יידן דאָרטן אויסגעשאָכטן, און צווישן זיי אויך זיין משפּחה — האָט אַרטשיק זיך דערוואוסט.

פלוצלינג איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז ר' שלמה פידעלמאַן, חזן־שוחט פון דער שטאָט ק.... האָט זיך געראַטעוועט. ער וואָגלט זיך ער־גע‍ץ אַרום איבער שטעט פון טיף רוסלאַנד.

די ידיעה האָט אים דערפרייט און צערודערט. דער טאַטע איז פאַר־

וואָרפן, עלנט. ער אַליין איז דאָך אויך אַזוי עלנט, פאַרוואָרפן. אַזאַ מחיצה, אַזאַ דיסטאַנץ טיילט זיי אָפּ צווישן בײדע עקן פון דער וועלט.

ארטשיק האָט אַלץ מער גענומען טראַכטן וועגן אים. „און טאַקע, ווער וועמען דאַרף מוחל זיין?" — האָט אים אָנגעהויבן עגבערן אַ מאָדנע פראַגע.

נאָר לאַנג טראַכטן איז נישט געווען קיין ענין אין אַזאַ צייט. און קלאַנגען האָבן זיך דערטראָגן, געיאָגט און איבערגעיאָגט יעדע פאָרשטעלונג. אָט איז זיין טאַטע, ר' שלמה, אין איין שטאָט, העט ווייט, ווייט. אָט איז ער שוין אין פוילן, ליטע, נאָנט: אין באַקאַנטע שטעט און שטעטלעך... מען האָט אים שוין געזען אין עסטרייך, רומעניע, איטאַליע. און פּלוצלינג: ער קומט קיין ארגענטינע...

זיין נאָמען לויפט פאָראויס. מען באַטיטלט אים: הרב ר' שלמה פידעלמאַן. אַן אַנדערש מאָל גיט מען נאָך צו: הרב הגאון...

„אמת, — טראַכט שוין דער בן הרב אַרטשיק — ער איז דאָך שטענדיק געווען מער רב ווי חזן־שוחט. אַ תלמיד חכם מיט סמיכה; פרום, סאָליד, ערנסט. נישט ווי די לייכטע חזנימלעך עולם־הזהניקעס". און ער, אַרטשיק, איז דאָך שוין אַ בחור, נישט קיין מינדעריעריקער...

* * *

גייט אַרטשיק אין שפּאַן, טאָג־טעגלעך, שלעפּט דעם יאָך און איז ווידער פאַרביטערט, פאַרצאָרנט. זיין טאַטע ווייסט גאָר נישט, אַז ער האָט נאָך אויף דער וועלט אַ זון, אָדער ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק... זוכט ער אים אַרום, וויל ער אים טרעפן, זען?

און אַרטשיק שלעפּט די משאות, גייט און קלערט אַלץ וועגן טאַטן...

איינמאָל האָט ער געשפּרייזט איבער דער גאַס מיט אַן אייזערנעם מאַטראַץ אויף דער פּלייצע, אָפּצוטראָגן דאָס אַ קונה. ער האָט געקוקט צו דער ערד, געגאַנגען מיט פאַמעלעכע טריט, ווי אַן איינגעאַרבעט פערד. אָבער דאָס „פערד", ווי דער בלינדער גורל אַליין וואָלט אים היינט געפירט אויף דעם וועג, האָט אין דמיון געזען דעם טאַטנס אימפּאָזאַנטע, נאָר אויסגעמאַטערטע געשטאַלט, זיך דערנענטערנדיק, אים אַנטקעגן קומענדיק אַלץ מער און מער.

גאָר פּלוצלינג האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרץ. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. פונקט אַנטקעגן אים, פנים אל פנים, איז געשטאַנען ר'

שלמה, זיין טאטע. זייערע בליקן האָבן זיך באגעגנט. א מאָמענט האָט אויסגעוויזן ווי צוויי הענער, אייביקע קעגנער, וואָלטן זיך אָנגעקוקט. דער ערשטער האָט ארטשיק זיך פארשעמט, אראָפּגעלאָזט די אויגן. ער איז געווען גרייט פאַלן דעם טאַטן אויפן האלדז, נאָר יענעמס קאַלט־קייט האָט אים צוריקגעהאַלטן. פון איבערראשונג איז ער ווי פארשטומט געוואָרן. נאָר באלד האָט ער, ווי א קוואל פון פארביטערונג וואָלט זיך אויפגעפּראלט אין אים, מיט א ווייַנענדיקער שטימע אויסגעקלאָגט זיין פּראָטעסט:

— זע, טאַטע, זע ווי איך מאַטער זיך אויף דער וועלט! זעסט, וואָס פאר א משאות איך שלעפּ מיין גאַנץ לעבן. ווען דו וואָלסט מיר געווען געגעבן א פאך אין דער האנט!...

ר׳ שלמה, הרב הגאון ומורה הוראה, איז געשטאַנען מיט אויסגע־גלאָצטע אויגן, געקוקט פארגליווערט דעם זון אין פּנים, ווי זיין אויסגוס פון פּראָטעסט און פארביטערונג וואָלט אים נישט גערירט. אָבער פּלוצ־לינג האָבן זיך זיינע אויגן צעברענט, ווי פון אן אינערלעכער, טיפער פארבאָרגעניש, וואָלט ארויס א גרין פייער און זיי אָנגעצונדן. זיינע אַלע גלידער האָבן זיך צעוויגט ווי אין א קאָנוואולסיע. ער האָט צווישן די ציין, איינגעהאַלטן ארויסגעשיפּעט:

— דו האָסט, בן סורר ומורה, נישט געוואָלט לערנען די תורה הקדושה, פון דרך־הישר אראָפּ, טאָ שלעפּ, שלעפּ די משא!!!

ווען טאַטע און זון האָבן זייערע טענות און תרעומות אויסגעגאָסן איינער פארן אַנדערן, זיינען זיי ווידער געבליבן שטיין אויג־אויף־אויג. די צוויי עלנטע מענטשן, דערשעפּטע פון דעם צאָרן־אויסגוס, האָבן זיך ווידער אָנגעקוקט, אָבער שוין נאָר אַנדערש.

די צוויי לעבנסגעבליבענע, טאַטע און זון, האָבן זיך געטוישט מיט בליקן פון חרטה, מחילה און ליבע. און הייסע טרערן זיינען געשטאַנען אין זייערע אויגן, פאר די אומגעקומענע קינדער, ברידער און שוועסטער און אַלע פארברענטע קדושים; טרערן פון צער און ווייטיק — די ביטערע טרערן פון דער צייט. — — —

צוליב דער שוועסטער

קורטיס איז געלעגן אויף זיין געלעגער פארטאג און געקוקט שטאר און פארגענעצט. א מאטע בלייענע מידקייט איז געווען אויף אים אויסגעגאסן, נישט ווי געוויינלעך. נאר גלייכגילטיק איז ער געווען, אן א סימן פון אויפרעגונג. דאס פארזשאווערטע וועקערל, וואס איז געשטאנען אויף א קליין הינקענדיק טישל אנגעשפארט ביי דער וואנט פון ענגן בוידעם חדרל האט געוויזן פונקט זעקס. ער האט נאך קענטיק נישט געקלערט. וועגן ארויסגיין נעמען די פרימארגן־צייטונגען צום פארקויפן. געוויינלעך. פלעגט ער 5 אזייגער זיין אויף די פיס און זיין הילכיק קול פלעגט שוין צעליינגן די גאס מיט די פרימארגן נייס. דערנאך איז קלאר געווארן, וואס זיין פארענדערטער צושטאנד האט באדייט. דאס וואס ער האט אפגעטאן מיט א פאר שעה פריער, איז געווען א שענדלעכע רציחה, כאטש די וואס ווייסן צו דערציילן זיין לעבנס־געשיכטע, האבן אים באדויערט.

זיין לעבנס־געשיכטע איז געווען א טרויעריקע. נעבוירן איז ער געווארן אין א שמוציק בעט אין אן ענג צימער פון אן ארעם פארפאלק. ווען ער האט געעפנט די אייגעלעך מיט א קוויטש, האט ער געקענט „זען״ פון דער לינקער זייט דעם דאך אנשטאט א סופיט, באצויגן מיט שפינוועבס. די ווענט צעלעכערט, קענטיק פון א סאך וואנצן, וואס האבן זיך דא גענעסטיקט. לעבן אים איז געלעגן אן איינגעשרומפענע פרוי, וואס איז איצט געווען אויפגעדרייט אין דרייען פון די ווייען, וואס זי איז אקארשט איבערגעקומען. מען האט אבער אויך געקענט באמערקן, אז איר אויסגעצערטקייט שטאמט נאך פון גאנץ לאנג, נאך פון די

צייטן, וואָס זי האָט געדינט ביי פאַרשיידענע מענטשן און דערנאָך פון מסתמא נישט קיין פויגלדיק לעבן, וואָס זי האָט געהאַט ביי איר מאַן דעם שיך פּוצער. וואָלאָך, איר מאַן, איז געשטאָנעם לעבן בעט מיט אַ ווילדן גאַליקן שמייכל פאַרשטעקט צווישן זיינע פאַרשטשעמעטע ציין און ליפּן. לויט דער קוים באַמערקבאַרער, איינגעהאַלטענער אויפרעגונג, וואָס האָט געצוקט זיין געזיכט, האָט מען געקענט מיינען, אַז פאַרענדיק זיך אַרום דעם ניי־געבוירענעם ילדל, האָט ער עפּעס אַ שלעכטע מחשבה. ער וואָלט מסתמא דאָס עופהלע גאָר דערשטיקט, צי אַריינגעלייגט עס כלומרשט אָפּבאָדן און דערטרונקען. דער מוטערס ליידן און איר ווייטיקדיק־בעטנדיקער בליק, האָט אים קענטיק אין דער רגע צוריק־געהאַלטן. צומאָל פלעגט ער זיין פרוי צוּוואַרפן אַ פּאָר גוטע ווערטער אויך. צופוסנס פון בעט איז געלעגן אַ מיידעלע פון אַנדערהאַלבן יאָר און געוויינט. אויף דער ערד, אויף אַ פּאָר שמאַטעס, זיינען געלעגן נאָך צוויי עלטערע יינגלעך, פון דריי ביז פינף יאָר. זיי זיינען נישט געשלאָפן. ס'איז געווען נאָך האַלבע נאַכט, קיין אַקושאָרן איז נישט געווען. ווען דער פרימאָרגן האָט באַגעגנט די פאַמיליע, האָבן זיך אַ פּאָר שכנטעס שוין געפּאָרעט אַרום דעם איצט געבויפענעם קורטיק און ער איז שוין געווען זיכער מיטן לעבן. דאָס לעבן אין דער פאַמיליע איז דערנאָך געוואָרן נאָך שווערער.

זינט קורטיק האָט אָנגעהויבן געדענקען, קען ער זיך נאָר דערמאָנען פון פינסטערע קינדער טעג. די מאַמע פלעגט שטענדיק וויינען פון טאַטנס קלעפּ. די קינדער פלעגט ער פּייניקן פאַר יעדער קלייניקייט.

איינמאָל איז דער טאַטע געקומען שפּעט, מיט אַ שרעקלעך פּנים, צעקלאַפּט און רויט. ער האָט זיך גלייך אַ לייג געטאָן אין בעט און גערופן די מאַמע. יענע האָט געהאַלטן אויפן הויפל אין וואַשן פרעמדע וועש, האָט זי נישט דערהערט, גיכער נישט געוואָלט, איז ער אַראָפּגע־לאָפן און זי אַריינגעשלעפּט פאַר די האָר, געטראָטן מיט די פיס און דערנאָך זי צוגעבונדן צום בעט מיט אַ שטריק. אַזוי איז זי געלעגן די גאַנצע נאַכט און די קינדער האָבן מורא געהאַט צו וויינען. קורטיק האָט זיך שטענדיק געוואַלגערט מיט אַ סך קינדער אויפן הויף אין דער קאָנוועגטיזשע פון נאָך צענדליקער שכנים. דאָ האָט ער איינגעזאַפּט אַ סך שמוץ פון די מענטשן, וואָס מערסטנס פון זיי זיינען געווען אומוויסנדיק און אָרים, מיט אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס. עס האָט אויך געהאַט אויף אים אַ ווירקונג דער ווייטיק פון טאַטנס קלעפּ. איינמאָל

האָט אים דער טאַטע פאַר אַ קינדערשן חטא אויפגעהאַנגען אויף די פיס מיטן קאָפּ אַראָפּ און איז אַוועק. ווען די מאַמע וואָלט נישט אָנגע־לאָפן אויף זיינע קולות, וואָלט דאָס בלוט וואָס האָט אַ שטראָם געטאָן אין קאָפּ, געוויס דערשטיקט אים.

אויפן זעקסטן לעבנס יאָר האָט די מאַמע אים אַרומגעוואַשן און מען האָט אים געגעבן אַ סך אַרבעט פאַר איין מאָל. פאַרטאָג און פאַר־נאַכט, האָט ער געדאַרפט גיין פאַרקויפן צייטונגען, אין דער צווישנצייט האָט ער געדאַרפט גיין אין שולע. אין שולע, האָט ער געהאַט איין מעלה און איין חסרון. זיין מעלה איז געווען, זיין פעאיקייט גיך אויפצונעמען די למודים, פאַרשטיין, וואָס דער לערער זאָגט. דער חסרון איז געווען, וואָס ער איז געווען זייער שרעקעדיק, מען האָט אים גערופן פּחדן. אַ יינגל האָט נאָר געדאַרפט כלומרשט אַ געשריי טאָן, אָדער אַ הייב טאָן אַ האַנט, איז ער שוין געגאַנגען אויף צוריק, זיך איינגעקורטשעט און געציטערט. ער האָט אַמאָל געדאַרפט פאַרשפּעטיקן אין שולע אויף אַ מינוט, איז ער שוין אַריינגעקראָכן אויף אַלע פיר, מיט אַזאַ רחמנות פּנים, אַז ס'האָט געכאַפּט אַ שרעק. אין דער היים פלעגט עס נאָר פאַר־קומען, ווען דער טאַטע פלעגט אָנקומען. דאָ האָט ער געציטערט פאַר יעדן. דער לערער האָט עס באַמערקט און גענומען מער אכט לייגן אויף אים. אים צוגעוואוינט צו אַ סך גימנאַסטישע איבונגען און פיל מאָל מיט אים געשמועסט. ער האָט אים געלערנט, אַז מען דאַרף זיין דרייסט און נישט קיין פּחדן, ווייל אין לעבן שטייט פאַר יעדן אַ סך שוועריי־קייטן און מען דאַרף זיי געבן אַ ווידערשטאַנד — „מען דאַרף זיין גוט, אָרנטלעך און דרייסט", האָט דער לערער מיט אים איינגעטענהט. אַזוי ווי קורטיק איז געווען שרעקעדיק און דעם לערער אַלץ געפאָלגט, האָט ער אים אויך דאָס געפאָלגט... ער איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג דרייסטער און שטאַרקער. אפשר האָט אויך געווירקט זיין פּראָפעסיע: די גאַס האָט אים געלערנט אַ סך זאַכן, אין דעם זין אויך אַרויסגעהאָלפן דעם לערער. דערנאָך איז ער שוין געווען דער בעסטער באָקסער צווישן די יינגלעך. איינמאָל, ווען קורטיק איז שוין געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער און דער טאַטע האָט געשלאָגן די מאַמע, האָט ער געכאַפּט אַ זודיקן בעכער וואַסער און אים אַ גאָס געטון אין פּנים. פון פינסטער־ניש אין טאַטנס אויגן, האָט ער באַוויזן צו אַנטלויפן און זיך אַרויס־געדרייט פון רוצחס הענט. דאָן איז שוין געווען צום ווייפלסטן מאָל פון זיין געבוירן, וואָס ער איז געבליבן לעבן על פּי נס. אַ „פּראָפעסיע" האָט

ער דאַך געהאַט, איז ער שוין אַהיים נישט צוריקגעקומען. זיך אַרומגע־וואַלגערט איבער די גאַסן און פּאַרקויפט ציַיטונגען. וואַלאַך, זייַן טאַטע, האָט זיך שוין מיט אים נישט אינטערעסירט, ער איז געווען צופרידן. מענגלעך, אַז ער האָט דערנאָך גאַרנישט באַמערקט, אַז ער פעלט.

שולדיק איז מסתמא אַביסל געווען דער לערער, צי ער האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען. ער איז איצט אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און קיינעם נישט איבערגעלאָזן אויף אַ האָר, פאַר איין וואָרט, האָט ער געענטפערט צען, פאַר איין ריר — אַ זעץ... באַזונדערס, האָט ער פיינט געהאַט זייַנע חברים, נאַס מענטשן, די שיך פוצער. ווען ער פלעגט אַמאָל ווערן ווילד פון נישט דערשלאָפן, צי נישט דערעסן, פלעגט ער זיי ממיתן. ער האָט געקענט גוט לייענען און שרייבן, אויסער אַ צייטונג פלעגט ער לייענען אויך אַ בוך. ער האָט געשטילט דערמיט זייַן בענק־שאַפט צו דער שטוב, צו דער ווייטער היים. געבענקט האָט ער נאָך דריי זאַכן: זען די מאַמע, וואָס זי מאַכט. זען זיך מיט דער שוועסטער, וואָס האָט שוין געדאַרפט אַלט זייַן ביי די 16 יאָר. זי האָט ער ליב געהאַט מער פון אַלע. זי פלעגט זיך מיט אים אַרומפירן פון קינדווייז אָן. זי איז אים געווען אַלץ איינס ווי די מוטער. די דריטע זאַך נאָך וואָס ער האָט געבענקט, איז צו רעכענען זיך מיטן טאַטן. ער האָט נאָך אָבער מורא געהאַט צו גיין אַהיים, דער טאַטע קען נאָך אַמאָל זייַן שטאַרקער און ער האָט געדולדיק געוואַרט.

ווען ער איז אַלט געוואָרן 15 יאָר, האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן. איז ער אַוועק אַהיים. ס'איז געווען אין אָוונט, די מאַמעס לויה איז געווען שוין מיט אַ טאָג פריער. געטראָפן האָט ער נאָר די שוועסטער. ער האָט זיך מיט איר צעקושט און זי האָט זיך צעוויינט. פון דער שוועסטער האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זייַנע עלטערע ברידער, איינער אַ קראַנקער, זייַנען זיך אויך צעלאָפן. האָט ער אַרויס־גענומען אַ מעסער, לאַנג און שאַרף און האָט געוואַרט אויפן טאַטן... מאַריע איז אים געפאַלן צו די פיס און זיך געבעטן, ער זאָל אַוועק. אים פאַרזיכערט, אַז דער טאַטע האָט די מאַמען, די לעצטע צייט, מער נישט געשלאָגן. ווען ער האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן און זיך אַביסל באַרואיקט, איז ער אַוועק. איצט פלעגט ער שוין אַלע טאָג זיך דרייען פאַרביי דער שטוב און זיך זען מיט דער שוועסטער, זייַן איינ־ציקער שוועסטער.

וואָס ווייטער איז זייַן ליבע געוואָרן שטאַרקער צו איר, ער האָט

איין טאָג נישט געקענט דורכלאָזן, מיט איר זיך נישט צו זען. ער פלעגט זי קושן און ברענגען געלט און וואָס ער האָט געקענט. דער טאַטע, אַז ער האָט זיך דערוואוסט, וועגן זיינע באַזוכן און וועגן לאַנגן מעסער, וואָס ער האָלט ביי זיך, האָט ער אים פאַרמסרט אין פּאָליציי. האָט מען אים איינמאָל געפּאַקט און אַרעסטירט. ווען מען האָט אים אַרויסגעלאָזט, האָט אַ נקמה־געפיל געברענט אין אים ווי אַ פייער. ער איז איינמאָל אַן אָוונט אַוועק אין שטוב, האָט ער געטראָפן די שוועסטער שטיין מיט איינעם אַ פּאַצעטל ביים טויער. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער איז אַ שיך פּוצער, האָט ער אים צעשלאָגן ביז בלוט. ווען יענער איז אַנטלאָפן און די שוועסטער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער איז נישט קיין שטיוול פּוצער, און אים געמוסרט, האָט ער געפרעגט, צי דער טאַטע איז אין שטוב. קענטיק, אַז מאַריע איז געווען גאַנץ גלייכגילטיק, וואָס דער טאַטע איז שוין עטלעכע טעג נישט געווען אינ־דערהיים, אַזוי ווי אין וואַסער אַריין, ווייל קומענדיק, האָט זי אים דאָס גלייך נישט מודיע געווען. קורטיק איז איצט געלעגן אין דעם זעלבן בעט, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן, האָט געסאָפּעט פון אויפרעגונג. עפּעס אַ ווילדער גיפט האָט אים פאַרסמט און געברענט. ער האָט נישט געהאַט, וואו אויסצוברענגען זיין נקמה־געפיל און דאָס האָט אים נאָך מערער געדריקט און פאַרדאַרבן. איצט האָט ער גענומען מאַטערן די שוועסטער, זי זאָל אים זאָגן, צי דער הונט האָט נישט דערשטיקט די מאַמען. זי האָט געוויינט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיק.

אין אַ געוויסער צייט אַרום, האָט זיך באַקומען אַ ידיעה, אַז וואַ־לאַכן, האָט מען געפונען ערגעץ אַ פאַרשיכורטן טויט. ביי קורטיקן האָט זיך אַביסל אויסגעלאָשן דאָס נקמה־געפיל, נאָר עפּעס האָט נאָך טיף אין אים געטליעט און געצערט, און אים האָט פאַדראָסן, וואָס דער מלאך המות פון שכרות האָט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט. איצט האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. ער האָט זיך דערפילט אַלס באַלעבאָס פון אַ דירה און אַביסל אייגענע שמאַטעס. די שוועסטער האָט ער ליב געהאַט מיט אַן אויסערגעווייגלעכער, אויסטערלישער ליבע. זי האָט איצט אויפ־געלעבט. קיין עסן האָט איר נישט געפעלט, קיין שוך און קלייד אויך נישט. איין זאַך איז זי נישט געווען צופרידן וואָס קורטיק שטערט איר אין אירע ליבעס. מיט יענעם, וואָס מיט די סאַמעטענע האָר און קלאָרע ציין, וואָס גייט דאָס היטעלע אויף אַ זייט, האָט זי אפילו קיין וואָרט

נישט געטאָרט אויסריידן, ווייל ער האָט אויסגעזען ווי אשיך־פּוצער. זינט קורטיק האָט אים געבראָכן די ביינער, האָט ער זיך נאָך איינגע־נאָזשעט, ווי א הונט צו דער יאַטקע, זי האָט אים אָבער זינט דעמאָלט פיינט געקריגן און אָפּגעזוכט א צווייטן, פון פאַך א שניידער. אויסקומען גאָר אָן איינעם האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט. איצט ווען זי האָט זיך דערפילט פריי פון טאַטן, פון דער מאַמען, האָט זיך צעשפּילט איר געמיט, בלוט און ליידנשאַפט. ס׳איז אויך געווען צו באַמערקן, נאָך איר טעמפּעראַמענט, אַז די פינקטלעכע נאַטור, האָט אָפּגעשעפּט אביסל בלוט פון טאַטן און געלאָזט פליסן אין אירע אָדערן. קורטיק אָבער האָט זי נעהיט. ווען ער פלעגט זי באַמערקן מיט איינעם, איז ער יעדער מאָל געוואָרן זייער אויפגערעגט און אייפערזיכטיק, גאָרנישט ווי צו א שוועסטער. איינמאָל האָט ער געכאַפּט דעם שניידער לעבן טויער, האָט ער אים געשלאָגן און צעבלוטיקט. דערנאָך איז ער געלעגן אויפן בעט און א פאַרגרינגערונג געפילט. עפּעס א גליענדיקע זאַך פלעגט ביי אים אָפּגעקילט ווערן, יעדעס מאָל, וואָס ער פלעגט מאַכן אימיצן בלוט. זינט דער מאַמעס טויט, איז ער געוואָרן אביסל אויסגעצערט, אַן אינערלעכע בראַנד האָט אים נעצערט און פון צייט צו צייט פאַרשטיקט געוואָרן, ווי א קראַנקייט, וואָס א דאָקטאָר קען נישט אויסגעפינען. ווען די שוועסטער איז אריינגעקומען, האָט ער זי גענומען קושן: — „דו, מאַ־ריע... איך האָב פיינט, די גאַנצע וועלט... קיינער זאָל צו דיר נישט קומען! דו, מאַריע... דו זיי מיין מאַמע... איך האָב ליב דיך, נאָר זיי מיין שוועסטער שטענדיק, אויף אייביק״...

מאַריע פלעגט זיך צעווייגען און זאָגן: ליבינקער קורטיק, וואָס אַרט דיך, ווייסט דאָך, איך האָב נישט קיין מאַמען, וואָס זאָל מיך פאַר־זאָרגן. ווייסט דאָך, איך בין א מיידל שוין זיבעצן יאָר. איך האָב דיך זייער שטאַרק ליב. ווייסט דאָך, שטענדיק קענען מיר נישט זיין צוזאַמען. ווייסט דאָך... יאָ טייערער, דו דאַרפסט שוין אויך באַלד חתונה האָבן, ביי וועמען וועל איך בלייבן״... אויף דעם פלעגט קורטיק ענטפערן מיט טרערן הייסע אין די אויגן:

— „טייערע מאַריע. דו פאַרלאָז מיך נישט, דו וועסט נעמען אויך א „טאַטן״ א שטיוול־פּוצער... ער וועט דיך ממיתן, וועט קומען שכור און אַלע קינדער דערשטיקן... דו, מאַריע... ניין, מיין קאָפּ וועט אויף מיר נישט זיין. ניין, דו מאַריע... איך בעט דיך... איך וועל אויך קיינמאָל נישט חתונה האָבן. נעמען אויך א קראַנקע, ווי די מאַמע,

וואָס וועט האָבן אַ סך קינדער. אַלע אין איין בעט... איך וועל נישט שלאָגן. ניין. אָבער איך ווייס נישט... מיין בלוט ברענט, ברענט, מאַ־ ריע... האָב רחמנות, איך בין עלנט״...

נאָך אַזוינע סצענעס פלעגט קורטיק נעמען אַרבעטן מיט מער התמדה, אַלץ וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער אָוועקגעגעבן מאַריען. קיינער האָט נישט געוואוסט דעם סוד פון זיין דערפאָלג אַלס צייטונגס פאַרקויפער. ער פלעגט אַרומלויפן גלייך מיט אַלע זיינע חברים און קומען פריער און פאַרקויפן מער ווי אַלע. ער האָט געוואוסט, באַזונ־ דערס, ווי צו נעמען דעם עולם. קענענדיק גוט לייענען, פלעגט ער אויס־ זוכן אַלע פּאָליציי־יאישע נייס, מיט אימפּעט פלעגט ער אַריינשרייען יעדערן און צעלייגן די גאַס: „אויף דער גאַס בראַזיל, האָט געטראָפן אַ שרעקלעכער אַקצידענט, אַ מאַן צעשניטן זיין ווייב און דערשטיקט זיינע קינדער... באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, זיך אויפגעהאָנגען״. ער פלעגט שטענדיק וויסן, וואָס מען דאַרף צוגעבן פון קאָפּ. אַמאָל פלעגט ער נישט פילנדיק אַליין שרייען: „אַ שטיוול פּוצער, אַ שכור דערשטיקט זיין קראַנקע ווייב, זיינע קינדער צעסמט... געפונען אים טויט אין רינשטאָק, הינט צעפרעסן זיין שאַרבן״... פון נייגעריקייט האָט מען געקויפט זיינע צייטונגען, כאָטש די נייס, וואָס ער האָט אויסגעשריען איז גאָרנישט געווען. איינמאָל פליענדיק איבער די גאַסן, האָט ער אַליין אָנגעטראָפן אויף אַ צוזאַמענשטויס, וואָס פון דער קאַטאַסטראָפע זיינען געווען אַ סך פאַרוואונדעטע. האָט ער דערזעענדיק בלוט, זיך קוים באַהערשט פון נישט נעמען קוועלן עפּעס פון אַן אינערלעכער פרייד, וואָס האָט אים באַהערשט. אַפּלויפנדיק ווייטער, האָט ער גענומען שטשירען די ציין און אויסשרייענדיק די נייס אויפן שטעל, האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון און נישט געפילט וואָס אין אים קומט פאָר. געוויינלעך האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז דאָס איז זיין זשעדנעקייט נאָך נייס, נאָך סענסאַציע, ער זאָל לייזן מער געלט.

אַ צווייט מאָל האָט זיך געטראָפן גאָר אַן אויסטערלישע, אומ־ גלויבלעכע זאַך. לויפנדיק פון אַ טראַמוויי ווי אַ ווינט, איז ער אָנגעלאָפן אויף אַ גערדרענג. ער האָט זיך גלייך אַריינגעדרייט דער ערשטער און דער־ זען אַזאַ בילד: ביי אַ פרוי וואָס איז געשטאַנען בלייך, צעוואָרפן די האָר און די אויגן פאַרלאָפן מיט בלוט האָט מען אַרויסגענומען פון האַנט אַ רעוואָלווער. אויף דער ערד איז געלעגן אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, אין אַ טייך בלוט, וואָס האָט געשטראָמט פון קאָפּ איבערן האַלדז

אויף דער ערד. א ווײַלע איז ער געשטאַנען דערשטוינט. פּלוצלינג נישט ווימנדיק אַליין ווי אַזוי, האָט ער גענומען פילן אין זיך אַן אַנגענעמע באַוועגונג פון א געפיל, וואָס האָט נישט קיין נאָמען. ער האָט דערפילט אַן אינערלעכע דערלייזונג. ווי עפּעס אַן אָנגעריסענע זאַך וואָלט געפּלאַצט, און א קילע אָפּפרישנדיקע פליסיקייט, ווי א באַלזאַם, צעגיסט זיך אין אַלע זיינע אברים, ווערן וואָס ווייטער, אַלץ איבערפולטער און גיסט זיך איבער אַלע ברעגן. דער געדרענג איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. און אַז ער האָט דערזען די שרעקלעכע גרימאַסן פון די מענטשן מיט פאַרקרימטע מיילער פון ווייטיק און שרעק, האָט ער אויסגעשאָסן אין א געלעכטער. אין דער אויפרעגונג און טומל, וואָס ס'האָט זיך געשאַפן, האָט זיך בערך געהערט אַזא אויסרוף: גוט! אַלע דאַרף מען זיי צעשיסן. אַלע שיכורים. אַלע אויסוואורפן! ווען די מאַסע האָט אָפּגעלאָזט דעם דרוק, עטוואָס זיך ציענדיק אויף הינטער, ווירנדיק איבעררעשט פון דעם אויסרוף, האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון צווישן די הענט און איז נעלם געוואָרן. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צוריקציען, ווי אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון מענטשן און רוישיקע גאַסן. ביז ער איז פאַרקראָכן הינטער דער שטאָט. געשלעפּט זיך אַליין נישט ווימנדיק, איבער א פּלאַץ, פאַרקראָכן אין א וועלדל און א גאַנצן טאָג נישט געפילט קיין הונגער. ער איז געוואָרן אַלץ אומעטיקער ביז א דריקנדע פיין האָט אים גענומען מאַטערן. אַהיים איז ער געקומען שטיל, נישט גערעדט קיין וואָרט, ווי פאַרמרהשחורהט. א גאַנצע נאַכט האָבן אים געפּייניקט שלעכטע חלומות. אויפכאַפּנדיק זיך, האָט ער זיך צוגערוקט צו דער שוועסטער, זי געדריקט צום האַרצן און אויסגעקושט אַלע גלידער. אַז ער איז ווידער איינגעשלאָפן, האָט ער גענומען שרייען מיט א פאַרשטיקט קול,ווי אימיצער וויל אים דערשטיקן. צומאָרגנס איז ער נאָך דעם גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען ווי א נעכטיקער און נישט געוואוסט און נישט געפילט, וואָס עס קומט פאָר אין אים.

גיך איז געקומען אַן ענדערונג. ער האָט זיך אויסגעלייטערט און געוואָרן צוריק ווי געוועזן. דערנאָך האָט ער זיך פאַפּראַוועט. די אויסגעצערטקייט איז כמעט פאַרשוואונדן און ביי קיינעם פון זיינע באַקאַנטע איז נישט געווען קיין ספק, אַז ער איז א נאָרמאַלער מענטש. ער איז אַרומגעגאַנגען מונטער צעכראַשטשעט, ווי דער קעניג פון דער גאַס. אַלע האָבן פאַר אים געציטערט. ער איז געווען הויך און שטאַרק. קיין שנאַפּס אָדער אַנדערע שטאַרקע משקאות, האָט ער נישט געטרונקען. דערפאַר

פלעגן אים די חברים זיינע שלעפן אין די שאנד הייזער און ער איז גע־גאנגען. גיך האט ער דארט געהאט א צענדליק „כלות", וואס ער האט פון זיי געשלעפט געלט און געטראגן מאריען, זיין שוועסטער. וויפל ער פלעגט איר געבן, האט זיך אים אלץ געדאכט, אז ס'איז ווייניק. דאס לעבן וואלט ער אויך פאר איר אפגעגעבן. וואס שטארקער ער האט זי ליב געהאט, אלץ אומרואיקער איז ער געווארן פון טאג צו טאג. איינמאל האט ער אויס־געשריען די נייס, ווענן א פארפירט מיידל, וואס איז אנטלאפן פון דער היים מיט איינעם א פארשוין, האט ער א ווארף געטון די צייטונגען און אוועקגעלאפן פאר דער צייט צו מאריען. געטראפן האט ער זי מיט א חתן און נישט ביים טויער נאר פארשפארט אין צימער. ס'האט נעמוזט זיין אן אויסערגעוויינלעכער צופאל, וואס ס'האט נישט געקאסט איינעם פון זיי דאס לעבן... איצט האט ער זי שוין גענומען שטארק היטן און ענג מאכן דאס לעבן. אמאל פלעגט ער נישט פארשטיין דעם צער אירן, און ביי איר בעטן מיט טרערן. און זי, זי איז שוין פארקראכן צו ווייט, זי האט זיך שוין אירע באזוכער איבערגעגעבן און נישט געוואוסט וואס צו ריידן מיט אים, נאר געוויינט. אז ס'האט קיין זאך נישט געהאלפן, האט ער גענומען גיין מיט בייזן. איינמאל, איר שוין נעגעבן צו פארזוכן זיינע שטארקע מוסקולן... דערנאך האט ער דערפילט א פינסטערע מרה שחורה און חרטה און געבעטן זיך ביי איר מיט גוטן, אז אויב זי וויל חתונה האבן, וועט ער פאר איר אויסגעפינען א חתן, אן ארנטלעכן, נישט ווי זיין טאטע איז געווען. די אלע חתנים זיינען אויסוואורפן, וואס ער קען זיי... געמיינט האט ער אבער, נאר אפציען די זאך און זי וועט אויפגעבן איר פארלאנג חתונה צו האבן. אים אליין שענקען איר גאנצע ליבע און איבערגעגעבנקייט.

ס'איז אבער געווען צו שפעט. אמאל, ווען ער האט צעקלאפט איין „חתן", וועלכער האט אים אויך נישט געשאנעוועט, האט מען אים צוגע־נומען אין ארעסט. אלס גוט באקאנטן האט מען אים שוין דעמאלט אפ־געהאלטן אייניקע וואכן. ווען ער איז באפרייט געווארן, האט ער קומענ־דיק אהיים געטראפן פיר ווענט, די צעלעכערטע פון די וואנצן. פוסט ווי אין א חורבה. פון דער גאנצער משפחה, איז ער געבליבן אליין. זיין געליבטע מאריע, האט נישט איבערגעלאזט קיין שפור נאך זיך. ער האט געוואיעט, ווי א משוגענער הונט, זיך די האר פון קאפ געריסן און באַ־שלאסן צו גיין איבערן גאנצן לאנד זי זוכן. מעג אים אפילו זיין לעבן קאסטן. מאריע איז אבער שוין געווען העט ווייט. זי איז אריין דורך דער

ברייטער טיר, וואָס איז שטענדיק אָפן פאַר אַזוינע מיידלעך פון איר שטאַנד און בלוט. אַרויסגיין צוריק איז שוין נישטאָ וואו, נישט מען קען, נישט מען וויל... עס זיינען אַוועק יאָרן און יאָרן. אים וואָלט נישט אַזוי שווער געווען צו געפינען זי, נאָר אירע „אַפּוטראָפּסים", זיינען געווען קליגער פון אים, שטענדיק געוואוסט, צו דער צייט, זי צונעמען און אַוועקפירן אין אַ צווייטן אָרט. ווען נייטיק אַפילו אין אַ שכנותדי־קער מדינה אויך. ווען זי איז שוין אינגאַנצן געווען אויסגענוצט, ווי אַן אויסגעזויגענע פּרי, האָט מען זי אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס.

קורטיק האָט אומעטום פאַרקויפט ציטונגען, נאָר שוין נישט געווען דאָס וואָס פריער. זיינע קינדער־יאָרן, די גאַס, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך און די פאַרשטיקטע שנאה און נקמה־געפילן, האָבן איצט אַרויס־געשפּראָצט און זיך צעוואַקסן, פאַרלירנדיק דעם לעצטן אָנשפּאַר: די שוועסטער מאַריע. צו אויפזוכן מאַריען האָט ער זיך שוין, מוז זיין, מיאש געווען, ער האָט אַפילו נישט געוואוסט אויף זיכער, וואָס פאַר אַ לעבן זי פירט. ער האָט איצט געפירט זייער אַ שמוציק לעבן. ער האָט אַ סך פאַרקערט מיט אויסגעלאַסענע פרויען און ער האָט אויך געשיכורט. ער האָט אויך זייער פיל געלייענט און עפּעס געשריבן. אין די נעכט האָט ער פאַרקערט אין פאַרשיידענע קרייזן פון אונטערוועלט־מענטשן.

איינמאָל, נאָך האַלבע נאַכט האָט ער זיך געשלעפּט איבער אַ שטילער, זייטיקער גאַס. זיין אויסדרוק פון געזיכט איז געווען שווער צו באַשטימען צוליב דער האַלב טונקלקייט אין דער ווייניק באַלויכטענער גאַס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און באַמערקט לעבן אַ ראָג אַ פרוי. ער האָט זיך דערנענטערט. זי האָט אים גענומען ווינקען, האָט ער זיך אָנ־געשטויסן, אַז דאָס איז אַ גאַסן־פרוי. איר צושטאַנד איז געווען שרעק־לעך, וואַקלדיק. אפשר פון שכרות און אפשר פון הונגער. ס'איז געווען דער שאָטן פון אַ מענטש. זי האָט געבעטן אַ ציגאַרעטל און פאַרגעלייגט גיין מיט איר אויף נאַכטלעגער אין צימער. קענטיק, אַז ס'איז געווען ביי איר אַ קרן, צו האָבן וואו איבערצונעכטיקן, ווייל קיין געלט, האָט זי נישט געפאָדערט. שטייענדיק מיט איר פּנים אל פּנים, האָט ער אין דער ערשטער רגע זיך אַ וואַקל געטון, דערנאָך האָט ער זיך געשטאַרקט. און ווען זי האָט פאַרלייגט איר מאָגערע האַנט אויף זיין האַלדז, איז אים דורכגעגאַנגען אַ קעלט איבערן לייב און אויף זיינע ליפּן איז פאַר־גליווערט געוואָרן דאָס וואָרט „שוועסטער". ער האָט נישט לאַנג גע־קלערט און איז מיט איר אַוועק.

אויף צומאָרגנס האָט די פּאָליציי געפּאָרשט א שרעקלעך פאַר־ברעכן: אין א האָטעל־צימער, האָט מען געפונען א צעשניטענע פרוי מיט א מעסער, פון געשלעכט אָנגעהויבן ביזן האַרץ און דעם האַלדז איבערגעשניטן. דעם נאָמען אירן האָט מען נישט געקענט פעסטשטעלן, נישט פון וואַנען זי שטאַמט. איינס איז געווען זיכער, אַז זי איז געווען א גאַסן־פרוי. עס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרשיידענע השערות, נאָר דעם מערדער, האָט מען נישט געקענט דערטאַפּן.

קורטיק איז אין זעלבן טאָג געגאַנגען מיט צייטונגען, פאַרנאַכט, און געשריען: „א שרעקלעכער מאָרד, געפונען אין א האָטעל־צימער, א צעשניטענע גאַסן־פרוי אויף שטיקער, מיטן נאָמען מאַריע וואַלאַך"...

זיין נישט געוויינלעכער געשריי, האָט געשניטן דעם רויש פון גאַס. ער האָט דעם טאָג פאַרקויפט א סך צייטונגען און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו פרעגן פון וואַנען ווייסט דער מענטש דעם נאָמען פון דער פרוי און אפילו פון וואַנען זי שטאַמט, וואָס ער האָט אויך געשריען.

אין א פּאָר טעג אַרום האָט מען געפונען קורטיקן מיט איבערגע־שניטענע אָדערן. אין א בריוו, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, האָט ער זיך מודה געווען אין מאָרד פון זיין שוועסטער.

בוענאָס־איירעס, 29־3־9

אין פלאָנטער פון לעבן

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווי מיין געוואוינהייט איז, בין איך אריינ־געקומען אין קאַפע־הויז „בריסטאָל", וואו איך רו מיך אָפּ ביי אַ טעפּעלע שוואַרצע קאַווע, איך רייכער און איך טראַכט. אַמאָל טרעף איך זיך מיט אַ באַקאַנטן, מיט וועמען מען קען זיך ביַיטן מיט אַ וואָרט און דורכלופטערן די טאָג־נייעס. אין יענעם פאַרנאַכט האָב איך באַמערקט ביי אַ טישל דעם דאָקטער שפּילער. לעצטנס איז ער געוואָרן אָן אָפּטער אריינגייער אין קאַפע־הויז, וואָס דאָס איז גאָרנישט געווען זיין געוואוינ־הייט. אונדזער באַקאַנטשאַפט איז געווען אָן אַלטע, נאָר אָן אויבערפלעכ־לעכע. דער ד"ר שפּילער איז בטבע אַ מילדער גוטער מענטש און אויך נישט קיין בעל־גאווה. מיט אַזאַ כאַראַקטער און שטאַנד איז אים לייכט צו האָבן אַ סך פריינד. אָבער, אַלס דערפאָלגרייכער מעדיקער האָט ער ווייניק צייט זיך אָפּצוגעבן מיט פריינד און באַקאַנטע. פריינד, זאָגט מען, דאַרף מען זיך „קויפן". מען קען אָבער מיט זיכערקייט זאָגן, אַז כדי איינצוהאַלטן פריינד און פריינדשאַפט מוז מען האָבן אַ סך איבע־ריקע צייט און טאַקט.

איך האָב אויך באַמערקט, אַז ער איז לעצטנס שטאַרק נידערגע־שלאָגן. ער רייכערט אַ סך און אונטער די קנוילן רויך פון זיין ציגאַרעט באַמערק איך די וואָלקנדלעך פון טרויער, וואָס פאַרציען זיינע העל־גרויע אויגן. יעדע ווילע האָט ער אונטערגעהוסט, אַ באַוועג געטאָן מיט דער האַנט, אָדער פאַרצויגן די ליפּן, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן אָדער מיט באַדויערן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט מיט אימיצן אינערלעך זיך אויסגעטענהט. כאָטש איך האָב אים געקענט לאַנגע יאָרן, נאָך אַלס

יונגן דאָקטער אין דער פּראָווינץ, האָב איך קיינמאָל נישט געוואָלט, אָדער, אפשר, נישט געוואַגט ביי אים צו פרעגן אַ וואָרט וועגן זיינע פּערזענלעכע ענינים. אויסערלעך האָט ער שטענדיק אויסגעזען ערנסט, ווען ער האָט גערעדט וועגן אַ וויכטיקער פראגע, כאָטש אינערלעך איז ער אַ מענטש אַ סענטימענטאַלער. גערעדט האָט ער מיט מיר שטענדיק נאָר וועגן נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע געשעענישן, אמאָל אפילו אויך וועגן פּראָפעסיאָנעלע ענינים, וואָס האָבן אים אינטערעסירט, כדי זיך אָראָפּרעדן פון הארץ די אַלע שוועריקייטן און אָנשטרענגונגען וואָס אַ דאָקטער מיט געוויסן קומט אויס בייצוקומען. וועגן פאַמיליע־ענינים האָט ער קיינמאָל קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט.

איצט האָב איך אים געקענט אָבסערווירן לענגער צוליב זיין פאַר־טראַכטקייט. אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, האָט ער איצט אין מיינע אויגן אויסגעזען פאַרעלטערט. איך האָב צו זיין טישל נישט געוואַגט צוצוגיין, נישט איבערצורייסן אים זיינע מחשבות. איך מוז מודה זיין, אַז עפּעס האָב איך זיך אָנגעשטויסן, ווייל ווייסנדיק ווער ער איז און ווען זיין פרוי איז, האָב איך אינסטינקטיוו דערפילט אַזאַ מין ערגערגיש אָדער ווייטיק, וואָס איז דוכט זיך נישטאָ, איז נאָר אַבסטראַקט, במחשבה, נאָר גיט זיך איבער ווי אַן אומגעזעענער שטראָם, וואָס מען קען זיך אפילו נישט דערקלערן מיטן שכל. ער האָט זיך לסוף אַרומגעקוקט און מיך באַמערקט. אַן אויפגעמונטערטער האָט ער מיך באַגריסט און גלייך צוגעגאַנגען צו מיין טישל, נישט ווי געוויינלעך, האַסטיק, ווי ער וואָלט זיך דערפרייט מיט דער באַגעגעניש. נישט טראַכטנדיק קיין סך, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וויל זיך מיט מיר דורכשמועסן וועגן עפּעס אַן ענין. ער וויל מיר פשוט דערציילן, אַראָפּריידן, פאַרטרויען זיינס אַ פאַמיליען־זאַך. איך, ווי שוין געזאָגט, אַנענדיק עפּעס, האָב אים גע־פּרואווט אָפּריידן דערפון. וועלנדיק, ער זאָל זיך איבערלייגן ביז מאָרגן, האָב איך געזאָגט אַ תירוץ: „איך דאַרף נייטיק זיין אויף אַ פּלאַץ... אגב האָב איך צוגעזאָגט מיין פרוי זיין צו דער צייט צו אָוונטברויט”... די נייגעריקייט, איז, אמת, ביי מיר געווען זייער גרויס. אָבער, איך ווייס נישט פאַרוואָס, איך האָב אים געזאָגט אַלע תירוצים, כדי אָפּצושלעפּן דעם ענין ביז מאָרגן. אפשר וועט ער זיך איבערלייגן און נישט דערציילן. צי דאָס איז געקומען פון אָנשטענדיקייט, אָדער פון מיין ווילן אים אַרויסווייזן צופיל ערלעכקייט, איבערגעטריבענע נישט־נייגעריקייט, אומ־פּאַראינטערעסירטע פריינדשאַפט, איז פאַר מיר אַליין נישט קלאָר, נאָר

אזוי איז עס געווען. מיר האָט זיך איינגעגעבן אים אָפּצוהאַלטן ביז מאָרגן.

צומאָרגנס איז דער ד"ר שפּילער געקומען צו דער באַשטימטער שעה, וואָס מיר האָבן געהאַט אָפּגערעדט, פּינקטלעך. ער איז געווען עטוואָס מונטערער. ער האָט גלייך אָנגעהויבן דערציילן, ווי איינער וואָס איז דעצידירט נישט צו ענדערן זיין באַשלוס, אַלץ אויפצודעקן (מעג עס אפילו נישט ענדערן זיין סיטואַציע). און דאָס איז די דערציילונג, וואָס איך וועל איבערגעבן פּינקטלעך מיט זיינע אייגענע ווערטער, ווייל דאָס עפענען אַ פענצטערל אין דער נשמה פון אַ פאַמיליע־מענטש, וואָס לעבט איבער אַ פאַרפּלאָנטערטע סיטואַציע אָדער טראַגעדיע, איז זייער זעלטן און ווערט ס'רוב פאַרשטיקט און אויסגעהויכט צווישן די פיר ווענט פון דער משפּחה־נעסט.

„געבוירן בין איך ביי אַ באַלעבאַטישער יידישער פאַמיליע. דער פאָטער אַ רעליגיעז־געשטימטער מענטש, די מוטער מער נאַציאָנאַל ווי רעליגיעז. דער פאָטער שטאַמט פון הייסע חסידים, די מוטער פון אַ משפּחה אַקטיווע ציוניסטן. מיר האָט מען געגעבן אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג. געשיקט האָט מען מיך אין אַ יידישער צוגאָב־שולע, וואָס מען רופט תלמוד־תורה, נאָר קיין תורה לערנט מען דאָרט נישט. אָבער איינגעפּלאַנצט דעם יידישן גייסט האָט מען אין מיר זייער טיף. איך בין שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן אויך פון דער מוטער. ווייניקער אָדער כמעט גאָרנישט פון פאָטער, צוליב דעם, וואָס ער האָט געהאַט ווייניק צייט צוליב זיינע געשעפטן, זיך מיט מיר אָפּצוגעבן. שפּעטער, אין די סטודענטן־יאָרן, זיך אָנגעשלאָסן אין אַ נאַציאָנאַלן יידישן ספּאָרט־קלוב. ווען איך האָב געענדיקט מיין שטודיום אויף דאָקטאָר מעדיצין, האָב איך זיך איינגעאָרדנט, צוליב די שוועריקייטן פאַר אַ מעדיצינער אַן אָנפאַנגער צו פּראַקטיצירן אין בוענאָס־איירעס, אין אַ קלענער פּראָווינץ־שטעטל. איך האָב געהאַט מזל און, אפשר טאַקע צוליב מיין פעאיקייט, אַ סך דערפאָלג אין מיין פּראַפעסיע. איך בין געווען יונג, געזונט, רי־רעוודיק, און פעאיק צוצוקלעפּן צו זיך מענטשן. קיין פּאַציענטן האָבן מיר נישט געפעלט, איך האָב זיי באַהאַנדלט אָרנטלעך, מיט ליבע און ערנסט. איך האָב ליב געהאַט מיין אַרבעט און געשטיגן, געקראָגן אַ נאָמען אין דער גאַנצער געגנט. איך האָב אַ סך געלערנט פון דער פּראַקטיק, און זיך אַליין, מיט אַלע קענטענישן פון פאַקולטעט, איבערגעשטיגן. איין זאַך האָט מיר געפעלט — די סביבה אין וועלכער איך בין געווען

פריער אין דער גרויסער שטאָט. פון אָנהייב, זייענדיק צופיל פאַרטאָן אין מיין פּראָפעסיע, האָב איך עס נישט שטאַרק געפילט. ס'איז אָבער געקומען דערנאָך ווי אַ פּועל־יוצא פון דער רוטין, צו וועלכער מיין אַרבעט איז שוין צוגעקומען, און אויך צוליב דער אָנגעזעטיקטקייט מיט דערפאָלג, גייסטיק און מאַטעריעל, איך זאָל אָנהייבן בענקען נאָך עפּעס אַנדערש. פון אָנהייב צו דער היים, סביבה, יוגנט־געזעלשאַפט, חברים. דערנאָך איז געקומען אַ מאָדנער איבערברוך: עפּעס אומבאַשטימטס, אַ געפיל פון אומזיכערקייט, פאַרלוירנקייט האָט מיך באַהערשט אין די מינוטן פון אָפּרו. איך האָב געקריגן אַ פּאָר קריסטלעכע באַקאַנטע מיט וועמען צו פאַרטרייבן אַ ביסל די פרייע צייט. איך האָב זיך געסטאַרעט צו פאַרטרייבן דעם אומעט, די אָנקומענדיקע אַפּאַטיע, נאָר ס'האָט נישט געהאָלפן. איך האָב גוט אַנאַליזירט מיין סיטואַציע און בין געקומען צום באַשלוס, אַז איך דאַרף און מוז גאָר חתונה האָבן... דער געדאַנק האָט זיך אין מיר איינגעקלאַמערט און מיך נישט אָפּגעלאָזט; איך האָב אַנדערש גענומען קוקן אויף מיינע פרויען־פּאַציענטקעס, מיט אויגן פון עפּעס אַ טרוימער אַ פאַרבענקטן, און אפילו מיט לײדנשאַפט. איך האָב זיך גע־נומען שרעקן פאַר זיך אַליין. איך האָב פאַרלוירן דעם צוטרוי צו זיך, איך בין אַרויס פון גלייכגעוויכט...

איינמאָל איז אַריינגעקומען אין מיין קאָנסולטאַריע אַ יונגע שיינע פרוי. איר יוגנט און פרישקייט, אירע שוואַרצע פייערדיקע אויגן האָבן אָנגעצונדן אַ מאָדנע פאַנטאַסטיש ליכט אין אַלע ווינקעלעך פון צימער. דאָס בלוט איז מיר אַריין אין קאָפּ, אַ ווײלע האָט מיר גענומען בלענדן, שווינדלען פאַר די אויגן. איך האָב זיך באַהערשט און זי באַגריסט מיט אַ פאַרלוירענעם שמייכל. זי האָט אויך אַ שמייכל געטאָן פאַרשעמט. איך האָב זיך, נישט ווי מיין געוואוינהייט, אַוועקגעזעצט און גלייכצייטיק באַטראַכט איר שיין געפורעמטן, סימעטרישן קערפּער. אירע היפּטן, ביוסט און אַלע גלידער האָבן מיר אויסגעזען ווי געשניצט פון אַ מייסטער, אַ קינסטלער. אירע הענט שלאַנק, די פינגער לאַנג, ווייס און איידל. איך האָב אַ קלער געטאָן, אַז עס איז צו מיר אַריינגעקומען עפּעס אַ געטין. די „ווענוס", ווען זי זאָל נאָר וועלן, קען זי מיך גלייך פאַר־שקלאַפן, קען צונעמען מיין האַרץ אויף אייביק...

— וואָס איז אייך, פריילין? — האָב איך גענומען אויספרעגן מיט אַ ציטערדיקער שטימע און האָב געקוקט אין אירע אָפּגרונט־טיפע אויגן, פון וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ ציטער פון אַ לײדנשאַפטלעכער

אומרו, פון א ליכטן פיבער, וואָס קומט אָפּט ביי אַזעלכע צייטיקע, יונגע, נישט־חתונה געהאַטע פרויען.

— איך בין געקומען ד"ר — האָט זי גערעדט שטיל עטוואָס פאַר־שעמט — זיך קלאָגן פאַר אייך... יאָ, איך בין אַ לערערין אין דער שטעטלשער שול. איך האָב ליב געהאַט מיין אַרבעט, מיינע שילער און געטאָן מיין אַרבעט בשלימות. לעצטנס פיל איך אַ שוואַכקייט אין גאַנצן קערפּער, אַן אַפּגעלאָזנקייט וואָס האָט נישט קיין נאָמען. איך פאַרנאַכ־לעסיק מיינע פליכטן און פיל זיך מאָראַליש דערשלאָגן צוליב דעם. איך בין נישט געוואוינט דערצו. איך וויל זיך אָפּזאָגן פון מיין פּאָסטן. בין איך געקומען, ד"ר, פריער זיך אַן עצה האַלטן. איך וויל אייך מטריח זיין, אפשר קענט איר מיר העלפן. אפשר בין איך עפּעס נישט נאָרמאַל, קראַנק? אָ, ווי איך ליד, ווי איך וויל נישט פאַרלאָזן מיין אַרבעט!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע שיינע אויגן און האָבן אַ גלאַנץ געטאָן אַנטקעגן דעם עלעקטרישן ליכט. איך האָב זי אויסגעהערט און, ווי איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, נישט געפונען קיין מינדסטן סימפּטאָם פון עפּעס אַן אומנאָרמאַלקייט. און ווי מאָדנע דאָס איז פאַרגעקומען! אָן קיין שום צוגרייטונג, אָן שום איבער־טראַכטונג, פּלוצלינג, האָב איך צו איר געזאָגט:

— מיין טייערע, ביסט פּוּלקאָם געזונט, ביסט צוגעקומען צו דעם עלטער, ווען אַ פרוי דאַרף חתונה האָבן. ביסט אַ בוגרת און אַלע בלוטן שטורעמען, ברויזן פון דיינע פאַרשלאָסענע קוואַלן; פון די טיפענישן, אין דיין באַוואוסטזיין, קומען די געוויטערן און נישט געפינענדיק קיין אויסגאַנג, שוואַכן זיי אָפּ גייסטיק, פיזיש, ברענגען אומרו און אַפּאַטיע דיין אָרגאַניזם. דאָס איז אָרגאַניש פּערפעקט, דאָס איז דער באַשאַף, די נאַטור אַליין מיט איר קונסט, דער געטלעכער פּורעם, דער צוזאַמענ־שמעלץ פון גייסטיקע און פיזישע אייגנשאַפטן. דער באַגער פאַרצוזעצן דעם מין רופט, שטורעמט, שטעלט אָפּ אַלע אַנדערע אַקטיוויטעטן, זוכט דעם וועג צו דער שלימות און ליבע, צו דער באַהעפטונג פון די מינים, צום אייביקן דראַנג פון יצירה און קיום־המין!...

איך האָב איר געזאָגט די אַלע ווערטער מיט אַזאַ ברען, מיט אַזויפיל התלהבות, וואָס שטאַמען ביי מיר פון די זעלבע קוואַלן, — פון ששת ימי בראשית — וואָס קומט ביי בעלי־חיים פון אינסטינקט און דער מענטש קען עס נאָך דערצו אויך אַרויסברענגען אויף דער צונג, אויס־דריקן מיט ווערטער פון זיין לשון. נישט ווי אַ דאָקטער האָב איך צו

איר גערעדט, נאָר ווי אַ מענטש פון בלוט און פלייש. איך האָב באַמערקט, אַז זי פאַרשטייט, ווערט פאַרדוויטלט, האָב איך באַלד צוגעגעבן:

— מיט מיר, פרײַלין, קומט אויך פאָר עפּעס ענלעכס, אפשר אין אַן אַנדער פאָרם, מיט אַנדערע דערשיינונגען, נאָר דער מקור איז דער זעלבער. און נאָך אַ שטילער פּויזע האָב איך אויסגעפּלאַצט: איך בין נאָך אַ בחור... דו געפעלסט מיר. איך בין פון דיר באַגייסטערט געוואָרן פון ערשטן אויגנבליק, פון דיין שיינקייט און באַשיידנקייט. איך לייג דיר פאָר, גאָר פשוט, מיר זאָלן ביידע חתונה האָבן.

פון די לעצטע ווערטער איז זי געוואָרן אַזוי איבערראַשט, אַז זי איז געבליבן אָן לשון. באַלד האָט זי זיך אָבער באַהערשט און געזאָגט:

— איר געפעלט מיר אויך, ד"ר שפּילער, אויב איך קען רעכענען מיט דער אויפריכטיקייט פון אייערע ווערטער.

איך האָב פעסט געדריקט איר האַנט און מיט וואַרעמקייט, אויפריכטיקייט און געפּילפּול איר באַשטעטיקט מיין פאַרלאַנג, מיין פעסטן באַשלוס מיט איר זיך צו פאַרבינדן. איין זאַך האָב איך זי נאָר געוואָרנט, אַז איך בין אַ ייִד און זי איז אַ קריסטין. זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. איין אויגנבליק האָט עס געדויערט. גלייך האָט זי געזאָגט צו מיר, אַז ביי איר איז נישטאָ קיין אונטערשייד פון פעלקער, ראַסן און רעליגיעס. פונדעסטוועגן האָט זי געבעטן צייט ביז מאָרגן צו געבן מיר די ענדגילטיקע תשובה, ווייל זי דאַרף מודיע־זיין און איבעררײדן מיט אירע עלטערן. איך האָב זי פאַרשטאַנען און געוואַרט אומגעדולדיק אויף דעם קומענדיקן טאָג".

דער דאָקטער שפּילער האָט פאַרדוויכערט און אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט. דערנאָך פאַרגעזעצט:

„איך וויל אייך נישט דערציילן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט יענע נאַכט. ס'איז נישט וויכטיק. דאָס איז געווען אַ שלאָפלאָזע, נאָר אַ גליק־לעך־טרוימערישע, מיט שטורעם־אָנגעפּולטע נאַכט. צומאָרגנס אין דער באַשטימטער שעה איז זי געקומען צוזאַמען מיט איר פאָטער, אַ קליינער גוטבאַזיצער, אָנגעטאָן יום־טובדיק, ווי ער וואָלט געקומען אין שטעטל צוליב אַ וויכטיקן ענין אָדער געשעפט. נאָכן איבערבייטן אַ פּאָר העפלעכ־קייט־ווערטער, האָט ער גלייך גענומען ריידן צו דער זאַך.

היות ווי זיין ליבע טאָכטער האָט אים שוין איבערגעגעבן וועגן דעם גאַנצן ענין, איז ער צופרידן. און ס'וועט זיין טאַקע פאַר אים אַ כבוד צו האָבן אַזאַ באַוואוסטן דאָקטער פאַר אַן איידעם. איין באַדינג

שטעלט ער נאָר: דער חתונה־אַקט דאַרף פאָרקומען אין קלויסטער, אויפן קריסטלעך־קאַטוילישן שטייגער.

ווי שטאַרק איך בין נישט געווען אָנגעשטרענגט און אומגעדולדיק צו וויסן זייער תשובה, האָב איך זיך פונדעסטוועגן נישט פאַרלוירן. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און פעסט אַנטשלאָסן זיך אָנגערופן:

— ניין, מיינע פריינד, דאָס קען נישט זיין. דאָס איז אוממעגלעך! איך בין אַ ייד, און הגם נישט קיין רעליגיעזער, ווי מיינע ליבע עלטערן, וועל איך פונדעסטוועגן נישט מסכים זיין צו דעם. איך רעספּעקטיר אַלע רעליגיעס און די גלויביקע פון אַלע פעלקער. אָבער אין דעם פאַל קען איך נאָר חתונה האָבן אין ציוויל־רעגיסטער. איך וועל מיט פאַרגעניגן נעמען אויף זיך אַלע פליכטן פון אַ חתונה־געהאַטן, אַלע התחיבותן פון אַ פאַמיליע־מענטש. מיר זיינען פון פאַרשיידענע רעליגיעס, אָבער מיר מוזן, אין דעם פאַל, אוועקשטעלן די מאָראַל און די ליבע, די פליכטן און געטריישאַפט איבער אַלץ.

איך בין אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב באַמערקט טרערן אין די אויגן פון דער שיינער סוסאַנאַ; ווי אַ קינד האָט זי אויסגעזען, ווי אַ קינד וואָס הערט רירנדיקע ווערטער פון אַ לערער, כאָטש זי איז אַליין אַ לערערין. מיינע אויפריכטיקע ווערטער האָבן אָבער ווייניק געווירקט אויף איר פאָטער. אָנגעשטרענגט, קאָנצענטרירט זיין בליק אויף דער טאָכטער, האָט ער נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון נאָכגיביקייט און הסכמה צו מיין פאָרשלאָג. פּלוצלינג האָט ער דערוואַכט פון דער פאַר־גליווערונג, זיך אויפגעשטעלט און רופנדיק סוסאַנאַן, זיך מיט מיר געזעגנט, זאָגנדיק דערביי גאַנץ קאַטעגאָריש, אַז ער קען דערצו נישט מסכים זיין. און כאָטש זיין ליבע טאָכטער איז שוין נישט מינדעריעריק און קען אַליין אָננעמען אַ באַשלוס, קען דאָס נאָר זיין אויף איר אייגענער אחריות — האָט ער צוגעגעבן שוין ביי דער טיר שטייענדיק.

ווען זיי זיינען אַוועק, בין איך געווען דערשלאָגן און פאַרצווייפלט. אַ שטאַרקע דריקונג אין דער ברוסט האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט. איך האָב מיך באַמיט זיך צו באַהערשן. איך האָב זיך אַליין געזאָגט מוסר, פאַר־וואָס איך האָב איר געמאַכט דעם פאָרשלאָג נישט פרעגנדיק אויך ביי מיינע עלטערן, אַזוי ווי זי האָט עס געטאָן. איך האָב אָבער גלייכצייטיק געפילט, אַז דאָס מיידל האָט מיך געפאַנגען, אַז מיט מיין גאַנצן פּער־פעקטן שכל און אפילו קעגן ווילן פון מיינע עלטערן, וועל איך מוזן מיט איר זיך פאַרבינדן. איך האָב גענומען מורא האָבן פאַר זיך אַליין.

איך האָב גענומען צווייפלען אין מיינע אייגענע איבערצייגונגען, אין מיינע פעסטע באַשלוסן. איך האָב מורא געהאַט פאַר מיין סענטימענ־טאַלקייט און גלייכצייטיק זיך געשראָקן, אַז אפשר וועט זי מער נישט צוריקקומען... אַ שטיקל האָפענונג האָט מיר איבערגעלאָזט איר פעס־טער האַנטדרוק און איר וואַרעמער בליק צו מיר ביים געזעגענען זיך.

צוויי טעג פון צווייפל, ליידן, דערשעפונג און זעלבסט־פייניקונג זיינען פאַרביי. אויפן דריטן טאָג איז זי געקומען אַליין. זי האָט פשוט, באַשיידן און מיט אַ קינדערשער נאַטירלעכקייט מיר געמאָלדן, אַז זי איז מסכים מיט מיר חתונה צו האָבן ציוויל. וועגן אירע עלטערן האָט זי מער נאַרנישט דערמאָנט. איך האָב וועגן מיינע עלטערן זיך אויך געמאַכט פאַרגעסן און מיר האָבן חתונה געהאַט לויטן געזעץ פון לאַנד, מיט צוויי עדות. דאָ האָט דער ד״ר שפּילער געמאַכט אַ פּויזע. אויף זיין געזיכט האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון באַפרידיקונג און פאַרלייכטערונג, ווי ער וואָלט איצט איבערגעלעבט דאָס וואָס ער האָט אָקאָרשט דערציילט.

„איך וועל אייך איצט שוין מאַכן בקיצור, — האָט ער ווייטער אָנגעהויבן דערציילן — ווייל אַזוי ווי איך האָב אַ סך צו דערציילן, וועל איך איבערלאָזן די פּרטים און אייך איבערגעבן נאָר דעם תמצית פון די ווייטערדיקע געשעענישן. איך גלייב, אַז איר וועט מיך פאַרשטיין. מיט מיינע עלטערן איז מיר געווען גרינגער זיך איבערצובעטן ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט. זיי האָבן נאָר געפאָדערט פון מיר, איך זאָל די קינדער, וואָס וועלן געבוירן ווערן, דערציען אין יידישן גייסט. אויב עס וועט זיין אַ זכר, זאָל איך אים מלן. אַ נאַציאָנאַלער ייד בין איך, האָב איך גלייך געגעבן מיין הסכמה צו דעם. אויך מיין פרוי איז געווען איינשטימיק. איך בין געווען גליקלעך. די אַרבעט און דאָס לעבן אין דעם פּראָווינץ־שטעטל האָט מיך שוין נישט באַפרידיקט. מיר האָבן זיך איבערגעצויגן אין דער הויפּטשטאָט און זיך גוט איינגעאָרדנט. דאָס לעבן איז געפלאָסן ווי אַ טייך מיט זיינע צופלוסן און אָפּפלוסן, אָן באַזונדערע שטערונגען. מיין פרוי האָט אַ ביסל געבענקט, זיך צייטנווייז פאַרטראַכט, אָבער דאָס איז געווען נאַטירלעך, ווייל געבוירענע אין „קאַמפּ״ בענקען צו דעם אומעט און שטילקייט פון דער נאַטור. אפילו געבוירענע אין וואַלד בענקען דאָך אויך צום וואַלד. די שטאָט קען באַפרידיקן נאָר די מענטשן, וואָס האָבן אַ פיינע געזעלשאַפט. האָב איך זיך באַמיט אויך דאָס איר צו פאַרשאַפן. דאָס פּראָבלעם איז זייער גיך פאַרשוואונדן, ווען זי האָט געבוירן דאָס ערשטע קינד, אַ מיידל. אַ קינד, אַ ליכטיקס. ווי דער מאָרגן־פּורפּור איז עס אויפגעגאַנגען אין איר

וועזן. זי האָט געשריבן צו אירע עלטערן, זיי זיינען געקומען. ווען זיי האָבן דערזען דאָס קינד, האָט איר פֿאָטער אויסגערופֿן: „איך שענק דער מיידעלע פֿינף לעגוועס קאָמפּ”. אויף זיין שטייגער האָט ער אויס־געדריקט זיין פֿרייד. זיי האָבן זיך מיט אונדז איבערגעבעטן. אין זעקס יאָר אַרום האָט מיין פֿרוי געבוירן נאָך אַ קינד, אַ יינגל. מיין פֿאָטער האָט באַשטעלט אַ מוהל צו באַשניידן דאָס קינד, ווי ס'וואָלט געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, לויט אונדזער טראַדיציע און מיין צוזאָג. אין טאָג פֿון ברית־מילה, האָט מיין פֿרוי אַ סך געוויינט. איך וואָלט דאָס אָנגענומען פֿאַר נאַטירלעך אפילו ביי אַ יידישער פֿרוי, ווייל אַ מוטער מוט ווי דאָס האַרץ, ווען מען גייט שניידן דאָס לייב פֿון איר אייגן קינד, מעג זי אפילו זיין רעליגיעז געשטימט. די פּאָר טעג זיינען פֿאַר מיר געווען זייער פּיינלעך, נאָר זיי זיינען גיך פֿאַרביי און פֿאַרגעסן געוואָרן. דאָס לעבן איז ווידער אַרויף אויף זיין אויסגעטראָטענעם, פּשוטן פֿאַמיליאַרן דרך. די קינדער האָבן זיך גוט געלערנט און אַנטוויקלט. ווען אונדזער זונעלע, חיימל, איז אַלט געוואָרן 12 יאָר, איז ער פּלוצלינג פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן. אַ לונגען־אָנטצינדונג מיט זיינע קאָמפּליקאַציעס איז געווען דער רעזולטאַט פֿון אַ שטאַרקער פֿאַרקילונג, וואָס די שולד פֿאַר דעם איז אומזיסט געווען צו וואַרפֿן אויף אימיצן. די קרענק האָט פּראָגרעסירט. אַלע מיטלען, וואָס איך און מיינע קאָלעגן האָבן אָנגע־ווענדט, האָבן נישט געהאָלפֿן. מיר זיינען געווען פֿאַרצווייפֿלט. סוסאַנאַ איז שיר פֿון זינען אַראָפּ. ווען עס זיינען שוין געווען קליינע האָפֿענונגען, אַז זיין אָפּגעשוואַכטער אָרגאַניזם זאָל רעאַקציאָנירן, און איך האָב שוין ווייניק האָפֿענונגס־ווערטער געהאַט פֿאַר איר, האָט זי צו מיר פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן:

— דוד, אונדזער קינד גייט אויס, די מעדיצין איז אוממעכטיק אים צו ראַטעווען. איך זע, טייערער, דיין פֿאַרצווייפֿלונג. דיין צער איז נאָך גרעסער צוליב דיין אוממעכטיקייט. אייער בילדונג און וויסנשאַפֿט איז נאָך צו שוואַך קעגן דער גרויזאַמער נאַטור, וואָס וויל אונדז שטראָפֿן פֿאַר אונדזערע זינד. איין גאָט קען דאָ ראַטעווען אונדזער קינד. דערלויב מיר גיין אין קלויסטער בעטן ביי מיין גאָט...

זייענדיק פֿאַרצווייפֿלט און צעמישט, האָב איך גלייך איינגעשטימט.

— גיי, סוסאַנאַ, און בעט ביי דיין גאָט פֿאַר אונדזער קינד, וויפֿל דיין האַרץ גלוסט, — האָב איך גערעדט צו איר מיט רחמנות, נישט פֿילנדיק, אַז איך גיי זיך פֿאַרראַטן און אפשר אויך די גאַנצע מעדיצין...

עס זיינען דאָך פאַראַן דאָקטוירים גלויביקע אויך, וואָס שרייבן צו דעם חולה אַ מעדיציין און גלויבן, אַז די רפואה שיקט צו גאָט אין הימל. מיט מיר איז דאָך דער פאַל נישט געווען. איז מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס איינשטימען מיינס צו מיין פרוים פאַרלאַנג? האָב איך אפשר אין מיין אונטערבאַוואוסטזיין אַליין געגלויבט אין גאָטס הילף? איז דען דער רחמנות צו מיין קינד נישט געווען שטאַרקער פאַרן רחמנות צו מיין פרוי?

„יאָ, אַזוי איז עס געווען". — האָט דער ד"ר שפּילער באַטאָנט זיינע לעצטע ווערטער און ווייטער פאָרגעזעצט זיין דערציילונג. „מיין פרוי איז אַוועק אין קלויסטער און איך האָב זיך גענומען ווידער צום קינד. איך האָב אָנגעווענדט נייע מעדיצינישע מיטלען, אייגענע איינפאַלן; אַלץ וואָס נאָר אין דער מאַכט פון אַ דאָקטער און פאָטער קען זיך געפינען האָב איך אויסגענוצט. איך בין פון קינד נישט אָפּגעטראָטן, ביז מיין פרוי איז צוריק געקומען נאָך אַ לאַנגען זאַמען זיך, מיט רויטע, פאַרוויינטע אויגן. פון איר גאַנצן וועזן האָט אָבער אַרויסגעשיינט עפּעס אַ האָפענונג, אַן אינערלעכע באַרואיקונג. עס איז געוואָרן נאַכט. איך האָב דעם חולה אויפגעהאַלטן דאָס לעבן מיט קינסטלעכער אָטעמונג, געקרעפּטיקט מיט איינשפּריצונגען און מיט דער גאַנצער נשמה פון אַ פאָטער אים צוגעבונדן מיט די לעצטע פעדעם פון די מעדיצינישע מיטלען צום לעבן. פאַרטאָג איז געקומען דער נס. דאָס קינד האָט אויפגעעפנט די אויגן, נאָך אַ גאַנצער נאַכט ראַנגלעניש, און האָט זיך אַרומגעקוקט. ער איז געווען לויט מיין מיינונג געראַטעוועט. ווען מיין פרוי האָט דאָס דערזען און דערהערט פון מיר דאָס וואָרט פון האָפענונג, האָט זי אויסגעשריען:

— אָ, דו זעסט, דאָקטער, דאָס האָט מיין גאָט דאָס קינד געראַטעוועט!

זי איז געפאַלן אויף דער שטול און זיך יאָמערלעך, היסטעריש צעוויינט. מיין גרויסע איבעררעשונג איז געוואָרן פאַרטושט פון איר שרעקלעכן געיאָמער און כליפּען. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך אויסגעוויינט עפּעס אַ שווערקייט, אַ דריקונג פון יאָרן. איך בין תיכף געקומען צו זיך און נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס אַ זאָג געטאָן:

— מיינע עלטערן זיינען אויך געגאַנגען בעטן אין שול אונדזער גאָט... מיין גאָט, דיין גאָט. איך גלייב, אַז עס דאַרף זיין איין גאָט

פאר אלעמען — האָב איך געפּרואווט פאַרגלעטן דעם שלעכטן איינדרוק פון דער סצענע.

מיין פרוי האָט זיך בארואיקט און האָט דערנאָך א פּאָר טעג גע־שוויגן פאַרשעמט. אונדזער זונעלע איז געזונט געוואָרן. די צופרידנקייט אונדזערע פון זיין געזונט ווערן האָט פאַרווישט דערווייל די שפּורן פון אונדזער דיאַלאָג וועגן גאָט. זי איז געווען גענוג קלוג מער נישט צו דערמאָנען, אָדער זיך פאַרענטפערן, כאָטש זי האָט אפשר חרטה געהאַט אויף אירע רייד, כדי עס זאָל נישט מאַכן קיין פאַרקערטן איינדרוק.

ווי איך האָב געזאָגט, אָדער איר האָט שוין אליין פאַרשטאַנען פון מיי־נע רייד, — האָט דער ד"ר שפּילער שוין א מידער פאַרגעזעצט איינטאָניק — איז דאָס פּראָבלעם פון געמישטע חתונות פאר מיר קיינמאָל נישט געשטאַנען. איך האָב, יעדנפאַלס, קיינמאָל זיך וועגן דעם נישט פאַר־טראַכט. עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז דער נאַטירלעכער אויסוואַל אין פאַרבינדונג פון די געשלעכטער זאָל קומען דורך ליבע. עס איז אפילו אויך אוממעגלעך, אַז רעליגיע און ראַסע זאָלן זיך קענען שטעלן אין וועג, ווען אַזא שידוך קומט צו שטאַנד פון א ליידנשאַפטלעכן באַגער צו באַזיצן א געוויסע פרוי, אָדער מאַן. עס איז אַלץ איינס ווי מען זאָל וועלן מיט רעליגיע איבעראַנדערשן די נאַטור. איך גלייב אָבער איצט, אַז די פראַגע איז דורך דעם פּאַרט נישט געלייזט. איך רעכן, אַז מיר געפינען זיך אין א פאַרכישופטן קרייז, צוליב די אומשטענדן, וואָס מיר לעבן אין א געמישטער געזעלשאַפט און אין א פרייער, דעמאָקראַטישער געמיינשאַפט. וויפל איך זאָל איצט נישט וועלן דעם פּלאַנטער פון מיין לאַגע אויפבינדן, צורעכט מאַכן, איז מיר נישט מעגלעך. ערשטנס פּייניקט מיך דאָס געוויסן, וואָס איך האָב, אומדירעקט, פאַרשאַפט מיין ליבער פרוי אַזוי פיל ליידן און שמערצן. זי האָט זיך זיכער געפּייניקט אַלע יאָרן אין דער שטיל, נישט קענענדיק אפילו פאַר מיר זיך אַראָפּריידן איר ווייטיק. עס פּאַרדריסט מיך אָבער אויך גענוג, וואָס איך האָב אין איר געהאַט אַזא טעות. מעגלעך, אַז ווען איך וואָלט דאָס פריער אַלץ געוואוסט, אָדער כאָטש פאַרשטאַנען, וואָלטן די זאַכן אפשר אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג. איך וואָלט זיך דאָך געוויס באַמיט מיט אַלע כוחות צו געפינען עפּעס אַן עצה, א רפואה צו דער קרענק. דאָס וואָלט זיכער געווען זייער שווער, נאָר דאָס טראַכטן און באַמיען זיך וועגן דעם, וואָלט שוין פאַר מיר געווען א גרויסע פאַרלייכטערונג. א סך זאַכן און אומאָנגענעמע טאַטן, וואָלטן געקענט אויסגעמיטן ווערן, אָדער ווײ־

ניקסטנס פארגלעט ווערן. איצט, מיין פריינד, איז די לאגע אן אוים־וועג. יא, דער אויסוועג וואלט געווען (אדער מעגלעך די זאך נאך מער פארפלאנטערט) אין איבערשניידן דעם קנופ. דאס איז ביי אונדז אבער נישט מעגלעך, ווייל אונדזער פארבינדונג איז געווען און איז נאך איצט אויך א נאטירלעכע, דורך גלייכשעצונג און ליבע. איצט קומען אן נייע געשעענישן, וואס וועלן אונדזביידן פארשאפן א סך ליידן, כאטש מיר וועלן זיי מוזן טראגן אין זיך. פאר מיר וואלטן די געשעענישן געווען זייער פריידיקע. פאר מיר וואלט די חתונה פון מיין טאכטער און דאס בר־מצוה ווערן פון מיין זון געווען די פרייד פון א ציל־דערגרייכונג אין לעבן. מיין טאכטער האט א יידישן חתן און זיי קלייבן זיך צו גיין צו דער חופה. מיין ליבער זונעלע ווערט 13 יאר און מיינע עלטערן לערנען אים די דרשה. זיי האבן צוגעשיקט א לערער, אדער ווי זיי רופן אים, רבי, ספעציעל אויסצולערנען אים יידישקייט, דינים און די דרשה צו האלטן ביים יום־טוב פון זיין בר־מצוה, וואס מען וועט פראווען פאר דער גאנצער משפחה און פריינד. די חופה פון מיין טאכטער וועט פאר־קומען אין יידישן טעמפל. דאס איז דער פארלאנג פון חתנס צד און פון מיינע עלטערן. זיי האבן דאך אלע קוים דערלעבט דעם גליקלעכן טאג. (מיינע עלטערן זיינען, אגב, זייער צופרידן מיט מיר, ווייל א סך יידישע פראפעסיאנאלן, וואס האבן חתונה געהאט מיט גויעס, זיינען אליין גע־ווארן פרעמד צו די עלטערן זייערע. און זייערע קינדער ווערן דערצויגן פון זייערע פרויען אין קריסטלעכן גייסט.) איך מוז אייך אבער מודה זיין, אז מיינע ליידן וועלן זיין אינערלעך זייער גרויס צוליב דעם בלויזן געדאנק, און איך האב דאך איצט א גרונט דערצו, אז מיין פרוי וועט זיך שטיל פייניקן און נאך מוזן מאכן דערצו א פריילעכע מינע. איך וואלט אפשר נישט געדארפט זיין אזוי און טאנצן פאר פרייד, צו להכעיס דעם געוויסן און דער גאנצער וועלט. איך וואלט זיך נישט געדארפט רעכענען מיט גארנישט און אננעמען די טאטזאכן ווי זיי זיינען (וועלכע זיינען צוליב אומשטענדן אוועק אין אזא ריכטונג). ביי מיין סוסאנאן קען דאך דאס נישט קומען פון פאנאטיזם, אדער אבערגלויבן, נישט אפילו פון אייפערזוכט און אמביציעזן מינדערווערטיקייט־געפיל.

איך רעכן, אז דאס רעליגיעזע געפיל דאמינירט אויך נישט ביי אזא אינטעליגענטער פרוי ווי מיין סוסאנא. די אנדערשקייט פון איר דערציאונג, געוואוינהייטן פון איר פאטער־מוטער־הויז, קען דאך ביי ליבע און משפחה־גליק נישט האבן קיין ווערט, קיין שום ממשות. די

אַנדערע סביבה, אין וועלכער זי איז אריין, די כאַראַקטעריסטישע גע־וואוינהייטן אירע, אונדזערע באַזונדערע מנהגים, מאכלים, זיטן, קען דאָך געוויס נישט האָבן קיין ווירקונג אויף אַזאַ געלערנטער פרייער פרוי. און זי איז דאָך שוין פון אַזויפיל יאָרן צו דעם צוגעוואוינט!

— אָבער... — האָט זיך ד״ר שפּילער מעלאַנכאָליש ווידער פאַר־טראַכט — ניין, מיין פריינד, איך בין אין דעם אַלץ נישט זיכער. איך זוך, מסתמא, דערמיט נאָר זיך צו באַרואיקן. איך צווייפל שטאַרק, צי דאָס איז טאַקע אַזוי. און דאָס איז מיין טראַגעדיע; די טראַגעדיע פון אַ צווייפלער אין פלאָנטער פון זיין אייגן לעבן. איר וועט אפשר לאַכן פון מיר. איר וועט עס אָנרופן „שוואַכקייט פון כאַראַקטער", „יידי־שע ווייכקייט, יידישע צעבראָכנקייט", אָדער סתם צו איידעלע מאָראַ־לישע פיינקייט. דאָס קען מיך אָבער פון דעם פלאָנטער נישט באַפרייען. פאַרוואָס, באמת, האָב איך זיך גענומען מער רעכט אויף אונדזערעביידע קינדער? און האָט זי טאַקע גאָרנישט קיין איינפלוס אויף זיי?...

„איך דאַנק אייך זייער, מיין פריינד, פאַר אויסהערן מיך. — האָט דער דאָקטאָר שפּילער פאַרענדיקט. מיר וועלן נאָך שמועסן וועגן דעם ענין, אויב איר וועט וויליק זיין מיך אויסצוהערן", האָט ער צוגעגעבן אַפּזיפצנדיק, ווי ער וואָלט זיך לעת־עתה באַפרייט פון אַ שווערער משא, נאָר ער דאַרף נאָך די משא ווידער שלעפּן...

ער האָט קיין עצה ביי מיר נישט געבעטן, נישט געפרעגט. ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט מיט אַ „צום ווידערזען", ווי דאָס וואָלט געווען פאַר אים אַן אויסוועג, אַ טרייסט, און פעסט דריקנדיק מיין האַנט האָט ער איבערגעחזרט דאָס „ווידערזען" אַ סך מאָל...

אינהאַלט:

זייט

דער נישט פארענדיקטער בריוו — 7

מלחמה — 35

דער „שלימזל" — 45

דער וועקסל — 59

„סאטיספאקציע" — 73

„געפאַלן אַפריז" געפאַלן בערלין — 83

די פאָטאָגראפיע — 99

וואגאבונדן — 109

אַן אומשטערבלעכער שמייכל — 129

אמביציע — 141

דער בעל־תשובה — 149

דער קיילעכדיקער מיליאָן — 161

טויערן פון דער צייט — 179

צוליב דער שוועסטער — 189

אין פלאָנטער פון לעבן — 201

דרוק־פעלער

זייט 31 שורה 5: אָנשטאָט „זיך געסטאַרעט צו פאַרנעמען דעם עבר" דאַרף זיין „פאַרגעסן דעם עבר".

זייט 73 שורה 4 דאַרף זיין: „האָט זיך געהערט דאָס מאָנאָנטאָנע קלאַפּן פון די וועב־מאַשינען, ווי דער".

זייט 196 שורה 13: אָנשטאָט „ווירנדיק איבעראַשט" דאַרף זיין „ווערנדיק איבעראַשט".

זייט 102 שורה 16: אָנשטאָט „ווען זיין פרוי איז" דאַרף זיין „ווער זיין פרוי איז".

Este libro se terminó de imprimir el día 25 de febrero de 1954, en los Talleres Gráficos "Optimus", S.R.L., calle Valentín Gómez 2715-19, Buenos Aires, Argentina